פערלאג
מענדעלע
ווארשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

איינאונצוואנציגסטער באנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל״, וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראמאָוויץ)

מעשיות וועגן מענדעלען

אויפגעקליבן דורך נחמן מייזיל

פערלאג „מענדעלע״ וואַרשא

1928

אינהאלט

זייט

הקדמה 5
שלום עליכם—פיער זענען מיר געזעסען 11
ש. ל. ציטראָן—שלום יעקב אבראַמאָוויטש . . . 55
ש. אַנסקי—דער ריעז 83
י. ח. ראַווניצקי—דער „זיידע“ אויף דער פרייער נאַטור . 95
„ „ מענדעלע און אחד־העם . . . 105
שלום עליכם—איטאָ־דאָ־פע 111
ד״ר יוסף קלויזנער—מענדעלע׳ס שיחות־חולין . . . 121
ראובן בריינין—מענדעלע אין זיין רעדען . . . 143
ז. שניאור—פון דעם „זיידענס“ קוואַל 147
מ. קיטאַי—מענדעלע אין לעבען 185
משה כ״ץ—צוגאַסט ביי מענדעלע׳ן 199
יעקב פיכמאַן—ביים אָוענד־שיין 203

1941:12667
76063
i 49810820

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner Warszawa Nowolipki 6.

מעשיות וועגן מענדעלען

דער דאָזיגער באַנד „מעשיות וועגן מענדעלען" דאַרף פאַר אונז אַנטפּלעקן מענדעלע'ן אין לעבען,—זיין געשטאַלט, זיין פיזיאָגנאָמיע און די אַלע באַזונדערע אייגנשאַפטען פון זיין כאַראַקטער. מענדעלע שבעל־פה מיט זיינע אייגנאַרטיגע געשפּרעכען און מיט זיינע מערקווירדיגע שיחות־חולין איז געווען נישט־ווייניגער אינטערעסאַנט און נישט־ווייניגער שעפעריש פון מענדעלע־שבכתב, פון מענדעלע דעם שריפטשטעלער. אויב אין זיין שרייבען איז מענדעלע נישט געווען פון די „גיך־שריי־בער" און אָפטמאָל פלעגט ער אָבזיצען שעהן אויף איין זאַץ, אויף איין שורה, און עס זענען ביי איהם געווען ציימען, ווען חדשים און יאָהרען האָט ער אינגאַנצען נישט געשריבען,—איז ער אין לעבן, אין זיינע שמועסען תמיד געווען אַקטיוו, גרייט געווען שטענדיג צו רעדען און רעדען, און בעת'ן רעדען האָט ער געגעבען גלענצענדיגע עפּיזאָדען און שיל־דערונגען פון זיין קאַבצאַנסק און גלופּסק און אָבגעמאָלט ווי אַ גאַנצ'ער קינסטלער־אַקטיאָר זיינע אַלטע בעקאַנטע פּאַרשוינען. פון וועלכע ער פלעגט שרייבען משונה־ווילדע וואונדערלעכע מעשיות.

ס'איז גאַנץ־מעגליך, אַז ביי מענדעלע'ן איז עס געווען אַ נייט־ווענדיגער פּראָצעס: אויפלעבען די אַלע פּאַרשוינען און זיינע געשפּרע־כען, כדי דערנאָך צו קאָנען אַרויסברענגען זיי אויפ'ן פּאַפּיר, ווי זיי שטעהען און געהען מיט אַלע זייערע פּיטשעווקעס. נאָכמאַכען, נאָכקרוי־מען, אימיטירען איז געלעגען אין מענדעלע'ס כאַראַקטער פון די פאַמע קינדער־יאָהרען, און אין די שפּעטערדיגערע ציימען האָט אָט די אייגענ־שאַפט אין איהם זיך אַלץ מעהר אַנטוויקעלט. מ'דאַרף באמת בע־

דויערען, וואָס זיינע נאָהענטע פריינד האָבען בעצייטענס ניט פערנאָטירט מענדעלע'ס אַלע מעשיות, המצאות, גלייכווערטלעך, אַפאָריזמע סדי צו פערהיטען זיי אין זייער אייגענטליכער פאָרעם פאַר די קומענדיגע דורות.

אין דעם באַנד האָבען מיר אויפגעקליבען די מעשיות, וואָס עס זענען דערצעהלט וועגען מענדעלען פון זיינע נאָהענטע פריינד און מקורבים. אַ רייהע מעשיות וועגען מענדעלען קאָן מען אויך געפינען אין די ערינערונגען, וואָס זענען טוין אריין אין די „זכרונות וועגען מענדעלען" אין (באַנד XX—אַלע ווערק פון מענדעלס מו"ס).

פון די ארטיקלען, וואָס קומען אַריין אין דעם באַנד, זענען נאָר איינגע געגעבען געוואָרען אינגאַנצען, ווי זיי זענען געשריבען דורך זייערע מחברים (י. ח. ראַווניצקי—דער זיידע אויף דער פרייער נאַטור; שלום עליכם—איטא־דא־פע), די אַלע איבעריגע זענען דאָ געבראַכט מיט קלענערע און גרעסערע פערקירצונגען (שלום עליכם—פיער זענען מיר געזעסען, ש. ל, ציטראָן—ש. י. אבראמאָוויטש, ש. אַנסקי—דער ריז, י שניאור—פון דעם „זיידענס" קוואַל, מ, פ"ץ—צו גאַסט ביי מענדעלען). י ח. ראווניצקי „מענדעלע און אחד־העם" איז אַ פראַגמענט פון י. ח. ראַווניצקי'ס העברעאישען ארטיקעל, ראובן בריינין'ס „מענדעלע און זיין רעדען", איז אַ קאַפיטעל פון אַ גרעסערער אַרבייט, וואָס האָט זיך לעצטענס געדרוקט אין אמעריקאנער „טאָג", מ. קיטאַי"ס „מענדעלע און לעבען" איז דורך אונז צונויפגעשטעלט פון צוויי בעזונדערע ארטיקלען וואָס מ. קיטאַי האָט פערעפענטליכט אין 1918-1917 אין קיעווער „די נייע צייט". די אַרטיקלען פון ד"ר יוסף קלויזנער—מענדעלעס שיחות־חולין, יעקב פיכמאַן—„ביים אָווענד שיין" זענען איבערגעזעצט פון העברעאישען,--דער ערשטער מיט איינגע פערקירצונגען און דער צווייטער מיט איינגע נייע צוגאָבען, געמאַכט דורך יעקב פיכמאַן.

מענדעלע שבעל־פה ווארט נאָך אויף אַ גרעסערער אַרבייט, וואָס זאָל איהם אָבמאָלען אין זיין גאַנצער גרויס און פערנעהם. זאָל דעם באַנד „מעשיות וועגען מענדעלען" זיין דער אָנהויב.

נ. מ.

מעשיות וועגן מענדעלען

שלום עליכם

פיער זענען מיר געזועסען *)

אלע מיינען, אז בערג, למשל, שטעהען אויף איין ארט. און איך זאג אייך, אז בערג געהען, און נאך ווי אזוי! זיי לויפען! ווען בין איך דערגאנגען דעם דאזיגען שכל? אין דער צייט, ווען מיר, דריי אידישע שריפטשטעלער און איינער א פאעט, האבען געמאכט די ערשטע עקסקורסיע צו די בערי־המטע, מיט אייביגען שניי בעדעקטע, אלפענבערג.

ארויסגעגאנגען א פאר מייל פון שטאדט ארויס, האט זיך אונז אויסגעדאכט: אט־אט זענען מיר ביי די בערג. אט־אט נעם ציה אויס א האנד — גיט איהר זיי אפ שלום. נאר וואס

---

*) אין אנהייב פון „פיער זענען מיר געזעסען" (געשריבען אין יאהר 1908) גיט שלום־עליכם צו ווענען די פערזאנען, וואס פיגורירען אין דער שילדערונג: „מענדעלי מוכר־ספרים — א שענער זקן, רעדט צוקערזיס. ביאליק — א פאעט, א בעל־מחשבות. בן־עמי — א איד, וואס קאכט זיך. שלום־עליכם — אן אלטער בעקאנטער, וואס הערט זיך צו און שרייבט אלסדינג אריין אין א ביכעל". געווען איז עס נאך דער רעוואלוציע און די פאגראמען אין רוסלאנד (אין די יאהרען 1905—1906), ווען די פיער דערמאנטע שרייבער זענען געווען אין דער שווייץ. פון דער ערצעהלונג זענען דא געגעבען געווארען נאר די ערטער, אין וועלכע ס'ווערט געשילדערט מענדעלע. — רעד.

ווייטער מיר געהען צו זיי, אַלץ ווייטער געהען זיי אַוועק, אַנטלויפען פון אונז. מיר הויבען אָן געהן אַביסעל גיכער, שטאַרק גיך, — בלאָטע! זיי לויפען נאָך גיכער.

— זיי רייצען זיך מיט אונז! — רוף איך מיך אָן צום איבעריגען עולם.

— ווער?

— די בערג.

— איך ווייס גאָר ניט, וואָס דאָס איז! — רופט זיך אָן מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט, וועלכער איז קלאָר אין די אַלפּענבערג, ווי אַ איד אין אשרי. — ס'איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי ווייט, ווי איצטיגס מאָל. איהר זאָלט מיך פאָלגען, וואָלטען מיר געגאַנגען אַביסעל גיכער.

און אָט אַזוי האָט ער אונז אונטערגעגעבען אַלע מאָל מער היץ, מיר זאָלען געהן גיכער, מעהר פון אַלעמען זיך איינגעמיעדט און מחמת דעם איז ער געוואָרען בייז, גערעדט מיט גאַל, געשאָטען מיט פייער, אויסגעלאָזט כל חמתו אויף פאָני-גנב מיט זיין רעוואָלוציע און מיט זיין קאָנסטיטוציע.

— שאַט! איך וויל אייך עפּיס פרעגען! — אַזוי האָט זיך אָנגערופען צו אונז אַלעמען דער זיידע רב מענדעלי, און מיר אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. — איך וויל, איהר זאָלט מיר זאָגען, יעדער בעזונדער, ווי אַזוי פיהלט איהר זיך אין דער מינוט?

אַפנים, אַז מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט דער ערשטער פערשטאַנען דעם זיידענ'ס פראַגע, מחמת ער האָט זיך געאיילט ענטפערען דער ערשטער, ווישענדיג מיט די פאָלעס דעם שווייס פונ'ם נאַסען שטערן.

— איך פיהל מיך אַזוי גרינג, אַז איך וואָלט געפלויגען, ווי איין אָדלער, נישט אַרומגעקוקט זיך צוריק אַפילו אויף אַ מינוט.

— און איך — מאַכט דער יונגער פּאָעט ביאַליק, איינגעקוקט זיך אויף מיר — איך פיהל מיך ניט שלעכט, נאָר פליהען ווי איין אָדלער — ווייס איך ניט, אויב איך וואָלט געפלויגען.

אַצינד איז געקומען די צייט, איך זאָל אויך עפּעס ענטפערען. און איך האָב געזאָגט:

— איך פיהל, אַז עס וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונד, ווען מיר זעצען זיך אָט-דאָ, למשל, אויפ'ן גראָז...

מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט איז געוואָרען אָנגעצונדען. ער האָט געזאָגט, אַז אויב מיר וועלען אָט אַזוי געהן, וועלען מיר שבת האַלטען אונטער'ן באַרג. מיך האָט ער געמאַכט אויסצודרעהען. ער האָט ניט פערשטאַנען, ווי אַזוי נעמט זיך אונטער אַזאַ מענטש, ווי איך, געהן, אַז איך ווייס, אַז איך קאָן ניט געהן?

פון דעסטוועגען האָט דאָס איהם גאָרניעט געשטערט, ער זאָל צונויפלעגען דעם שירם, פערקאַטשען די פאָלעס און גלייך מיט אונז אַלע זיך אַ וואָרף טהון אין גריגעם, פרישען, שמעקעדיגען גראָז אַריין און געניסען טעם גן-עדן פון רוהען אין מיטען פעלד, אונטער גאָט'ס הימעל, און הערען דעם זיידען דערצעהלען אַ מעשה

• • •

בעשרייבען אַ מעשה און דערצעהלען אַ מעשה — דאָס איז זיך צוויי בעזונדערע זאַכען. פאַרהאַן מענשען, וואָס וועלן אייך בעשרייבען אַ זאַך אויסגעצייכענט, און לאָזען זיי אייך עפּיס נעמען דערצעהלען, צעברעקלען זיי דאָס און צעקייען עס אייך אַזוי, אַז עס שלאָגט צו דער גאַל. און פאַרהאַן מענשען, וואָס וועלן אייך דערצעהלען אַ מעשה טשאַקענדיג, אויסגעטאָקט און אויסגעפּוצט מחיה נפשות, — און פּרובט, לאָזען זיי דאָס וועלען איבערגעבען אויף פּאַפּיער — איר זאָלט זיי אַראָפּנעמען דעם קאָפּ! פאַרהאַן נאָך אַ קאַטעגאָריע גליקליכע מענשען, וואָס זענען ווייט פון ביידע זאַכען, ניט דערצעהלען, ניט בעשרייבען; נאָר פון זיי רעדען מיר נישט. מיר רעדען פון די, וואָס די נאַטור האָט זיי געבענשט מיט ביידע טאַלאַנטען. דער זיידע רב מענדעלי מוכר-ספרים בעזיצט ביידע מתנות פון זיין ליבען נאָמען אויפ'ן העכסטען שטיי-

גער. ער, אז ער דערצעהלט א מעשה. מאָהלט ער א בילד, און איהר זיצט און הערט און זעהט, און עס דאַכט זיך אייך, אז איהר לעזט דאָס פון א בוך — ניין! וואָס זאָג איך? עס דאַכט זיך אייך, אז דאָס לעבט, אז דאָס רעדט, אז דאָס קומט-פאָר פאַר אייערע אויגען, און עס ווילט זיך אייך אייביג אזוי זיצען און הערען, און הערען, און הערען...

דער שמועס, וואָס ביי אונז האָט זיך געקייטעלט, האָט זיך אָנגעהויבען, געוויינטליך, פון פּאָליטיק, פון דער אידישער לאַגע אינ׳ם אומגליקליכען לאַנד. און מען איז אריבער אויף דעם, וואָס אונז שריפטשטעלער, איז מעהר נאָהענט צום הארצען, — אויף דער ליטעראַטור. די גאַנצע צייט איז אָבער דער זיידע געזעסען פערכמורעט, מיט א ביטער שמייכעלע אויף די ליפּען, ווי איינער רעדט: „נאַראָנים האָבען געפונען פון וואָס צו רעדען!“... דער זיידע האָט זיך אויפגעהויבען מיט א קאָפּ העכער פון דער גאַנצער וועלט און האָט געזאָגט, אז כל זמן עס וועט לעבען די „אונערבאַרעמליכ-קייט פון עקזיסטענץ“ („אכזריות הקיום“), וועט איהם נישט נעמען נישט דאָס „שלעכטע“ נישט דאָס „גוטע“, וואָרום עס איז נישטאָ אויף דער ערד נישט „שלעכטעס“ נישט „גוטעס“ — עס איז נאָר דאָ דאָס, וואָס עס איז... און ער האָט אויסגעלאָזט זיין פילאָזאָ-פישע טעאָריע מיט א בקשה צו אונז, זיינע אייניקלעך, אז מיר זאָלען איצטיגס מאָל אראָבוואַרפען פון זיך די שריפטשטעלערישע קאַפּאָטע, פערגעסען, אז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט א קולטור מיט א ליטעראַטור, מיט בוכדרוקעריי, מיט מוכרי-ספרים און, פערלעגער און ארויסגעבער, און צייטשריפטען, און גאַזעטען, מיט מענשען-רשעים און מענשען-צדיקים, מיט פּאָני. מיט, להבדיל, אידען, מיט נאָך אזעלכע זאַכען, און מיר זאָלען געדענקען, אז איצט, אין דעם דאָזיגען טאָג, זענען מיר גלאַט מענשען — טוריסטען, וואָס האָבען גענומען איין עקסקורסיע אין די אַלפּענבערג. עלעהיי ענגלענ-דער! און מחמת מיר זענען אביסעל מיעד, האָבען מיר זיך אַני-דערגעזעצט אָט דאָ אביסעל רוהען, און לאָמיר בעסער רעדען, דערצעהלען גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין.

— מעשיות! מעשיות! — האָבען אויסגעשריען מיר, אלע

דריי אייניקלעך. — דערצעהלט אונז עפּיס א מעשה, זיידעניו, א מעשה!

— א מעשה? וואָס פאַר א מעשה זאָל איך אייך דער-צעהלען?

— דערצעהלט אונז, זיידעניו, א מעשה פון זיך אליין, פון אייער אייגענעם לעבען, פון פאַרצייטען!

— גוט, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה מיט א פערטעל עוף, נאָר מיט א תנאי...

— אז מע זאָל אייך ניט איבערשלאָגען אין מיטען? ניט פערלויפען אויף צו-פריהער? ניט ארייַנפאָהרען מיט א וואָגען אין שליטען אריין?

— אָט-אָט-אָט! גוט, וואָס איהר ווייסט מיין טבע און וואָס איהר קענט זיך אליין.

אזוי האָט אונז געזאָגט דער זיידע, זיך גענומען צום מדרש, וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג אריין צידה לדרך, פערריסען די ברילען ארויף אויפ׳ן שטערען, געגעבען א קוק-אריין, פערמאַכט דעם מדרש, אראָפּגעלאָזט די ברילען צוריק אויף דער נאָז און אָנגעהויבען מיט א ניגון פון דער גמרא:

א מעשה מיט א פערטעל עוף

— הערט זשע, אמר רבי יוחנן — האָט רבי יוחנן גע-זאָגט: איבער קמצא ובר-קמצא איז חרוב געוואָרען ירושלים; איבער א הוהן מיט א האָהן איז חרוב געוואָרען די שטאָדט ביתר; איבער א פלעקעל פון א וואָגען איז חרוב געוואָרען טור-מלכא. ערלויבט מיר צוצוזעצען: איבער א פערטעל עוף איז פון אבראַמאָוויטש געוואָרען מענדעלי מוכר-ספרים. הערט א מעשה!...

מיר רוקען זיך צונויף אלע דריי נאָך נעהנטער צום זיידען, און דער זיידע הויבט-אָן צו דערצעהלען בזה הלשון:

— שטעלט אייך פאָר אַ גרויסען פיערעקעכיגען פלאַץ, פערב׳יט פון איין זייט מיט אַ ברייטען מויער, אַ פּאַלאַץ, פון דער אַנדערער זייט — מיט אַ שענעם בית-המדרש, ביי דער זייט, להבדיל, אַ מרחץ, אַ גרויסע קיך, ברייטע שטאַהלען און קאַמערס מיט קעמערלעך — דאָס איז דער „הויף". ווענען׳ס הויף — דאָס וועט איר וויסען שפּעטער. אין בית-המדרש זיצען יומם ולילה צעהן אידען לומדים און לערנען. נאָר אַז מע זאָגט אייך צעהן אידען לומדים זיצען און לערנען, שטעלט איהר זיך שוין פאָר אין דער פאַנטאַזיע די געוויסע „עשרה בטלנים", דאָס הייסט: פערשמירטע, אָפּגעריסענע, אָרעמע לעדיג-געהער. האָט ... צייט! דאָס זענען געווען צעהן שענע זויבער-געקליידטע פאַרשוינען, מיט ליכטיגע פּנים׳ער, געקליבע-נע לומדים פון דער ליטא, וואָס יעדער פון זיי וואָלט געמעגט זיין אַ רב בכל תפוצות ישראל. אַ זכיה האָט געהאַט דער, וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרען צו הערען פון זיי אַ וואָרט. אַלע פריה און פאַרנאַכט האָט מען דאָרט געדאַווענט — דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך. האָט איהר אייך דעם בית-המדרש. אַצינד וועלען מיר זיך דורכגעהן מיט אייך אין קיך אַריין. נאָר אַז איך זאָג אייך אַ קיך, זאָלט איהר ניט מיינען, אַז איך רעד פון סתם אַ קיך מיט איין אויווען, מיט איין אונטער-אויווען, מיט איין אויפ׳ן-אויווען און מיט אַ קאַץ. ניין, דאָס מיין איך אַ גאַנצען רעסטאָראַן מיט לאַנגע געדעקטע טישען, און אויף די טישען — פון כל טוב: פיש און פלייש און ביער און פּירות אַלערליי, און כל דכפין — פראַנק און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט, מיט צוויי טיהרען, פון איין טיהר אַריין, פון דער אַנדערער אַרויס, אויף און אָפּ, ווי אויף אַ יאַריד! און די קאַמערען מיט די קעמערלעך זענען געפּאַקט מיט פּראָוויזיע אויפ׳ן גאַנצען יאָהר, און משרתים, דיענערס און דיענסטען און משגיחים, דרעהען זיך אַרום הין און הער, און עס קאָכט ווי אין אַ קעסעל. ווער עס קאָכט, ווער עס באַקט, ווער עס דערלאַנגט עסען, ווער עס וואַשט, ווער עס פּרעסט, ווער עס הייצט דאָס באָד, ווער עס לעשט די ליכט אום שבת, — דערויף איז פאַרהאַן

אין הויף אַ בעזונדער פאַרשון, אַ שבת-גוי מיט׳ן נאָמען פּאַוולאַ, וואָס פון איהם האָב איך אייך גאָר אַ בעזונדערע מעשה. איהר קאָנט פערשטעהן, ווער דער פּאַוולאָ איז — אַז ס׳זענען געווען מענשען, וואָס פלעגען ביי דעם פּאַוולאָ זיך נאָכפרעגען, ווען איז ראש-חודש און ווען איז דער מולד... נאָר מיר לאָזען פאָר-לויפיג פּאַוולאָ צו-רוה, און מיר קעהרען זיך אום צוריק אין „הויף" אַריין. דאָס האָט איהר אייך דעם פּרוזדור, דער אַריינטריט. אַצינד וועלען מיר זיך מטריח זיין מיט אייך אין טרקלין, אין פּאַלאַץ אַריין, זיך בעקענען מיט׳ן אייגענטהימער פונ׳ם „הויף".

שטעלט אייך פאָר אַ בילדשענעם מענשען, האַלב-אידיש, האַלב-אייראָפּעאיש געקליידט, מיט אונטערגעבויגענע פּאות, מיט אַ ווייסען קאָלנער, מיט אַ ליכטיג שטרענגען פּנים, מיט מאַ-ניערען פון אַ פירסט. דער גאַנצער „הויף" שטייט פאַר איהם ווי פאַר אַ מלך. אין שטוב איז ריין, זויבער, רייך, נאָר איינ-פאַך און שטרענג, און זעלטען ווער עס האָט די עהרע אַהער אַריינצוטרעטען, אַ חוץ שבת; און קומט שבת, ווערד געדעקט אַ לאַנגע רייהע פון טישען, און אַ חוץ דער פאַמיליע ווערען איינגעלאַדען אויך געסט פון די פאָרנעמסטע אורחים. איך האָב אייך פערגעסען מיטצוטיילען, אום איר זאָלט האָבען אַ ריכ-טיגען בעגריף פון דעם „הויף", אַז אין שטוב דרעהט זיך אַרום אויך אַ גלוח. דאָס איז אַ דייטש, אַ לעהרער צו די קינדער, וואָס לעהרענט מיט זיי „שפּראַך". אויבענאָן, אויף אַ הויכען שטוהל, זיצט דער בעל-הבית, דער אייגענטהימער אַליין, און אַלע אויגען זענען צו איהם.

ווייסט איהר, ווער דאָס איז? דאָס איז אַ ליטווישער גביר, אַ איד אַ סוחר, רב יונה סלוצקער, און די מעשה קומט-פאָר נישט אין קיין אַנדער שטאָדט, נאָר טאַקי אין סלוצק.

אַצינד לאָזען מיר איבער דעם בן-מלך און נעמען זיך צו דער בת-מלכה, דאָס מיין איך — צו רב יונה סלוצקערס טאָכטער, וואָס איהר נאָמען איז געווען פייגעל און גערופען האָט מען זי די „קליינע אויגעלעך", נישט בלשון סגי-נהור, ווייל

די האָט געהאַט גרויסע אויגען, נאָר טאַקי דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט זעהר קליינע אויגעלעך, און מחמת רב יונה סלוצקער איז געווען אַ ייד אַ גביר, און די טאָכטער האָט געהאַט קליינע אויגעלעך, האָט מען איהר געזוכט אַ חתן איין אָרעם בחור. נאָר אַ מושלם, אַ צאַצקע, אַזעלכען, וואָס זאָל זיין איינער ביי גאָט דער אַנדערער ביי איהם, — און גאָט האָט איהם געבראַכט די מציאה אין שטוב אַריין.

איהר שטויסט זיך שוין אודאי, אַז דאָ וויל איך אייך דערצעהלען שוין פון זיך. אַלזאָ, מוז איך אייך דערקלערען, ווער בין איך געווען און וואָס בין איך געווען צו יענער צייט. מיך האָט גאָט געבענטשט מיט דריי טיטלען מיט אַ מאָל. איך בין געווען אַ „יתום", אַ „יורש" און אַ „נשרף". אַ יתום בין איך געווען פון טאַטע-מאַמע אין אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטא, אין קאַפוליע. אַ יורש בין איך געווען אויף אַ חלק פון דער דירה, וואָס איז געבליבען אונז בירושה — געוויינטליך, נישט אויף אַ גרויסען חלק: דעם גרעסטען חלק האָט געהאַט מיין עלטערער ברודער, דער בכור; אויף מיין חלק האָט זיך אָנגענומען סך-הכל אַ „זיבעטעל", וואָס אַז מע זאָל געווען די דירה צו יענער צייט פערקויפען, וואָלט זיך אָנגענומען אויף מיין חלק אודאי אַ קערבלעך דרייסיג, און געוויס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען מיר מקנא געווען. נאָר אַזוי ווי מע האָט די דירה בעצייטענס ניט פערקויפט, — און שולדיג זענען אין דעם געווען טאַקי די יורשים אַליין — איז זי אין דער גרויסער שרפה, וואָס עס איז געווען ביי אונז אין קאַפוליע, אָפּגעברענט געוואָרען, און צו מיינע צוויי טיטלען, „דער יתום" און „דער יורש", איז צוגעזעצט געוואָרען אַ דריטער טיטעל: „דער נשרף", וועלכער האָט איינגעשלונגען יענע ערשטע צוויי טיטלען, ווי די זיעבען מאָגערע קיה פון מצרים, וואָס האָבען אַזוי בריה'ש איינגעשלונגען אין זיך די זיעבען פעטע קיה, אַזוי אַז קיינער האָט ניט דערקענט, וואָס פאַר אַ גוטען אָנבייסען זיי האָבען געהאַט...

מילא, דערצעהלען אייך וואָס אין קאַפוליע האָט זיך אָפּגע-

טהאָן בשעת פונ'ם „יתום" מיט'ן „יורש" איז געוואָרען אַ „נשרף" — וויל איך נישט. דאָס לאָז איך איבער אויף איין אַנדערש מאָל. איך וויל אייך נאָר מודיע זיין, אַז עס האָבען זיך געפונען גוטע בארעמהערציגע מענשען, וואָס האָבען רחמנות געהאַט אויפ'ן „יתום" דעם „נשרף" (דער טיטעל „יורש" איז אַוועק, וואו דער ליעבער שבת-קודש געהט אַוועק) און האָבען איהם אָפּגעפיהרט פון קאַפוליע קיין סלוצק צו רב יונה סלוצקער אין בית-המדרש אַריין — לערנען.

מיין איבעראַשונג, אַז איך בין אָנגעקומען צו רב יונה סלוצקער אין „הויף" אַריין, לאָזט זיך ניט בעשרייבען. איך בין זיכער, אַז קיין תלמיד פון דער ישיבה און קיין סטודענט פון אוניווערסיטעט האָט אַזוי פלייסיג נישט געלערענט און אַזוי פיעל הנאה געהאַט פון דעם לערנען, ווי דער „יתום" פון קאַפוליע האָט געהאַט ביי רב יונה סלוצקער אין בית-המדרש. אייביג וועל איך ניט פערגעסען די לאַנגע ווינטער-נעכט אינ'ם העל-בעלויכטען גוט-אָנגעהייצטען בית-המדרש, אויף די גלאַטע בענק מיט די געבאָלירטע סטענדערס, וואו דאָס קול קלינגט זיך אָפּ מיט אַ זעלטענער זיסקייט, וואָס צעגעהט זיך ממש אין די ביינער, נאָכדעם — דאָס געשמאַקע דאַווענען מיט'ן ערשטען מנין פאַרטאָג, אַז דער רבונו-של-עולם אַליין שלאָפט נאָך, און נאָכ'ן דאַווענען — דאָס הייסע גלעזעל טיי מיט זודיגע מילך מיט פרישע געבעקס, נאָר-וואָס פונ'ם אויווען. און ועל כולם — פרייטאָג אין באָד אַריין מיט די פראַכטפולע שטיינערנע בענק, ריינע שעפלען, מחיה'דיגע שפריצערס, ריינע באַסיינס אויף צו שווימען — איין אמת'ער גן-עדן! איך זאָג אייך דעם אמת: איך וואָלט וועלען אייביג זיין אַ „יתום" אַ „נשרף" און זיצען ביי רב יונה סלוצקער אין „הויף", אַלס אָרעם-בחור, און לערנען. איז דאָך אָבער דאָ אַ שטן מקטרג אויף דער וועלט, געהט ער און רעדט אָן די לומדים, וואָס האָבען מיט מיר געלערענט און בית-המדרש, אַז זיי זאָלען רעדען מיט רב יונה סלוצקער וועגען דעם קאַפוליער אָרעם-בחור, און רב יונה סלוצקער גיט אַרויס אַ בעפעהל, אַז שבת זאָל מען מיך ברענגען צום „טיש". פונ'ם שמועס, וואָס די עשרה בטלנים האָבען גע-

האט צווישען זיך, האָב איך פערשטאַנען, אום וואָס דאָ האַנדעלט זיך. קיין גרויסער הכם דאַ האָט מען ניט בעדאַרפט זיין, וואָרום זיי האָבען מיר גלייך אַרויסגעזאָגט, אַז איך בין אַ גרויסער בר־מזל, און האָבען שוין געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ פרינץ, ווי אויף רב יונה סלוצקער׳ס טאָכטער׳ס חתן.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם טאָג, ווען איך האָב בעדאַרפט צום ערשטען מאָל געהען צום „טיש" — בעדאַרף איך אייך נישט דערצעהלען. דער כח הדמיון האָט מיך געכאַפּט אויף די פליגלען און האָט מיך אַוועקגעטראָגען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, ערגיץ הינטער די הרי־חושך, און איך האָב מיך דערזעהן זיצען אויבענאָן אויף אַ גאָלדענעם שטוהל, אָנגעטהאָן אין סאַמע זיידענע מלבושים, און דער גאַנצער „הויף" מיט די עשרה בטלנים מיט, להבדיל, פאוולאָ דעם שבת־גוי קניהען און בוקען צו מיר, און איך שאַף מיך מיט זיי, זיי זאָלען מיר דערלאַנגען די גמרא... און פלוצים, איך טהו אַ קוק — עס פליהט אַ קאַרעטע מיט געגילדטע רעדער און מיט ברענענ־דיגע פערד, און אין קאַרעטע, זעה איך, זיצט צעלעגט אַ גראַף — דער „יתום", דער „יורש", דער „נשרף" פון קאַפּוליע, און וויל גאָרנישט אַ קוק טהון אויף מיר...

— וואָס נעמסט דו זיך איבער אַזוי ? — טענה איך צו איהם. — דאָס בין איך דאָך טאַקי אַליין, הייגט וואָס איז מיט דיר דער יחוס ?...

— הקיצור, איך וועל אייך נישט מאריך זיין, קינדער. מע האָט מיך געבראַכט צום „טיש" דעם ערשטען פרייטאָג־צו־נאַכטס און מע האָט מיך אַוועקגעזעצט ביי׳ם עק טיש, פונקט אַ קעגען דעם גביר און אַקעגען דעם גביר׳ס טאָכטער מיט די קליינע אויגעלעך. דער גביר האָט אַלע מאָל געוואָרפען אויף מיר אַ פּאָר שוואַרצע, שאַרפע, שטרענגע אויגען, מיט וועלכע ער האָט מיך דורכגעניזעט דורך און דורך. די „קליינע אויגעלעך" האָבען געקוקט צו זיך אין טעלער אַריין. מיר איז געוועזען ניט אַם בעסטען — דאָס דאַרפט איהר אַליין פערשטעהן. אַבמאָהלען אייך די פּרעכטיקע סעודה — למאי, זאָלט איהר

מיך נויטען, איך זאָל אייך טהון אַזאַ זאַך, וואָס איהר קאָנט דאָס געפונען אין שבועות׳דיגען „אַקדמות"? איך וויל אייך נאָר זאָגען איינס: דעם ערשטען מאָל אויף מיין לעבען האָב איך דערזעהען אַזוי פיעל טעלער מיט טעלערלעך! און גלאַנצענ־דיקע, גלאַטע, גליטשיגע. איהר מיינט, ס׳איז אַ מעלה? האָט צייט, איהר וועט עפּעס הערען! דערצו דאַרף איך מיך מודה זיין, אַז מיט׳ן שכל פון גאָפּעל־מעסער בין איך צו יענער צייט נאָך עפּיס נישט אַזוי שטאַרק בעקאַנט געוועזען, און דאָ דערלאַנגט מען אייך, אַ געהראָטענעם, אַ פערטעל עוף, גוט איינגעפרעגעלט אין שמאַלץ, אָנגעפּילט און בעגאָסען מיט אַ מין זאַך (צימעס מן הסתם ?), וואָס איך האָב עס נאָך קיינמאָל ניט פערזוכט. אַודאי דאַרף מען זיין אַ גרויסער חכם, מע זאָל פערשטעהן, אַז דאָס איז גיט קיין שלעכטער מאכל. נאָר במה דברים אמורים — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען, אַז מע זאָל דאָס נעמען אין האַנד אַריין, ווי גאָט האָט געבאָטען, און טהון מיט דעם דאָס, וואָס דער טאַטע האָט געטהאָן. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז מע דאַרף נאָכקוקען וואָס אַנדערע טהוען? איך קוק און זעה, אַז אַלע קליגען זיך, בריה׳ן זיך מיט׳ן מעסער און מיט׳ן גאָפּעל, — קליג איך מיך אויך און בריה מיך אויך מיט׳ן מעסער און מיט׳ן גאָפּעל, און דאָ דער גביר מיט זיינע שאַרפע, שטרענגע אויגען, וואָס נידערען אייך גלייך אין דער נשמה אַריין! איהר קאָנט זיין ווי הונגעריג, מוזט איהר פערלי׳רען דעם אַפּעטיט. אַוועקלעגען דעם גאָפּעל מיט׳ן מעסער איז אָבער אויך ניט קיין פּלאַן. שלעכט! פּלוצים — אַז מיין פערטעל עוף הויבט זיך ניט אויף פונ׳ם טעלער, גלייך ווי עס וואָלט ביי דעם אויסגעוואַקסען פליגעל, און טהוט ניט אַ פליה איבער׳ן גאַנצען טיש — און גלייך דעם גביר אין פּנים אַריין, און פונ׳ם פּנים גלייך אויף זיינע ריינע, שעהנע, רייכע שבת׳דיגע בגדים ? ! ! !

— — — — — — — — — — — — — — —

איהר ווילט וויסען דעם סוף פון דער מעשה? איהר ווייסט איהם שוין... דער גאַנצער מיין מיינער איז געווען —

ערשטענס, מיר זאָלען אביסעל אויסרוהען די פיס, און, צווייטענס, כאָטש א האַלבע שעה ניט רעדען פון אונזערע מכות. אצינד קאָנען מיר געהן ווייטער.

און מיר האָבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און מיר זענען אַוועק ווייטער.

דעם זיידענ'ס האָטעל

די זון האָט געהאַלטען אין רעכטען שפּאַצירען איבער'ן העל-בלויען שווייצארישען הימעל, בעגאָסען די בערג צרום און אַרום מיט גאָלדענע סנאָפּעס, וואָס האָבען זיך צעשאָטען אַזוי ווי זאַנגען איבער די אייביגע שטיינער, און געקייקעלט זיך אַראָפּ-באַרג, איבער גרינע טהאָלען, און אַריינגעפאַלען אינאיינעם מיט די שלענגעלדיגע וואַסערלעך אין דער גלענצענד-בלויער אונרוהיגער „ראָנא", וואָס לויפט מיט א געזאַנג צווישן די פעלזען, גאָט ווייסט פון ווען-אָן און ביז וואַנען, גאָט ווייסט פאַר וואָס און צוליעב וואָס און צוליעב וועלכען צוועק? און מיר זענען נאָך אַלץ אונטער'ן באַרג, וואָס וואַקסט פאַר אונזערע אויגען, ווערט אַלע מינוט ברייטער און העכער און שעהנער, און עס דאַכט זיך, אַז ער לויפט שוין ניט מעהר פון אונז, ווי פריער, נאָר אדרבה, ער געהט אונז אַקעגען מקבל-פּנים זיין, קוקט אויף אונז פריינדליך, נאָר מיט גדלות, ווינקט צו אונז, אַז מיר, פיער אידישע שריפט-שטעלער, זאָלען זיך מטריח זיין אַהין, צו אים אַרויף, נאָהענט צום הימעל, צו גאָט'ס שטול; דאָרט וועט ער אונז צייגען זיינע גרויסע וואונדער; דאָרט וועט ער אונז לייענען א קאַפּיטעל פון מעשה-בראשית; דאָרט וועט ער אונז דערצעהלען, וואָס גאָט קאָן, און פון דאָרט וועט ער אונז בעווייזען דאָס נידעריגע, נאַרישע וועלטעל, וואו נאַרישע קינדער האָבען אויסגעבויעט קליינע שטיבעלעך און האָבען דאָס א נאָמען געגעבען שטעדט, געלאָזט לויפען קליינע וועגעלעך און האָבען דאָס א נאָמען געגעבען באַהנען,

האָבען זיך פערשטעלט פאַר מלכים, קעניגען און פרעזידענטען. שפּיעלען אין מלחמות, ים-געשלעג, האַרען און קנעכט — פּונקט אַזוי ווי ביי די גרויסע...

ביי יעדען פון אונז בעקומט דער באַרג איין אַנדער נאָמען: ביי איינעם הייסט ער „דער זקן"; דער אַנדערער האָט געפונען, אַז אים פּאַסט הייסען „דער גדול"; נאָך איינעם איז געפעלען איהם א נאָמען געבען „רב זייט זשע מוחל". דעם זיידען רב מענדעלי האָט זיך פערגלוסט אַראָפּברענגען אַהער דעם גרעסטען ריעז עוג מלך הבשן, וואָס זאָל כאַפּען דעם באַרג אויף די פּלייצעס און לויפען מיט אים ת"ק מייל אין איין אָטהעם און וועלען אַרויפוואַרפען אים אויף די אידען; פּלוצים טהוט גאָט א נס און עס וואַקסען-אויס ביי'ם מערדערישען קעניג צוויי צייהן, איינער אַרויף, דער אַנדערער אַראָב, און דער מערדערישער קעניג בלייבט שטעהן מיט'ן באַרג, ניט אַהער, ניט אַהין — א זעלטען טראַגיקאָמישעס בילד!...

— ווי אַזוי הייסט ער, אָט דער שעהנער באַרג?

אַלע אויגען קוקען אויף מיין קאָלעגא מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט — ער איז דאָך אין דער שווייץ א גאַנצער בעל-הבית: ער קען זיך, זאָגט ער, מיט אַלע בערג און איז אויסגעבונדען מיט אַלע טייכען און טייכלעך — מיט איינעם א וואָרט א „היימישער מענש". מיין קאָלעגא מיט'ן הייסן טעמפּעראַמענט האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרען רויט, געריבען זיך דעם שטערן, געקוקט אַרויף, אויפ'ן סאַמע שפּיץ באַרג; נאָכדעם האָט ער אויסגעשפּיגען מיט אַזא כעס, גלייך ווי עמיצער וואָלט אים אָנגעטראָטען אויפ'ן פוס:

— טפו זאָל דאָס ווערען! איך האָב פערגעסען דעם נאָמען פונ'ם באַרג! געוואוסט נאָר-וואָס — און פערגעסען! וואָס זאָגט איהר דערויף?

— פערגעסען? — רופט זיך אָן דער זיידע רב מענדעלי. — הערסט דו! וואָס פערגעסעניש מאַכט — פרעגט ביי מיר. נישטאָ קיין ערגערע שטראָף אויף דער וועלט, ווי אַז מע פערגעסט! מיר איז בעקאַנט דער טעם, אַז מע ווייסט עפּיס א זאַך און פּלוצים

פליהט דאָט אַרויס פון זכרון, ווי אַ פויגעלע פון דעם שטייגע־לע — געה כאַפּ דאָס! פערגעסעניש איז אַ חולאת, איין אָנשי־קעניש, איין אומגליק אויף אַ מענשען! אויב איהר ווילט, קינדער, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה, ניט קיין פאַנטאַזיע, נאָר טאַקי אַ מעשה שהיה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען אין אדעס פאַר עטליכע יאָהרען. אַ מעשה מיט אַ האָטעל...

— איך וועל אייך דערצעהלען אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען אויך אין אדעס!... הערט איהר? ס'איז ווערט צו בעשרייבען!...

אזוי האָט זיך אָנגערופען מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמ־פעראַמענט און האָט שוין געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען, האָט איהם דער פאָעט איבערגעשלאָגען:

— אָט וועל איך אייך דערצעהלען נאָך אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפען, ניט אין אדעס, נאָר אין זשיטאָמיר!

— און וואו בין איך? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער פערטער, טאַקי איך אַליין. — איך וועל אייך בעסער דערצעהלען אַ מעשה פון דריי שטעדט מיט אַ מאָל, וועט איהר זיך האַלטען ביי די זייטען!...

— פון דריי שטעדט מיט אַ מאָל? אויב אַזוי — קומט אייך די בכורה!

אזוי האָט זיך אָנגערופען דער זיידע מיט אַ הילכיגען געלעכטער און מיט אַ ניגון און האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי איינער רעדט: „איהר האָט אויס־געכאַפּט?... פאַר אייך די מציאה!“...

אַלע פיער האָבען זיך צולאַכט, און איך האָב מיך דערמאַנט אינ'ם פסוק: „שבעה דברים בגולם“, און פערשטאַנען, ווי אומ־טאַקטיש עס איז פון אונזער זייט, וואָס מיר זענען אַריינגעפאָהרען מיט אונזערע מעשיות דעם זיידען אין די רעד אריין, און מיר זיינען גרייט געווען פערריכטען אונזער פערברעכען. מיר האָבען אָבער לאַנג בעדאַרפט בעטען דעם זיידען, ער זאָל אונז דער־צעהלען די מעשה, וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען אין

אדעס, און דער זיידע (אז מע בעט איהם שטאַרק, פועל'ט מען ביי איהם) האָט פערקאַטשעט די אַרבעל, ווי זיין שטייגער איז, אַרויפגעריקט די ברילען אויפ'ן הויכען, ווייסען, קלוגען שטערן, וואָס קוקט־אַרויס פון די כוואַלעדיגע שניי־ווייסע האָר. די קליינע נאָר שאַרפע, טיעפע, דורכדרינגענדיגע אויגען האָבען זיך האַלב געשלאָסען, געקוקט אַרויף, אַ ביסעל אין אַ זייט, און אויפ'ן פנים האָט זיך צעגאָסען דאָס שיינענדיגע קינדערשע שמייכעלע, וואָס מאַכט איהם תמיד יונגער מיט פופציג יאָהר און גיט איהם צו אַזוי פיעל חן, אַז עס ווילט זיך זיצען אַזוי אייביג נעבען איהם און האָרכען איהם רעדען און רעדען, און רעדען!...

און לאַנגזאַם, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ האַלב־קאָמישען, האַלב־ערנסטען טאָן, האָט ער אָנגעהויבען זיין געשיכטע בזה הלשון:

— דאָס איז געווען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, מיט עטלי־כע יאָהר צוריק אין אדעס, דאָס הייסט, ניט אין אדעס גופא, נאָר עטליכע סטאַנציעס הינטער אדעס. קורץ, איך בין געפאָהרען אהיים קיין אַדעס. אָסיענצייט איז דאָס געווען. דער אינדרויסען האָט זיך איינגעהילט אין אַ רעגענמאַנטעל. דער הימעל האָט געגאָסען מיט טרערען, דער ווינד האָט געקלאָגט, די ערד האָט געטרויערט, געבענקט נאָך דער ליעבער וואַרעמער זון, ווי איין אַלמנה נאָך איהר מאַן. די בוימער האָבען זיך שוין לאַנג אָפּגע־טרייסעלט פון די געלע בלעטלעך, די פויגלען האָבען פערלאָזען זייערע נעסטען, צוגעזאָגט אויף, אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר צוריק קומען, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען... אַ דריבנע רעגענדעל האָט געזיפּט פון אויבען אונאויפהערליך און פון צייט צו צייט צעבייזערט זיך און געשמיסען אין די פערשוויצטע פענסטער פון אונזער וואַגאָן, וואו מיר זענען זיך געזעסען גאַנץ ברייטליך, בעקוועם, אין דער וואַרעם, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע און געשמועסט פון פערשידענע זאַכען, ענינים און געגענשטענדען. צקעגען מיר איז געזעסען אַ פּאַסאַזשיר, אַ געבילדעטער, אַ בע־לעזענער, אַ פראַכטפולער מענש, ווי עס האָט זיך אַרויסבעוויזען שפּעטער — אַ קריסט, אַ זעלטענער אידענפריינד. איהר ווייסט,

אַז איך האָב פּיינט אַ מה-יפית-אידען ערגער ווי אַ משומד, און ווער נישט נתפּעל פון אַ קריסט, וואָס זאָגט אויף אונז אַ גוט וואָרט. נאָר צו דעם פאַרשוין האָב איך געהאַט אַ פּערזענליכע סימפּאַטיע דורך אַ פאַרבאָרגענער צוציהונגסקראַפט, וואָס ליגט אַביסעל טיעפער פון אונזער פערשטאַנד. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב זיך געפיהלט מיט איהם אַזוי גוט, איך וואָלט זאָגען: היימיש, אַז עס וואָלט ווירקליך מיר ניט נמאס ווערען פאָהרען מיט איהם נאָך דריי טעג. עס האָט זיך מיר געוואָלט מיט עפּיס וואָס-ניט-איז נוצליך זיין איהם, טהון עפּיס אַ געפעליגקייט, און שטעלט אייך פאָר, אַז די גוטע געלעגענהייט איז מיר געקומען צו דער האַנד גאַנץ אַליין, פון זיך. וואָס איז די מעשה? אַזוי ווי ער פאָהרט דעם ערשטען מאָל אין מיין שטאָדט, אין אדעס, וואָלט ער וועלען עפּיס אַ רעכטע סטאַנציע, איין אָנשטענדיגעס האָטעל, און אַזוי ווי איך בין איין אדעסער תושב פון אַ סך יאָהרען, אפשר איז מעגליך, איך זאָל איהם רעקאָמענדירען נאָך מיין פערשטאַנד דאָס שענסטע און דאָס בעסטע האָטעל אין אדעס?

— אַ האָטעל? אָך!...

מיט ביידע הענד האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אינ'ם דאָזיגען צופאַל און האָב גענומען איהם אויסמאָהלען מיט די שענסטע פאַרבען אַ בעוואוסטעס האָטעל, לויט מיין מיינונג, דאָס גרעסטע און דאָס שענסטע האָטעל, וואָס אין דער שטאָדט. ערשטענס, די פּאַנאָראַמע. דאָס הויז איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַזוי קונציג, אַז אַלע פענסטער קוקען-אַרויס אויפ'ן ים. היינט די ברייטע, הויכע, ליכטיגע חדרים, דער פּרעכטיגער ווינטערגאָרטען, די אָראַנזשעריען, דאָס לעזע-צימער, די בעדיענונג, איך מיין די „מענשען". היינט דער רעסטאָראַן, די מוזיק — קורץ, איך האָב מיך אַזוי בעגייסטערט, גלייך ווי איך וואָלט געמאָהלט אַ גן-עדן, ניט קיין האָטעל.

אַ ליכטיגע, וואַרעמע, פרייליכע סטאַנציע אין אַ פרעמדער שטאָדט, בשעת אין דרויסען איז אַזוי אָנגעכמורעט, איז צעהן מאָל אַזוי אָנגעלעגט, ווי אי'ן איין אַנדער צייט. מיין

פאַרשוין האָט מיך אויסגעהערט מיט לויכטענדיגע דאַנקבאַרע אויגען און מיט אַ שיינענדיג גליקליך פנים. איך האָב בעמערקט, ווי ער האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ נאָטיץ-ביכעל, אָבגעשפּיליעט פונ'ם זייגער אַ גאָלדען שטיפטעל, און האָט געוואַרט ביז איך וועל ענדיגען, אום ער זאָל קאָנען פערשרייבען דעם נאָמען פונ'ם האָטעל. איך בין אָבער נאָך אַלץ געווען בעגייסטערט פון מיין בעשרייבונג און האָב ניט אויפגעהערט אויסצורעכענען די מעלות פונ'ם מערקווירדיגען האָטעל. איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אַז מיר זענען שוין אָט-אָט אין אדעס. נאָר אַז דער עולם האָט גענומען אויפהויבען זיך פון די ערטער און קוקען אַרויף צו די פּעקלעך, האָט מיין פאַרשוין פאַרזיכטיג, מיט זעהר אַ פריינדליך שמייכעלע, זיך געווענדט צו מיר און האָט מיך זעהר העפליך אַ פרעג געטהאָן, ווי אַזוי איז דער נאָמען פונ'ם האָטעל?

— אָך! יאָ, דער נאָמען? אָט באַלד וועל איך אייך זאָגען!...

און איך האָב מיך אויף אַ וויילע פערטראַכט—גאָט מיינער! ווי אַזוי איז דער נאָמען? אָט ערשט האָב איך געוואוסט... בלאָטע! ניטאָ קיין נאָמען! אַוועקגעפלויגען!... אומזיסט האָב איך מיר געריבען דעם שטערען, געזוכט אין אַלע קעשענעס — נישטאָ קיין נאָמען! אפשר מיינט איהר, אַ שווערער נאָמען, אַ פאַרפּלאָנטעטער, וואָס איז ניט גרינג צו געדענקען? אָט וועט איהר הערען! קיין מעהר גרינגערער נאָמען קאָן שוין גאָר ניט זיין אין דער וועלט! נאָך מעהר, דאָס איז אַזאַ נאָמען, וואָס מע קאָן איהם ניט פערגעסען, מע זאָל אפילו וועלען! איהר וועט הערען, וועט איהר אַליין זאָגען! קורץ, איך האָב געמיינט, אַז איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטהון! דער נאָמען איז מיר געלעגען, ווי מע זאָגט, אויף דער צונג: אָט-אָט! נאָר אַרויסרעדען איהם — בשום אופן ניט, כאָטש שריי חי וקיים! כאָטש לעג זיך און שטאַרב! איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. מיין פאַרשוין האָט, אַפּנים, געזעהען מיין טרויעריגע לאַגע. ער האָט געוואָלט מיר אויסהעלפען ווי ווייט מעגליך, אַרויסציהען מיך פון דער בלאָטע, וואוהין איך בין מיט מיין

אייגענעם ווילען פערקראָכען. ער האָט דערצו אָנגעווענדט אַלע קרעפטען. ער האָט מיר גענומען אונטערזאָגען, אויסרעכענען אַלע נעמען פון דער גאַנצער וועלט. דאָ איז געווען: «גראַנדהאָטעל», «בעלוויו», «טערמינוס», «מעטראָפּאָל», «נאַציאָנאַל», «אינטערנאַציאָנאַל», «בריסטאָל», «פּאַריז», «מאַדריד», «סאַנקט פּעטערסבורג», «שיקאַגאָ», «סאַנרעמאָ», «לאָנדאָן», «האַמבורג», «קאָנסטאַנטינאָפּאָל» — ניין, ניין און ניין! קורץ, מיין פּאַרשוין האָט געזעהען, אַז נעמען פון שטעדט געהען ניט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף נעמען פון לענדער: אפשר «פראַנציע»? «מאָנטענעגראָ»? «אַנגלעטער»? «ראָססיאַ»? «עסטרייך-אונגאַרן»? «בעלגיע»? «האָלאַנד»? «בראַזיליע»? «אַרגענטינאַ»? — וואו? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אפשר «האָטעל פּאָסט»? «האָטעל ראָיאַל»? «האָטעל אייראָפּאַ»? «האָטעל לאָוור»? «האָטעל דאַנמאַרא»? «האָטעל אימפּעריאַל»? — קורץ! איך האָב געזעהן, ווי מיין פּאַרשוין האָט בעהאַלטען דאָס נאָטיץ-ביכעל, צוגעשפּיליעט צוריק צום זייגער דאָס גילדענע שטיפטעל, זיך גאַנץ העפליך מיט מיר אָפּגעזעגענט, געדאַנקט, געבעטען, איך זאָל מיך ניט בעמיהען, ער וועט שוין ווי-ס'ניט-איז אַליין זעהען, מע זאָל איהם פיהרען אינ'ם בעסטען האָטעל... און איך? אַ גרוב, ווען עס עפענט זיך מיר, וואָלט איך אַריין אַ לעבעדיגער! אַזאַ שאַנדע! אַזאַ סקאַנדאַל! אויספּאַטשען זיך! שמיך בין איך דאָך ווערטה געווען!... און, איך האָב גענומען זיך אַליין זאָגען מוסר: אַלטער נאַר וואָס דו ביזט! דו אַליין זאָגסט אַלע טאָג איין איבערגעדרעהטען מדרש: «מוטב שאהיה רשע כל ימי, בעסער לאָם איך זיין אַ רשע אַלע מיינע יאָהרען, ואל אהיה שוטה אַפילו שעה אחת», אַבי ניט זיין קיין נאַר איין שעה אַפילו, — זאָלסט דו אָפּטהון אַזאַ דומהייט? ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט זיך פאָרשטעלען פאַר אַ בעל-טובה? ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט רעקאָמענדירען איין אומבעקאַנטען מענשען אַ האָטעל אין אדעס? ווי קומט צו דיר האָטעלען? או ווי אזוי פערגעסט מען דאָס אַ זאַך, וואָס מע ווייסט, וואָס מע זעהט דאָס אַלע טאָג, וואָס מע קלערט תוז דעם אַלע מינוט???...

קורץ, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. איך בין געקומען אַהיים אַ צעקאָכטער, אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטוב און געריבען זיך דעם שטערען, טאָמער וועל איך מיר דאָ כאָטש דערמאָנען דעם נאָמען פון'ם האָטעל? — נישטאָ קיין נאָמען!

— ווייסט דו ניט, — זאָג איך צו מיין ווייב — ווי אַזוי הייסט דאָס האָטעל?

— וואָסער האָטעל!

— הערסט! איך זאָל איהר זאָגען וואָסער האָטעל! איך פרעג דאָך ביי דיר!

— זאָג מיר דעם נאָמען — מאַכט זי צו מיר.

נו? געהט רעדט מיט אַ אידינע! בקצור, מע דאַרף אַליין זיך מטריח זיין דורכגעהן גלייך אַהין צום האָטעל! נאָר, ווי געוועהנטליך, אַז אַ מענש קומט פון וועג, געפינען זיך אַכצעהנהונדערט געשעפטען, בריעף, עסקים — מע דאַרף דאָס אַלץ ערלעדיגען. און איך ווער נאָך מעהר אויפגערעגט, נערוועז, אין כעס אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט, לאָז אויס דאָס האַרץ צו די אומשולדיגע. און אָט אַזוי האָט מען מיר פּערדרעהט דעם קאָפּ. עס איז געוואָרען נאַכט, מע האָט שוין לאַנג אָפּגעגעסען, מע דאַרף זיך שוין לעגען שלאָפען — און מיך מוטשעט נאָך אַלץ דער נאָמען פון'ם האָטעל. האָט איר געהערט אַ מעשה?... קורץ, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. עס איז געבליבען, אַז מאָרגען פאַר גרעה איך צום האָטעל נאָר אָהן אַ שום תירוץ! עס נעמט מיך אָבער ניט קיין שלאָף! איך וואָלט שוין וועלען דערלעבען טאָג, וועל איך מיך אָנטהון און וועל פריהער פאַר אַלע היומס צוגעהן צום האָטעל און אַ קוק טוהן אויפ'ן שילד, וואָס פאַר אַ נאָמען עס טראָגט. פּלוצים טהוט דאָס מיך אַ טראָג אויף פון'ם בעט און איך טהו מיך אָן.

— גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו מיר מיין ווייב, אייך איבערגעשראָקענע נעבאַך אויף טוידט. — וואוהין איז?

— איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! — זאָג איך, — איך מוז געהן באַלד אַ קוק טהון!

— וואוהין א קוק טהון ?

— נעם א לאַנטערן — זאָג איך צו מיין ווייב — און קום מיט מיר !

— וואוהין ?

— פרעג מיך נישט, קום !

מילא, די לאַגע פון מיין ווייב נעבאַך פערשפּאָר איך אייך צו בעשרייבען. איהר דאַרפט אליין פערשטעהן די לאַגע פון א ווייב, וואָס איהר מאַן איז אוועקגעפאָהרען פון דער היים, דאַכט זיך, געזונד און שטאַרק — און קומט צו פאָהרען אהיים א ברוגז׳ער, רעדט ניט, שפּאַנט-אַרום איבער דער שטוב און רייבט זיך דעם שטערן, ווי א פערריקטער, און פלוצים כאַפּט ער זיך אויף ביינאַכט פון בעט, הייסט אָנצינדען א לאַנטערן און זאָגט : „קום !“... נאָר וואָס טהוט ניט א ווייב נעבאַך צוליב איהר מאַן ? מע זאָגט איהר „קום“ — געהט זי !

קורץ, וואָס טויג אייך, איך געה, מיין ווייב געהט מיר נאָך. איך טיאָפּקע אין דער בלאָטע, מיין ווייב טיאָפּקעט מיר נאָך. גאָט האָט געהאָלפען, מיר זענען געקומען. געקומען צום האָטעל, אויפגעהויבען די לאַנטערן. איך געב א קוק אויפ׳ן שילד — אנו. טרעפט, וואָס פאַר א נאָמען ? אז איהר וועט זיין מיט אכצעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרעפען ; דאָס האָטעל הייסט מיט׳ן נאָמען :

„אָ ד ע ס אַ“ !!!...

די היסטאָריע פון דער „קליאַטשע“

די זון האָט געהאַלטען אין רעכטען בראָטען, אין רעכטען באַקען, אָנגעגליהט די שטיינער פונ׳ם באַרג, ווי איין אייזען-פּרעס, און געמאַכט אונז אזוי צו שוויצען, אז מיר האָבען געמוזט אַראָפּוואַרפען פון זיך די קאַפּאָטעס, זיך ווישען דעם שווייס און געהן באַרג-אַרויף א ביסעל ניט אזוי ראַשיג,

פּאַוואָלינקע, אזוי לאַנג, ביז מיר האָבען אָנגעהויבען פיהלען פיס — און דאָס איז א שלעכטער סימן, וואָרום איין אבר פון א מענשען האָט ליב, מע זאָל איהם ניט פיהלען ; קוים פיהלט איהר איהם, איז ניט גוט — דאָס האָב איך געהערט נאָך אין חדר פון מיין רבי׳ן, וואָס פלעגט אויך מאַכען פיהלענדיג אזעלכע אברים, וואָס אָהן איהם וואָלט איך זיי קיינמאָל ניט געפיהלט... בקיצור, מיר האָבען דערפיהלט פיס, און האָבען אָנגעהויבען אונטערקוקען איינס אויפ׳ן אַנדערען און פרעגען זיך איינער דעם אַנדערען :

— וואָס איז די מעשה ? איהר שטעהט שוין אָב ?

— ווער ? איך ? חס וחלילה !

— וואָז זשע שלעפּט איהר זיך ?

— עס ווייזט ויך אייך אויס...

— מיר דאַכט, אז איהר הינקט עפּיס אונטער אויף א פוס ?

— ווער ? איך ?

— אייך איז, אַפּנים, שווערליך אַרויף א באַרג ?

— עס הויבט זיך גאָר נישט אָן !

— וואָס זשע סאַפּעט איהר אזוי ?

— איהר האָט א טעות : איך סאַפּע קיינמאָל נישט, ביי מיר איז ניטאָ קיין טבע פון סאַפּען.

— נו, און איהר ווי אזוי פיהלט זיך עפּיס ?

— גאַנץ גוט ! נאָר די פיס ווילען ניט דיענען.

— ביי מיר אויך דאָס אייגענע.

— און ביי מיר ניט אזוי די פיס, ווי די פּיאַטעס !

— די פּיאַטעס איז בלאָטע ! די ליטקעס פון די פיס !...

דאָס פערשטעהט א מינדסט קינד, אז נאָך אזא געשפּרעך האָבען מיר אלע פיער אידישע שריפטשטעלער, צווישען זיי איינער א פּאָעט, זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן גרינעם גראָז און האָבען זיך ממש מחיה געווען. דעם זיידען רב מענדעלע האָבען מיר אָפּגעטראָטען דעם אויבען-אָן, און מיר דריי האָבען זיך אויסגעזעצט אַרום איהם, ווי אייניקלעך אַרום א זיידען, אָדער ווי תלמידים אַרום א רבי׳ן, גאָרכען דעם אלטען׳ס תורה, ווי

ער דרשנ׳ט און טייטשט פסוקים און דערצעהלט מעשיות, וואָס האָבען אַ שייכות צו דעם, וואָס אונז אַלעמען בעריהרט — צו דער אידישער ליטעראַטור, אויסגעמישט אַלע מאָל מיט אַ זייטיגער מעשה, אָדער, ווי ער רופט דאָס אָן, מיט אַ „הקדמה״. אַ הקדמה פון פאָרענט, אַ הקדמה אין מיטען, אַ הקדמה צום סוף.

— אַז איך בין פערגאַנגען מיט׳ן טראָגען מיט דער „קליאַטשע״... — אַזוי האָט דער זיידע אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַ מעשה, נאָר מע האָט איהם באַלד איבערגעשלאָגען אין רעכטען אָנהויב, ווי דער שטייגער איז. איטליכער האָט געשטעלט איין אַנדער פראַגע:

— זיידע! פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אייך „די קליאַטשע״?

— זיידע! וועלכעס איז געווען דאָס ערשטע ווערק, וואָס איהר האָט געשריבען אין אידיש, און וואָס האָט עס אייך געבראַכט צו שרייבען אידיש?

— זיידע! פאַר וואָס האָט איהר זיך אויסגעקליבען דעם פסעוודאָנים „מענדעלי מוכר־ספרים״?

דער זיידע האָט גאַנץ רוהיג, מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען, אויסגעהערט אַלע אונזערע פראַגען, און האָט אונז נאָכדעם מיט אַ היציגען געלעכטער אָפּגעענטפערט:

— נו? שוין? מעהר האָט שוין קיינער גאָר נישט וואָס צו פרעגען? טאָמער האָט איהר נאָך אַ פּאָר שאלות — אדרבה, גיט אַהער, שעמט זיך ניט, שיט אויס אַלע אינאיינעם אין איין קופּע, ס׳איז גאַנץ אידישליך. איהר, מיט אייער פרעגען פון אַלע זייטען, דערמאַנט מיר אַ בילד, ווי אַ מוטער קומט פון מאַרק מיט אַ פולען קאָשיק פערשיעדענע זאַכען: עפּעל, און באַרען, און בייגעל, און בולקעס, און אייער, און קאַרטאָפּעל, און מעהרלעך, און פלוימען, און פעטרישקע, און אַ רויטער האָהן מיט אַ האַרטען קאַם אויף אין קאָהן, — און עס בעפאַלען זי די קינדער פון אַלע זייטען: מאַמע! מיר איין עפּעל! מאַמע! מיר אַ באַר! מאַמע! קאָן מען עסען רויהע

מעהרלעך? מאַמע! אויף וואָס דאַרף מען פעטרישקע? מאַמע! וואָס קאָסט דער האָהן? „קינדערלעך! — גיט זיך נעבאָך די מאַמע. — לאָזט מיך כאַפּען דעם אָטהעם, וועל איך אייך אַלעמען צופריעדען שטעלען!״...

אַזוי האָט אונז דער זיידע בערוהיגט און האָט אונז אַלעמען געגעבען אַ תשובה יעדען אויף זיין פראַגע, חלילה נישט דורכגעלאָזט קיינעם. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז צו שרייבען אידיש, דאָס הייסט, צו רעדען מיט׳ן גאַנצען פאָלק אויף זיין לשון, האָט איהם שוין לאַנג געצויגען, נאָך פאַר׳ן ערשטען אַרויסטריט אויפ׳ן פעלד פון דער אידישער ליטעראַטור; און מחמת שרייבען אידיש איז מיט פיערציג יאָהר פריהער נאָך געווען אַ שאַנדע, ובפרט נאָך אַזאַ יונגען מאַן אַ משכיל, ווי ער, וואָס «קלוגע מענשען» האָבען אויף איהם געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ «חיים זעליג סלאָנימסקי», — האָט ער זיך מיט זיין ערשטען ווערק «דאָס קליינע מענשעלע» בעהאַלטען בחדרי־חדרים, אַז קיינער זאָל ניט וויסען, און האָט אַוועקגעשטעלט דערויף אַ נאָמען פון אַ לעבעדיגען פאַרשוין, איינעם אַ סענדערעל אַ מוכר־ספרים׳ניק, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין יענער צייט מיט זיין פערד־און־וועגעלע, אין דער סביבה פון באַרדיטשעוו, דאָס בעריהמטע גלופסק אַליין. «דאָס קליינע מענשעלע», אָדער «יצחק אברהמעל תקיף», איז גענומען געוואָרען פון אַ לעבעדיגען פאַרשוין, וואָס האָט אין יענער צייט געקנאַקט אין גלופסק מיט דער גרויסער בייטש און אָנגעטריבען די כנסת ישראל... אָנגעשריבען האָט ער «דאָס קליינע מענשעלע» אין פערלויף פון דריי טעג, נישט מעהר, מיט פחדים און מיט פיבער, און אַוועקגעשיקט עס אין «קול מבשר» אַריין, צו אלכסנדר צעדערבוים. דערזעהען אויפ׳ן שער דעם נאָמען «סענדערעל מוכר־ספרים», האָט זיך אלכסנדר צעדערבוים דערשראָקען, צי מיינט מען דאָס ניט איהם אַליין טאַקי (אלכסנדר — סענדער — סענדערעל)? האָט ער זיך מיישב געווען — קיין גרויסע צערעמאָניעס מיט אַ אידישען מחבר דאַרף קיינמאָל אַ אידישער רעדאַקטאָר נישט מאַכען, ובפרט נאָך אין יענער צייט — און האָט איהם איבערגעמאַכט דעם

נאָמען סענדערעל אויף מענדעלי, — און אָט אַזוי איז זיך אַרויס אויף דער וועלט „מענדעלי מוכר-ספרים״, וואָס האָט ניט אויפגעהערט אַרומצופאָהרען מיט זיין ביסעל געדרוקטע סחורה איבער דער מדינה פון גלופסק, פערבלאָנזעט פון דאָרטען קיין קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע...

דאָס זענען די דריי הויפּט-שטעט, אָדער די דריי ק״קין, ווי ער רופט זיי אָן אויף לשון-קודש, וואָס פיגורירען אין אַלע כתבים פון מענדעלי מוכר-ספרים און וואָס דריקען-אויס און זייערע נעמען די קווינטעסענציע פונ׳ם אידישען גהעטאָ אין יענער צייט. דאָס זענען די דריי זאַכען, וואָס האָבען אָפּגעשטעמפּעלט דאָס פאַרצייטיגע רוסישע אידענטום: גלופסק — אונוויסענהייט, קאַבצאַנסק — אַרמוט, טונעיאַדעווקע — פוסטעפּאַסניקעס, לעדיגגעהערס, אָהן אַ שום מלאכה, אָהן אַרבייט נעבאַך, איבעריגע בעשעפענישען אויף דער וועלט.

— אָט דאָס זענען געווען די הויפּט-עלעמענטען פונ׳ם אידישען פאָלק אין יענער עפּאָכע, וואָס מיר איז בעשערט געווען מיט זיי זיך אַרומצושלעפּען בכל תפוצות ישראל... — אַזוי האָט געזאָגט דער זיידע מיט אַ זיפץ און מיט אַ ביטער שמייכעלע. — גאָר איר האָט זיך, דאַכט מיר, נאָכגעפרעגט אויפ׳ן יחוס פון דער „קליאַטשע״? דאַרף מען אייך, קינדערלעך, טהון צוליעב און דערצעהלען. אַזוי איז געווען די מעשה: איינמאָל, אין אַ זומערטאָג איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי אין גלופּסק אויף דער אכסניה פערטראַכט און קוק מיר דורך איין אָפענעם פענסטער אין דרויסען אַרויס און דערזעה איין אויסגעמוטשעטען, פערשוויצטען אידען מיט אונטערגעשטעקטע פּאָלעס פון אַ צעריסענער קאַפּאָטע, שטעהט און קאַטעוועט איין אָרעמע אויסגעמוטשעטע פערשוויצטע קליאַטשע מיט אַ צעביסענער פעל, איינגעשפּאַנט אין אַ פולען וואָגען מיט ציגעל, שעלט מיט טוידטע קללות אי די קליאַטשע, אי זיך, אי די גאַנצע וועלט:— ברענען זאָל די פעל דיינע, וויסטע קליאַטשע וואָס דו ביזט — און זי, די קליאַטשע, האָט אויסגעדרעהט די פערוויסטע, פערפינסטערטע מאָרדע איהרע צום אידען, קוק אויף איהם, ווי אַ

זינדיגער מענש, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי זי זאָגט צו איהם:

— שוטה, קליאַטשע רופט ער מיך! ביזט אַליין אַ קליאַטשע! טהו אַ קוק אַהין, צו יענעם פּלאַץ, וואו איך שלעפּ די ציגעל, וועסט דו זעהען, אַז איהר זענט אַלע קליאַטשעס, וויסטע, פינסטערע קליאַטשעס, אַז אָך און וועה איז צו אייך אַליינען!

אַזוי, האָט זיך מיר געדאַכט, רעדט די קליאַטשע, און איך האָב אויפגעהויבען די אויגען אויף יענעם פּלאַץ, וואָס די קליאַטשע האָט אָנגעוויזען מיט איהר מאָרדע, און איך האָב דערזעהען אַ בעקאַנטען נפש פון יענע פיינע בריות, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין גלופּסק—מיט פינף פינגער אַרויפצושלאָגען זיך אויף אַ מויער, און אויף נאָך אַ מויער, און דאָס אַלץ נעבאַך פון כשר׳ע אידישע מטבעות, פון כשר אידיש שווייס און בלוט... דער שענער מענש, דער פיינער בריה, איז געשטאַנען די הענד אַרונטער, דאָס היטעל פעררוקט אַרויף, דער שטערן האָט געשוויצט און געבויעט גרויסע פּלענער, און אַרום איהם האָבען זיך, ווי קנעכט, אונטערטהעניג אַרומגעדרעהט אָרעמע אידעלעך נעבאַך, געקוקט איהם, ווי געטרייע הינד, אין די אויגען אַריין, געווען גליקליך מיט זיינס אַ שמייכעלע און געציטערט פאַר אַ בייזען קוק — — — — — און עס איז מיר געקומען אויפ׳ן זינען דער פסוק אין שיר-השירים: לסוסתי ברכבי פרעה — צו דער קליאַטשע אינ׳ם רייטוואָגען פון פרעה, דמיתיך רעיתי — טהו איך דיר טהון גלייכען, כנסת ישראל! — און איך בין פערגאַנגען אויף טראָגען מיט דער „קליאַטשע״...

דריי טעג בין איך אַרומגעגאַנגען איבער גלופּסק אַ צעטראָגענער, ווי מיין ישראליק, נישט געהערט, וואָס מע רעדט צו מיר, געענטפערט איטליכען אויף זיין „גוט-מאָרגען״ מיט׳ן וואָרט „קליאַטשע״, וואָרום אַלע פנימ׳ער האָבען אויסגעזעהען ביי מיר קליאַטשעדיג, און אָט אַזוי האָב איך מיך געקליאַטשעט, ביז איך בין געקומען אַהיים קיין טונעיאַדעווקע און האָב מיך

פערשלאָסען ביי זיך אין חדר אויף זעכצעהן טעג און אָנגעשריבען אַלע זעכצעהן קאַפּיטלעך פון דער „קליאַטשע"...

אַצינד איז געבליבען די פראַגע: וואָס טהוט מען מיט דער „קליאַטשע"? דעמאָלט האָט נאָך קאָלומבוס ניט אַנטדעקט אַמעריקאַ, און דעריבער האָבען זיך נאָך ניט געפונען יענע באַרעמהערציגע לייט, וואָס האָבען אין דרייסיג יאָהר רחמנות געהאַט אויף מיר, דעם אָרעמען מענדעלי מוכר-ספרים, און האָבען מיך אַרויסגעגעבען דאָרטען, ניט צו פרעגען ביי מיר מיין הסכמה, ניט צו געבען מיר צו וויסען: הנה, זייט וויסען, רב מענדעלי, אַז מע האָט אייך אַ טובה געטהאָן, מע האָט אייך בע'גנבה'ט!...

דאָ האָט זיך דער זיידע אָפּגערוהט אַ וויילע און האָט זיך פערטראַכט. מיר, די אייניקלעך, האָבען זיכער געקאָנט מיינען, אַז דאָ וועט זיך אָנהויבען שיטען פייער, פעך און שוועבעל אויף די פיינע מענשען אין אַמעריקאַ, וואָס האָבען ווירקליך בעגאַנגען איין אונגעהייערען פערברעכען קעגען דעם איינציגען אידישען קלאַסיקער, קעגען דעם גרעסטען אידישען דיכטער, דענקער און קינסטלער, דערמיט וואָס זיי האָבען איבערגעדרוקט און אַרויסגעגעבען אַלע זיינע ווערק ניט אין אַמעריקאַ אַליין, נאָר אויך אַריבערגעפעקלט אַהער, קיין „יוראָפּ", און געמאַכט איהם אַ מיאוסע מפּלה, אַ קאָנקורענץ אויף זיין סחורה טאַקי מיט זיין אייגענער סחורה — און געהט לאָדט זיי צום ונתנה-תוקף!...

נאַטירליך, איז מיין קאָלעגאַ, דער וואָס מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט, אַרויס מיט אַ פייעריגען פּראָטעסט קעגען די אַמעריקאַנער פּיראַטען, ים-גזלנים, זיי געמאַכט (הינטער די אויגען) מיט דער בלאָטע גלייך, זיך געוואונדערט וואָס מע שווייגט:

— וואָס שווייגט איהר זיי, זיידע? — האָט אויסגערופען מיין קאָלעגאַ. — איך, אויף אייער אָרט, וואָלט פון זיי געמאַכט אָם-אָ-דאָס-אָ!

און מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט צעוויזען מיט ביידע הענד אין דער לופטען, וואָס ער וואָלט פון זיי געמאַכט, נאָר וואָס, אייגענטליך, — איז שווער געווען צו פער-

שטעהן, מחמת מיט הענד קאָן אַ מענש מאַכן מי יודע וואָס!... דערויף האָט איהם דער זיידע געענטפערט מיט אַ שמייכעלע:

— איך וועל אייך דערצעהלען: כל זמן איך בין נאָר אַ נגזל אַליין, איז נאָך צו דערליידען — וואָס קאָן מען טהון? פון איין אומגליק איז קיינער נישט בעהיט. נאָר זיין דערצו נאָך אַ שוטה אויך — דאָס איז שוין צו פיעל פאַר מיר! פּראָטעסטירען, רעכענען זיך, צאָהלען — דאָס איז נאַריש; דאָס דאַרפען טהון אַנדערע, ניט איך, וואָס איך אַליין דאַרף טהון — וועט מן הסתם געטהאָן ווערען... מענדעלי מוכר-ספרים, ברוך השם, איז נאָך ניט געשטאָרבען! מילא, בקצור המעשה, דאָס אַלץ איז נאַרישקייטען. איהר ווילט דאָך וויסען, ווי אַזוי איז די „קליאַטשע" אַרויס אויף דער וועלט? — דאַרף מען אייך דערצעהלען וואָס ווייטער איז געווען.

און דער זיידע האָט אונז איבערגעגעבען אַ געשיכטע. ווי אַזוי ער האָט אין אַ געשלאָסענער פערזאַמלונג פון אינטימע פריינד צום ערשטען מאָל געלייענט די „קליאַטשע", ווי אַזוי זיינע אינטימע פריינד האָבען פריהער געלאַכט פון איהם, געמאַכט חוזק איבער'ן נאָמען פונ'ם ווערק. נאַ דיר גאָר אַ פערד, אַ קליאַטשע! און ווי אַזוי זיי זענען נאָכדעם געוואָרען ערנסט... ווי אַזוי איינער (יוסף בצלאל הארקאַווי) האָט נאָכ'ן איבערלייענען די „קליאַטשע" צוגענומען ביים מחבר דאָס העפטעל, אַריינגעלעגט אין אַ זייט-קעשענע אָהן ווערטער, אַוועקגעפיהרט דאָס קיין פעטערבורג און צוגעשיקט אין אַ צייט אַרום דעם פערפאַסער אַ פאַרטיגע, איין אָפּגעדרוקטע „קליאַטשע". ווי אַזוי נאָכדעם דער צענזאָר האָט געהאַט אַ מיאוסע מפּלה דערפאַר, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אַזאַ „טרפה סחורה", און נאָך אַ סך אינטערעסאַנטע מעשיות האָט אונז דערצעהלט דער זיידע, וועהרענד מיר, זיינע אייניקלעך, זענען געזעסן און אויסגערוהט זיך דע[illegible]ילע אונזערע אויסגעמוטשעטע פיס.

א ניגון פאר'ן טוידט

ווידער א מאָל זענען מיר געזעסן זאַלבעפערט, די זעלבע דריי אידישע שריפטשטעלער, צווישן זיי דער יונגסטער פון אַלע — א דיכטער. דער זיידע איז געווען, ווי אַלע מאָל, דער צענטער, געזעסן אין מיטן ; מיר, די אייניקלעך, אַרום איהם. עס איז געווען א זומערנאַכט, א פרעכטיגע, א וואַרעמע, א שמעקענדיגע נאַכט. עס האָט זיך ניט געגלוסט געהן אין שטוב אַריין. שווער געווען זיך צעשיידען מיט אזא נאַכט ! גערעדט האָט מען וועגן איבערנאַטירליכעס, אומבעגרייפליכעס אין דער נאַטור און וועגן דעקאַדענץ אין דער ליטעראַטור. דער זיידע האָט געקוקט מיט זיינע ניט גרויסע, נאָר שאַרפע, האַלב-צוגעמאַכטע, קורצזיכטיגע אויגען ערגיץ אין דער האַלב-פינסטערער ווייטקייט אַריין. נאָכדעם איז געקומען צו רעד וועגן בעשרייבען די נאַטור. דער זיידע האָט געזאָגט, אז בעשרייבען די נאַטור הייסט פראָפאַנירען די נאַטור, און ער האָט גענומען מאָהלען מיט זיין איינפאַכער נאָר געשמאַקער אידישער שפראַך א נאַכט-בילד מיט א האַלב-ערענסטען און האַלב-קאָמישען טאָן, אזוי, אז עס איז שווער געווען צו וויסען, אויב ער מיינט דאָס באמת, אָדער ער שפּאַסט ?...

אָט אזוי האָט דער זיידע געשילדערט א זומערנאַכט :

— שטיל גנבה'ט זיך אַריין די נאַכט. איינציגווייז, אזוי ווי ליכט, ווערען אויסגעלאָשען די רויטפאַרביגע שטראַהלען פון דער פערגעהענדיגער זון. א קליין ווינטעלע לויפט-דורך און רוימט אייך איין א סוד : «דער טאָג איז פאַרביי... דער טאָג שטאַרבט-אָב»... די בוימער האָבען אַראָבגעלאָזט די ברעמען, זיי ווילען שלאָפען. איין אומעט, א מרה-שחורה אַרום און אַרום, ווי שבת פאַרנאַכט צו שלש-סעודות, ווען אַלץ טרויערט, אַלץ בענגט, און די נשמה יתירה רייסט זיך ערגיץ, צאַפּעלט, עס איז איהר שווער צו שיידען זיך... נאָר שאַט ! אָט געהט זי, די נאַכט-מכשפה, און

פערשפרייט איבער אונז איהרע שוואַרצע פליגלען. אָט באַלד וועט זי זיך בּפוצצען אין איהר פינסטערען געצעלט, וואָס וועט בעלייכט ווערען פון פינקעלדיגע שטערען. אָט באַלד וועט זי אונז זאָגען : א גוטע נאַכט ! שטיל וועט זי אָפּלייענען „קריאת-שמע”, און וועט איינשלאָפען, און עס וועלען זיך איהר חלומ'ען אַלערליי משונה-פערדרעהטע פערפלאָנטעטע וועלט-חלומות...

דער זיידע ווערד שטיל. מיר זיצען ווי פער'כשופ'ט. מיר וואָלטען וועלען הערען ווייטער, ווי ער מאָהלט זיינע פרעכטיגע נאַכטבילדער אין דער דאָזיגער פרעכטיגער זומערנאַכט. ער פערשטעהט אונזער וואונש.

פלוצים רייסט-איבער דער זיידע זיך אַליין און רופט זיך אָן :

— מילא, נו, בקיצור, נאַטור ! עס איז גאָלע ליגען ! אַלע אונזערע בעשרייבענישען, שילדערונגען און מאָהלעכצען האָבען אזא פנים קעגען דער נאַטור אַליין און געבען אונז פון איהר אזא בעגריף, פונקט אזוי ווי אָט-אָ-יענע געוויסע בילדער פון דער הגדה, וואָס זענען געדרוקט אין ווילנא אָדער אין באַרדיטשעוו, געבען אונז א בעגריף פון יציאת-מצרים... אויב איהר ווילט, וועל איך אייך, קינדער, בעסער דערצעהלען א מעשה שהיה, א מורא'דיגע מעשה, וואָס מיט מיר האָט אמאָל פּאַסירט אין בעסאַראַביע. די געשיכטע האָט אין זיך עטוואָס מיסטישעס, אומבעגרייפליכעס, און שטימט זעהר מיט דער דאָזיגער פראַכטפולער נאַכט, וואָס איז פול מיט כשוף, מיסטיציזם און דעקאַדענץ... ווילט איהר האָרכען, זאָלט איהר זיצען שטיל, רוהיג, און דער עיקר — נישט איבערשלאָגען אין מיטען, ווי דער מנהג איז, און נישט פרעגען קיין קשיות. איך בין אייך מבטיח, אז עס וועט אייך מיט דער צייט אַליין אַלסדינג פערענטפערט ווערען.

און מיר אַלע דריי אייניקלעך האָבען זיך צוגערוקט נאָך נעהענטער צום זיידען, און דער זיידע האָט א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד איבער דער לופט, גלייך ווי ער וואָלט עמיצען אָפּגעטריבען פון זיך, און האָט אָנגעהויבען רוהיג און לאַנגזאַם צו דערצעהלען זיין שרעקליכע געשיכטע בזה הלשון :

— בעסאראביע, ווייסט איהר, איז אווינקעל חלילה נישט פון מכשפים, נישט פון לצים. נישט פון וועלטבעריהמטע גנבים, גזלנים און רויבער. בעסאראביע איז זיך א ווינקעל פון אנטי-סעמיטען, פאפעשויעס, וויין און מאמעליגע, אזוי, אז פונ'ם נאמען בעסאראביע איז נישט צו דערווארטען, עס זאל זיך דארטען טרעפען מיט מיר עפיס איין אויסערגעוועהנליכע, איבערנאטירליכע געשיכטע. פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאגען פאראויס, אז איהר וועט הערען, וועט איהר נבהל ומשתומם ווערען פאר שרעק, און איהר וועט שטוינען. איהר וועט ניט פערשטעהען מיט'ן גלייכען שכל, וואס דא שטעקט אזעלכעס, און כמעט האב איך מורא, אז איהר וועט ניט וועלען גלויבען, דאס הייסט, איהר וועט חלילה ניט רעכענען אויף מיר, אז איך זאל אייך איבערגעבען א פאנטאזיע פאר א ווירקליכע געשיכטע; חס ושלום! אזוי גראב וועט איהר ניט זיין! נאר וואס דען? איהר וועט זיך קלערען: א קשיא אויפ'ן אלטען, אפשר האט זיך איהם אויסגעדאכט?...

נו, אלזא, הערט-זשע מיט קאפ. שטעלט אייך פאר מיט א יאהר עטליכע און דרייסיג צוריק א שטאדט אין בעסאראביע (נאר נישט קעשעניעוו, ווארום קעשעניעוו קריכט שוין פונ'ם האלז!). אלזא, א שטאדט אין בעסאראביע, און אין מיטען שטאדט איין איינפאהרהויז. מילא, וואס איין איינפאהרהויז איז און ווי אזוי זעהט אויס איין איינפאהרהויז — דארף איך אייך ניט דערצעהלען. דאס איז א הויז, וואס איז געשטעלט געווא-רען לכתחילה צוליעב „פריצים”, און וויבאלד צוליעב פריצים, קאנט איהר שוין זיכער זיין, אז עס איז פערזארגט מיט אלע מעגליכע בעקוועמליכקייטען, ווארום א פריץ איז נישט קיין איד. א איד איז א איד, און א פריץ איז א פריץ! נאר נישט דאס בין איך אויסען...

די שטוב אליין איז זיך אפילו א גאנץ געוועהנליכע שטוב פון „מיטעלמעסיגען וואוקס”, נישט הויך, נישט נידעריג, מיט א רויטען דאך פון שינדעל, מיט א הויכען ברייטען מויער אויף אריינצופאהרען מיטן גאנצען עקיפאזש גלייך אין הויף ארי-

מיט צוויי רייהען חדרים פוןביידע זייטען, רעכטס און לינקס, וואס די טהירען זייערע געהען-ארויס צום הויף און די פענסטער צו דער גאס. די צימערען זענען ריין, ברייט, גענוג ליכטיג. בעל-הביתיש מעבעל: א קיילעכיגער טיש אין מיטען צימער, א שען הילצערן געפאלירט בעט, פריש צוגעקליבען און מיט דיוואנעס פערהאנגען, א קליידער-שאפע אויך אזוינע, א וואש-קעסטעל, א ווייכע קאנאפע מיט א שפיגעל איבער איהר, מיט שטוהלען א פאר. אויף די וועגד בילדער, געוועהנליכע בילדער, פארטרעטען פון משה מאנטעפיורי מיט דער ברייטער געפלועטער מאנישקע, פון, להבדיל, נאפאלעאן באנאפארטע מיט'ן המנ'טאש אויפ'ן קאפ און מיט דער האנד אין זשילעט, מיט אביסעל א צו בייז אויסזעהען — פונקט דער היפך פון, להבדיל, רב משה מאנטעפיורי, וואס זעהט-אויס שוין אביסעל צו פיעל זיס-צוקערדיג. מערקווירדיג! צוויי בעזונדערע העלדען פון צוויי עפאכען, געמאהלט פון בעזונדערע קינסטלער, און ביידע מיט איין חסרון, ביידע איבערגעכאפט די מאס... נאר נישט דאס בין איך אויסען. די שענסטע און די בעסטע ציערונג, וואס אין צימער, איז די הרובע, דער אויווען, א פראסטע הרובע, ניט קיין געקינצעלטע, א געוועהנליכע, א געלע, מיט בלויע פלעקען, א חנ'עוודיגע, און דער עיקר, א וואַרימע הרובע — א געטרייע, ווי א מאמע! דערפון איז געדרונגען, אז די מעשה, וואס איך וויל אייך דערצעהלען, האט זיך געטראפען אים ווינטער — און דאס איז זעהר נויטיג צום ענין.

אזוי ווי דער זומער האט אין זיך זיין זומערדיקן חן און שענקייט, וואס אונז איז ליעב און טייער, אזוי האט אויך דער ווינטער ביי אונז זיין חן מיט זיין צויבער, בשעת אין דרויסען איז גוט קאלט, דער ווינד בלאזט, דער פראסט ברענט און גנבהט זיך אריין דורך די צוגעמאכטע לאדען און מאהלט צאצקעס אויף די שויבען פון די פענסטער, און איהר זיצט זיך מיט א געזעלשאפט אין א ווארים-אנגעהייצטען און גוט-בעלייכטען חדר, ביי א געדעקטען טיש מיט א זודיגען סאמא-ווער, וואס קאכט און פארעט און ציהט-אויס א לאנגען דינעם

טאָן. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט — איטליכע זאַך איז גוט אין איהר צייט. נישט גוט איז נאָר, אַז אין מיטען ווינטער ווערד פּלוצים זומערדיג, דריליוואַטע, אָדער, אַז אין מיטען זומער ווערד קאַלט, ווינטערדיג... נאָר נישט דאָס בין איך אויסען.

געזעסען ביי'ם סאַמאָוואַר און געטרונקען טיי איינער אַליין, האָב איך אַרויסגעקוקט, אַז עמיצער אַ לעבעדיגער פּאַרשוין זאָל זיך באַווייזען, רעדען אַ וואָרט, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז מע פערבענגט זיך נאָך אַ מענשען. וואָרום מענשען האָבען אַ טבע: זיי עסן זיך צו, נאָר אַז מע זעהט זיי נישט, בענגט מען נאָך זיי. גאָט האָט געהאָלפען, עס האָט זיך געעפענט די טהיר און עס האָט זיך באַוויזען אַ נפש אַ באַוואַקסענער מיט האָריגע הענד, איינער פון די נפשות, וואָס נאָר אַ לאַנד פון פאַפּעשויעס, וויין און מאַמעליגע קאָן אַרויסגעבען. אָפּמאָהלען אייך איהם — געפין איך נישט פאַר נויטיג צו אונזער געשיכטע, נאָר אין צוויי ווערטער זאָגען שאַדט נישט: ג ר ע ב ע ר ווי לענגער, און אַזוי פערוואַקסען מיט שמאַלץ, אַז קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטהעם. דאָס איז דער בעל-הבית פון דער אכסניה. אַריינגעקומען איז ער צו מיר, ווי געוועהנליך, מקבל-פנים זיין דעם אורח, איהם אָפּגעבען שלום, פרעגען, פון וואַנען ער איז און וואוהין ער פאָהרט און וואָס איז זיין טהועכץ, אַ קוק, אַ שמעק, אַ טאַפּ אין וואָגען, אפשר דאַרף ער עפּעס האָבען, ווצט ער איהם דינען. גו, און אַזוי ווייטער. לאַנג בעטען איהם זיצען האָב איך זיך נישט בעדאַרפט; טרינקען מיט מיר אַ גלעזעל טיי האָב איך אויך ביי איהם גע'פועל'ט און עס איז אַוועק ביי אונז אַ געשפּרעך, וואָס איך זעה נישט, ער זאָל האָבען פאַר אייך אַ אינטערעס. דער געשפּרעך האָט זיך גע-דרעהט אַרום אַלערליי וועלט-ענינים, שטאָדט-זאַכען, מסחר, פאַמיליענאַנגעלעגענהייטען, און אַביסעל גלאַט אַזוי, אַבי גערעדט, נישט געשוויגען. מיין בעל-הבית, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז געווען אַ איד אַביסעל אַ שווערער, אַביסעל צו פיעל פערוואַקסען מיט שמאַלץ, דעריבער איז איהם שווער

געווען אָנצוהויבען רעדען. אַלע מאָל, ווען ער דאַרף עפּיס זאָגען, סאַפּעט ער זיך פריהער גוט אויס, ווי אַ בלאָזאַק, און קוים האָט ער זיך אָפּגעזאַפּעט און דעם בלאָזאַק אויסגעבלאָזען, איז ביי איהם אַוועק ווי אַ מזמור, און ער האָט מיר אָפּגע-געבען דין וחשבון פון גאַנץ בעסאַראַביע, מיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַלע פריצים, וועלכע פריצים עס האָבען אַ סך ערד און ווינציג הינד, און וועלכע פריצים עס האָבען ווינציג ערד, נאָר אַ סך הינד. אויך פון פערד האָט ער מיר דערצעהלט זעהר אַ סך שענע מעשיות, פון „עהרליכע" פערד און פון „גנבה'שע" פערד, און פון גנבים, וואָס גנבה'נען פערד, און פון גנבים, וואָס גנבה'נען אַנדערע זאַכען, און פון גזלנים, וואָס קומען אַהער פון רומעניע, מייסטענס ציגיינער, וואָס טהוען-אָפּ אַמאָל אַזעלכע זאַכן, אַז די האָר שטעלען זיך קאַפּויער! איך האָב איהם אויסגעהערט, בעטראַכט אָט דעם בעוואַקסענעם נפש מיט די האָריגע הענד, צי געהערט ער זיך נישט אָן אַ ווייטער קרוב מיט אָט די גזלנים פון רומעניע... איך האָב אָבער אַרויס-געזעהן, אַז אומזיסט האָב איך איהם חושד געווען, וואָרום פון זיין ווייטערען שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז גלאַט אַ גראָבער יונג, איין עם-הארץ און נעבאַך אַ גרויסע בהמה! פון די גזלנים איז ער אַרויף אויף מכשפים, לצים, רוחות און שדים, מתים, וואָוקעלאַקעס און שרעטעלעך, וואָס ער אַליין מיט זיינע אויגען האָט דאָס געזעהן — אַ סימן, זיי זענען מיט הערנער. ווער איז מיט הערנער — האָב איך איהם פערגעסען פרעגען, און אַגב האָבען זיך מיר געקלעפּט די אויגען... גאָט ווייסט, וויפיעל צייט מיין חכם וואָלט נאָך אַזוי געזעסען איבער מיר, ווען איך הויב נישט אָן אונטערצודרימלען. שטאָף אויף צו דערצעהלען האָט ער נאָך געהאַט, ווייזט אויס, גענוג, מחמת אַז ער האָט זיך געזעגענט, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז מאָרגען אין דער צייט וועט ער ערשט דערצעהלען און דערצעהלען. פאַר'ן אַוועקגעהן האָט ער מיט מיר אינאיינעם בעטראַכט די פענסטער, צי האָט מען גוט פערמאַכט די לאָדען, געכאַפּט אַ קוק צום אויוען, צי האָט מען נישט פריה

צוגעשטעקט דעם קוימען, בעוויזען מיר, ווי אַזוי מע פֿערשליסט די טהיר, געזאָגט אַ גוטע נאַכט, אָפּגעלאָזט דעם בלאָזאַק און אַוועק.

נאָך זיין אַוועקגעהן האָב איך די טהיר צוגעשלאָסען און געפּרובט, אויב זי עפֿענט זיך נישט. ניין — זי עפֿענט זיך ניט. נאָכדעם האָב איך בעטראַכט די פֿענסטער אַלע, געכאַפּט אַ קוק, אַזוי זיך פֿאַרבייגעהענדיג, אונטער׳ן בעט, גענומען זיך אויסטהון, צוגעגרייט דעם זייגער אויפ׳ן טיש און די שוועבעלעך, אַריין אין בעט אַריין, זיך איבערגעדעקט מיט אַ וואַרעמער ריינער בייענער קאָלדרע, אויסגעלאָשען דאָס פֿייער, און...

דאָ האָט זיך דער זיידע פּלוצים אָפּגעשטעלט און איז אַנטשוויגען געוואָרען. די נאַכט איז ווירקליך געווען פֿול מיט כּשוף. דער הימעל האָט אַראָפּגעקוקט צו אונז מיט זיינע שטערען, וואָס האָבען זיך געמינעט, געביטען זיך, געפֿינטעלט, ווי אַ מענש, וואָס פֿינטעלט מיט די אויגען. זיי האָבען צו אונז געוואונקען, זיי האָבען גערעדט צו אונז, זיי האָבען אונז געזאָגט: «ווען איהר זאָלט וויסען, וואָס עס טהוט זיך דאָ ביי אונז אין הימעל!»... «נו, אַדרבה, זאָגט אונז שטערנדלעך, זאָגט אונז, וואָס טהוט זיך דאָרט ביי אייך אין הימעל?»... נאָר די שטערענדלעך זאָגען ניט, וואָס עס טהוט זיך דאָרט ביי זיי אין הימעל. זיי מינען זיך, זיי בייטען זיך, זיי פֿינטלען, ווי אַ מענש וואָס פֿינטעלט מיט די אויגען. און מיר קוקען, קוקען אין הימעל אַריין, און ווייסען ניט, וואָס דאָרטען טהוט זיך.

מיר האָבען זיך אַלע, אַפּנים, שטאַרק פֿערטיעפֿט אין די שטערען און גאָר נישט בעמערקט, אַז דער זיידע שווייגט עפּיס זעהר לאַנג. און אַלע דריי האָבען מיר זיך אָנגערופֿען צו איהם:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס זענט איהר אַנטשוויגען געוואָרען?

— איך האָב געוואָלט אייך אויספּרובען, צי איהר האַלט קאָפּ.

— וואָס הייסט, צי מיר האַלטען קאָפּ? געוויס האַלטען מיר קאָפּ.

— זאָגט-זשע מיר, קינדערלעך, וואו האַלט איך?

— איהר האַלט ביי דער בייענער וואַרעמער קאָלדרע. איהר האָט זיך איינגעדעקט, אויסגעלאָשען דאָס פֿייער און...

— אָט אַזוי האָב איך אייך ליעב. ווייבאַלד איהר האַלט קאָפּ, קאָן איך אייך דערצעהלען ווייטער. אַלזאָ, איך האָב מיך גאַנץ פֿיין איבערגעדעקט און — אַ גוטע נאַכט!... איך וועל אייך ניט זאָגען אַקוראַט, צי איך האָב שוין געהאַט איינגעשלאָפּען, צי איך האָב נאָר-וואָס געזאָלט אַנטשלאָפֿען ווערען, צי איך האָב שוין געהאַט אָפּגעשלאָפֿען אַ צייט, — איך ווייס נאָר, אַז די אויגען האָב איך געהאַלטען צו, נאָר געהערט האָב איך טריט, שטילע טריט — מע געהט!... איך הער מיך צו שטאַרק — יאָ, מע געהט!... «עט! עס ווייזט זיך מיר אודאי אויס!... דאָס איז אַ סך-הכּל, אַ רעזולטאַט פֿון דעם בעל-הבית׳ס מעשיות»... אַזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך איבערדעקען איבער׳ן קאָפּ — איך הער ווידער אַ מאָל גאַנץ קלאָרע טריט! איך הויב מיך אָן בערעכענען: אפשר געהט מען דאָס אינ׳ם אַנדערען צימער אויף יענער זייט וואַנד? אפשר פֿון אויבען איבער מיין קאָפּ? ניין! איך הער טריט אָט דאָ, ביי זיך אין צימער, ניט ווייט פֿון מיין בעט! איך האָב צונויפֿגענומען אַלע מיינע געדאַנקען, איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב, דאַכט זיך, גוט צוגעשלאָסען די טהיר, בעטראַכט די פֿענסטער אַלע, געזעהען אויך וואָס אונטער׳ן בעט טהוט זיך — ווער קאָן דאָס זיין און פֿון וואַנען האָט ער זיך אַהער גענומען?... און דאָ איז אַ פֿינסטערניש, כאָטש נעם זיך אַרויס די אויגען! וואָס טהוט מען? אויסרייבען אַ שוועבעלע? זענט איהר גערעכט. אַ שכל איז דאָס טאַקי. די פֿראַגע איז אָבער, וואו נעמט מען אַ שוועבעלע, אַז די שוועבעלעך ליגען ערגיץ ווייס איך וואו, אויפ׳ן טיש? נו? וואָס וועט איהר טהון? אַיאָ, איהר שווייגט? אַז עמיצער איז פֿאַרהאַן ביי מיר אין צימער — איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט געווען. די קשיה איז נאָר, פֿון וואַנען האָט ער זיך גענומען? ווי אַזוי איז ער אַריין?

פאָלגליך, דאַרפען מיר קלערען, אז אָדער דורך דער טהיר, אָדער דורכ׳ן פענסטער? אויב דורך דער טהיר, איז דאָס דער בעל-הבית אליין, מיט א נאָכשליסעל; אויב דורכ׳ן פענסטער, איז דאָס גלאַט א גנב. קיין גרויסע נפקא-מינה אפילו איז דאָס ניט, נאָר א מענש א בר-דעת האָט ליעב יעדע זאַך בעקלערען, ער זאָל וויסען, וואו ער איז אין דער וועלט, ער זאָל ניט בלאָנזען אין דער פינסטער אפילו דעמאָלט, ווען עס איז פינסטער... איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, פערשטעהט איהר מיך, אין קאָפ אלסדינג, ווי אין פסוק שטעהט: החכם עיניו בראשו. איך האָב מיר אויסגעמאָהלט מיין צימער, דעם טיש, דאָס בעט, ווי אזוי האָב איך מיך געלעגט? מיט׳ן פנים צום פענסטער, מיט די פיס צו דער טהיר. פאָלגליך, ווען עס זאָל זיין אָפען די טהיר, וואָלטען דאָס דערפיהלט פריהער פון אלעמען — ווער? די פיס. שטעק איך ארויס פאוואָלינקע א שפיץ פוס פון אונטער דער קאָלדרע, געוויס וועל איך דערפיהלען עפיס א ווינטעלע?—ווער! וואָס! די טהיר איז צו — דערויף וועל איך שווערען! דאַרף מען זיך נעמען צום פענסטער. ווי אזוי זשע טהוט מען דאָס? שטעק איך ארויס פאוואָלינקע פון אונטער דער קאָלדרע א האנד — קיין שפור פון קיין ווינטעל, פון קיין קעלט. עס איז צו טיהר און טויער, און די טריט ווערען אלע מאָל קערער און נעהענטער. איך מעג שווערען אז איך הער עמיצער נעבען מיר אָטהעמט שוין? עס פערשטעהט זיך, אז יעדע מינוט, יעדע סעקונדע איז א טאָג, א יאָר.

א קאַלטער שוויס האָט שוין לאַנג ארויסגעטרעטען! דאָס הארץ קלאַפט, קלאַפט, הי׳ א זייגער. וואָס טהוט מען? אראָפּ-שפרינגען כון בעט? אָנהויבען שרייען? מאַכען א גוואַלד? צו וועמען? אויף וועמען? אפנים, איהר ווייסט דען, מיט וועמען איהר האָט צו טהון? אויפזעצען זיך אויפ׳ן בעט — האָט איהר מורא זיך א ריהר טהון, וואָרום צו וואָס זאָלט איהר ווייזען יענעם, אז איהר שלאָפט ניט? ממה נפשך, איז דאָס א גנב, וועט ער זיך נעמען זיינס, וואָס איהם איז נויטיג, און וועט זיך געהן געזונטערהייד. אָבער אז איהר וועט נעמען מאַכען קולות,

וועט ער דאָך וועלען ראַטעווען זיין אייגענע פעל, וועט ער אָנפאַלען אויף אייך ווער ווייסט מיט וואָס פאַר א כלי-זיין, וועט איהר, הייסט עס, אליין מאַכען איהם פאַר א גזלן, — צו וואָס נוצט דאָס אייך? וואָס זשע דען? וואַרטען ביז ער וועט צוגעהן צו אייך צום בעט און וועט ארויפפאַלען אויף אייך און וועט אייך כאַפען פאַר׳ן האַלז, און וועט אייך אָנהויבען וואַרגען, שטיקען? איז עפיס אויך ניט קיין פלאַן. אלזאָ, אצינד זאָגט שוין איהר, וואָס וואָלט איהר געטהון? לאָם איך הערען. איהר זייט יונגע לייט, העלדען! ...

אזוי האָט זיך דער זיידע געווענדט צו אונז, זיינע דריי איייניקלעך, און געוואַרט אויף אונזער ענטפער. דער ערשטער האָט זיך ארויסגעכאַפט מיט זיין ענטפער דוקא דער יונגסטער פון אלע, דער פאָעט. ער האָט זיך אָנגעצונדען, ווי איין אמת׳ער העלד, געמאַכט צוויי מורא׳דיגע קולאַקעס און בעוויזען, ווי אזוי ער וואָלט געגעבען א שפרונג-אראָפ פונ׳ם בעט, ווי אזוי ער וואָלט איהם צוגעבויגען צו דער ערד, ווי אזוי ער וואָלט איהם געשטיקט, און האָט אויסגעלאָזט מיט פייער: — נפש תחת נפש! מיר א טוידט, דיר א טוידט! ...

אויסגעהערט די תשובה פונ׳ם פאָעט, האָט דער זיידע א קנייטש געטהאָן מיט דער האנד, ווי איינער רעדט: „מהיכי-תיתי!״ און האָט זיך געווענדט צו מיין קאָלעגא מיט׳ן הייסען טעמפּעראַ-מענט: וואָס וואָלט ע ר געטהאָן? און מיין קאָלעגא מיט׳ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט אים אָפגעענטפערט גאַנץ אויפריכטיג:

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, זיידע: געהן אָנפאַלען אויף א מענשען, וואָס איך קען איהם ניט און זעה איהם ניט — דאָס וואָלט איך נישט געטהאָן. איך וואָלט איהם איבערגעלאָזט יעם זייגער מיט האק און פאַק, כאַפט איהם דער רוח, און אליין וואָלט איך ארויסגעשפרונגען דורכן פענסטער. האָבען צו טהון מיט יעדען פאַרך, מיט יעדען גנב? זאָל דאָס געהן אין דער ערד אריין...

— איך געצרעכט! מאַכט דער זיידע. — האָבען צו טהון

ניִשט מיט קיין גלייכען איז אוודאי נישט כדאי... נו, און איהר, וואס וואָלט איזהר געטהאָן, ווען מיט אייך טרעפט זיך אזא מעשה?

אזוי זאָגט דער זיידע שוין צו מיר, און איך ענטפער איהם אייך גאנץ אָפענטליך:

— איך? איך וואָלט פערשפאָרט אלע זאכען! איד וואָלט נישט אָנגעפאלען אויפ׳ן גנב, איך וואָלט נישט געשפרונגען דורכ׳ן פענסטער. איך וואָלט... איך וואָלט... געשטאָרבען!

— אָט דאָס איז ריכטיגער פון אלץ! — מאכט דער זיידע מיט א הילכיגען געלעכטער, און אויף איהם קוקענדיג לאכען אלע, אחוץ מיר. — שטארבען פאר שרעק איז טאקי זעהר א װאוילע עצה, נאָר איידער מע קומט דערצו, פאלט-ארויס דריי מאָל די נשמה, עס בעשלאָגט אייך א קאלטער שוויס, און איהר פיהלט, אז דער מח הויבט זיך אייך! איהר זעהט פאר זיך דעם מלאך-המות, איהר פיהלט אויף זיך דעם קאלטען חלף, נאָר איהר ווייסט נישט, ווען וועט זיין דער „חיק"!... בקיצור, איך וועל אייך מעהר נישט דערצעהלען. איך הער נעבען מיין בעט שוין עמיצער סאפעט, אָבער ווי אזוי נאָך! מיט אימפעט, מיט כעס: „הא! אי-הא! אי-הא!" איך פיהל דורך דער קאָלדערע עמיצענ׳ס א האנד אויף זיך, א פעסטע, א שווערע, א קאלטע, א האָריגע האַנד, און טאקי באלד נאָך א האנד. אהא! עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אריין, אָט-אָט איז ער שוין, אָט-אָט כאפט ער מיך ביי׳ם גאָרגעל! אָט-אָט דערלאנגט ער מיר מיט איין אייזען אי-בער׳ן קאָפּ! אָט-אָט... נו? חכמים! וואָס וועט איהר איצטער טהון?

דאָ האָט זיך דער זיידע אָפּגעשטעלט, אפנים, געוואָלט אָפּרוהען א ווײלע. מיר האָבען פערשטאנען, אז עס איז איהם מסתמא שווער געווען איבערצולעבען נאָך א מאָל אזא קריטישען מאָמענט, האָבען מיר איהם געלאָזט, ער זאָל אביסעל אָפּרוהען, און אליין האָבען מיר זיך גענומען איינהערען אין דער שטיל-קייט פון דער נאכט. איהר ווייסט, ליעבע פריינד? די שטיל-קייט פון דער נאכט רעדט, רעדט ווערטער. הערט זיך אייך אמאָל, וועט איהר הערען קולות, שטילע נאָר זיסע ווערטער

פון איין אומאקאנטען נפש, וואָס זיצט נעבען אייך און סוד׳עט זיך און שושקעט זיך מיט אייך, און עס מאָהלט זיך אייך אויס, אז אייך איז בעקענט די שטימע, איהר האָט זי ער-גיץ געהאָרכט, איהר ווייסט ניט וואו... און עס דאכט זיך אייך אויס, אז איהר האָט געהערט א זיפץ, א טיעפען זיפץ, און איהר ווייסט ניט, ווער האָט דאָס געזיפצט: צי אָט דער אומבעמערקטער נפש, וואָס זיצט נעבען אייך, אָדער איהר אליין האָט דאָס געזיפצט?... און עס כאפט אייך אָן א מורא מיט א בענקעניש אינאיינעם; איהר וואָלט גערען אויפהויבען זיך, אוועקגעהן, נאָר עפּיס האלט אייך צו — איהר ווייסט נישט וואָס... עמיצער ציהט אייך ביי דער נשמה, איהר ווייסט ניט ווער... און עס בענגט זיך אייך מיט סכנת-נפשות — איהר ווייסט נישט נאָך וועמען... פלוצים הערט איהר: פליוך! ווי אין א טייך אז מע ווארפט אריין א שטיינדל, אָדער אין א ברונען ה;ט עמיצער אראָפּגעלאָזט א זאך!... ארום און ארום אייך, ווייסט איהר, איז נישטאָ קיין ברונען, נישטאָ קיין טייך. וואָס בעדייט דער פליוך?... אָדער א „קרא" לאָזט זיך הערען. פון וואנען געהט דער „קרא", אז אלע פויגלען שלאָפען?... און עס דאכט זיך אייך, אז די ערד אָטהעמט, קוים-קוים וואָס מע הערט. גלייך מיט אייך אָטהעמט זי, די ערד, די גאנצע וועלט, און איהר פיהלט, אז איהר זייט א חלק פון דער אָטהעמדיגער ערד, פון דער גרויסער-גרויסער וועלט, וועלכע איז א גרויסער-גרויסער סוד פאר אייך...

דאָס שטילשווייגען פונ׳ם זיידען האָט זיך ווידער פער-צויגען מעהר וויפיעל מע בעדארף, און מיר זענען אויסגעגאנגען וויסען גיכער דעם סוף פון דער געשיכטע, און מיר האָבען זיך ווידער א מאָל גענומען מינטערען דעם זיידען.

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס הייסט, וואָס נו? וואָס איז געווען ווייטער? ווער איז דאָס געווען? און וואָס האָט ער אייך געטהאָן? ווי אזוי זענט איהר ארויס פון זיינע הענד?

— אזוי ? איהר ווילט טאַקי וויסען דעם סוף ? האָט צייט. מאָרגען איז אויך אַ טאָג. עלעהיי, זאָל זיך אייך דאַכטען, עס איז אַ ספור-המעשה, וואָס איז געדרוקט ערגיץ אין אַ בלאַט, און דער רעדאַקטאָר, דער חכם, האָט אייך איבערגעהאַקט אין סאַמע מיטען, אוועקגעשטעלט פון אונטען די געוויסע צוויי ווערטער: „פאָרטזעצונג פאָלגט" — און געהט לאָדט איהם צום ונתנה-תוקף. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט דער קלוגער רעדאַקטאָר אייך געטהאָן מיט אַ כיון, בכדי איהר זאָלט מאָרגען אויך קויפען זיין בלאַט — איהר האָט איין אַנדער ברירה ? אָדער עלעהיי, זאָל זיך אייך דאַכטען, עס איז די מעשה מיט דער שלאַנג.

— מיט וואָסער שלאַנג ?

— איהר ווייסט נישט די מעשה מיט דער שלאַנג ? — ציהט אויס דער זיידע מיט אַ ניגון. — וועל איך אייך דערצעהלען אַ נייע מעשה, אַ מעשה מיט אַ שלאַנג.

איינמאָל, דאָס איז געווען דעם 31-טען דעקאַבר, פונקט ערב ניי-יאָהר, לייענט מען אין אַ צייטונג אַזאַ מין געשיכטע: „אַ יונגע שענע פרוי, איין ערשטלינג, איז געזעסן מיט איהר ברעקעלע קינד אויף די הענד ביי'ם פענסטער, נאָר-וואָס געקליבען זיך געבען דעם קינד זויגען. פלוצים, מע ווייסט ניט ווי און פון וואַנען, קריכט אַרויס אַ שלאַנג, טהוט זיך אַ קאַטשע אַרויף גלייך אויף דער פרוי, כאַפט אַריין די ברוסט אין מויל אַריין און הויבט אָן צו זויגען. זעלבסטפערשטענדליך, אַז די פרוי איז באַלד אויפ'ן אָרט געפאַלען חלשות. נאַטירליך, איז מען זיך צונויפגעלאָפען פון דער גאַנצער שטאָדט רעטען די אומגליקליכע פרוי. מע האָט צונויפגערופען די גרעסטע דאָקטוירים פון שטאָדט, נאָר געהט טהוט עפּיס, האַלט מלחמה מיט אַ גיפטיגער חיה! מע קאָן דאָ גאָר נישט מאַכען, מחמת טאָמער ריהרט מען אָן די שלאַנג, אַזוי לאָזט זי אַרויס איהר גיפט און טוידט די פרוי אויפ'ן אָרט. ווידער צוריק, זאָל מען לאָזען די שלאַנג זאָל זויגען ווייטער, וועט זי אַזוי לאַנג זויגען, ביז די פרוי וועט שטאַרבן... שלעכט! — אַזוי לאָזט אויס די צייטונג. — די לאַגע איז זעהר קריטיש, די שלאַנג זויגט, די פרוי חלש'ט. דאָקטוירים

זיצען און זוכען מיטלען. אונזערע רעפּאָרטערען שטעהען און וואַרטען. מאָרגען וועלען מיר געבען צו וויסען אונזערע לעזער, וואָס ס'איז געוואָרען מיט דער פרוי און מיט דער שלאַנג". עס פערשטעהט זיך, אַז ניט איין מאָרגען איז אוועקגעגאַנגען. דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו קויפען אַלע טאָג די צייטונג, געזוכט דעם סוד פון דער פרוי מיט דער שלאַנג אַ צייט מיט יאָרען, און איך האָב מורא, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע געטרייע לעזער, וואָס עד היום נאָך הערען זיי נישט אויף צו קויפען די צייטונג אַלץ צוליעב דער פרוי מיט דער שלאַנג... שוין-זשע האָב איך ניט פערדיענט ביי אייך, קינדער, איהר זאָלט מיר וואַרטען ביז מאָרגען ? אַ גוטע נאַכט!

און דער זיידע איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד און האָט גענומען זיך געזעגענען מיט אונז אויף דער רעכטער אמת. זענען מיר, אַלע דריי איינינקלעך, צוגעפאַלען צו איהם, געבעטען, גע'חלש'ט, געקושט — קוים מיט צרות געפּועל'ט, ער זאָל זיך אַוועקזעצען צוריק אויף זיין אָרט און פאָרטזעצען זיין שרעקליכע געשיכטע.

— געדענקט-זשע, קינדער, וואו האַלטען מיר? מיר האַלטען, ווי אַזוי דער נפש געהט מיט שטילע טריט צו מיין בעט. איך הער, ווי ער סאַפּעט מיט אימפּעט און מיט כעס: „האַ ! אי-האַ ! אי-האַ !" איך פיהל דורך דער קאָלדרע עמיצענ'ס אַ האַנד, און טאַקי באַלד נאָך אַ האַנד, עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אַריין, אָט-אָט איז ער שוין ביי מיר אין בעט!... איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר; איך האָב מיך אָנגעלייענט אַמאָל, אין די יונגע יאָהרען, אַ סך אַזעלכע מעשיות, מורא'דיגע, מיט שדים, גזלנים, מכשפים, רוחות — די דאָזיגע אַלע מעשיות, דאַרף איך אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, האָבען אויף מיר נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק, אויסער דעם, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט וויסען דעם סוף, אַ שטייגער, אָט אַזוי ווי איהר אַצינד... דער בעגריף פון „אָנפאַלען", „איבערפאַלען", „הרגה'נען", „טוידטען" — איז מיר געווען פרעמד. אַפילו דער מלאך-המות מיט די פיעלע אויגען איז אויך געווען ביי מיר נישט מעהר

Ex bibl. univ. Torú.

ווי אַ „סטראַשידלע״, איין אויסגעטראַכטער חלום אויף צו שרעקען אונז, און ווייטער גאָר נישט... דאָ אָבער האָב איך דערזעהן דעם מלאך-המות פאַר מיינע אויגען. איך האָב איהם דערזעהן און האָב איהם דערקענט, אַז דאָס איז — ער! ער! איך האָב נאָר נישט געקאָנט טרעפען, מיט וואָס פאַר אַ טוידט איך וועל פון איהם דאָ פאַלען, און האָב דעריבער נישט געוואוסט, צו וואָס איך זאָל מיך פריהער חאַפּען: צום קאָפּ, צום האַלז, צום בויך? נעהער פון אַלץ האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז צוויי גרויסע, ביינעריגע, קאַלטע הענד וועלען מיך אַרומחאַפּען ביי'ם האַלז און וועלען מיך נעמען וואַרגען. איך וועל ווערען ברוין און בלוי, די אויגען וועלען מיר אַרויס פון שטערן, און איך וועל נישט קאָנען שרייען. אויך האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַ שווערע זאַך, איין אייזערנע, לאָזט זיך אַראָפּ מיר אויפ'ן קאָפּ, און איך ווער פריטשמעליעט... אָדער אַ ברייטעס שאַרפעס קאַלטעס מעסער טהוט אַ שנייד-אַריין זיך גלייך צו מיר אין בויך אַריין, און איך הער דעם שניט... איך ווייס אַליין ניט, קינדער, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען מוטה און כוח — פון דערשרעק ווערד דער גרעסטער טרוס אַ העלד, און אויב איהר ווילט וויסען, וועל איך אייך אויסזאָגען אַ סוד, אַז קיין „העלדען״ זענען גאָר נישטאָ אין ערגיץ; דער אמת'ער העלד איז טאַקי נאָר דער טרוס... הקיצור, איך האָב דערזעהען, אַז עס איז מיר אַ מינוט צום טוידט, האָב איך מיר אַ טראַכט געטהאָן: „וואָס ליגסט דו, שוטה? אויף וועמען וואַרטסט דו? דיין לעבען איז דאָך סאַי ווי אַצינד נישט ווערטה אַ גראָשען״... און איך האָב מיך געגעבען אַ הויב-אויף און אַ שפּרונג-אַרויס פון בעט, און בין שוין געווען מיט איין פוס ביי'ם טיש, און האָב געחאַפּט אַ שוועבעלע און געגעבען אַ רייב-אויס און אַ טראָג-צו צום בעט, — איך טהו אַ קוק: אַ גרויסער, אַ שוואַרצער, אַ קודלאַטער הונד, איין אמת-ער „סיביריאַק״ מיט רויטע אויגען!...

געלעגען איז דער כלב-שבכלבים, אַפּנים, די גאַנצע צייט, ערגיץ אונטער דער קאַנאַפּע, אָדער צווישען דער שאַפּע, איז איהם נמאָס געוואָרען צו ליגען אַליין, אָדער עס איז איהם גע-

וואָרען קאַלט, איז ער דאָס געקומען צו מיר מיט אַ וויזיט, זיך בעקענען מיט'ן נייעם אורח, און, אַגב, איז טאַקי ביי מיר אויף דער בייענער קאָלדערע פיעל בעסער, וואַרעמער און געשמאַקער...

אויף מאָרגען האָט מיר דער האָריגער בעל-אכסניה דערצעהלט, אַז דאָס האָט ער בעקומען אַ מתנה פון אַ פריץ.

— עס איז אַ שטילער הונט, — האָט ער זיך פערענטפערט — זעהר אַ שטילער הונט. ער טשעפּעט ניט קיין פליעג אַפילו. ער איז שוין זעהר אַלט, און דערצו איז ער נאָך בלינד אויף ביידע אויגען.

ש. ל. ציטראָן

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש*)

ווי ס׳איז באַוואוסט, האָט אַבראַמאָוויטש געהאַט כל ימיו א גרויסע חולשה צום שמועסן, און ניט בלויז מיט חברים-שריפט-שטעלער. און געשמועסט האָט אַבראַמאָוויטש ניט סתם אין דער וועלט אַריין. וועגן וואָס פאַר אַן ענין ער זאָל ניט האָבן גע-רעדט, האָט זיין מויל געשפריצט פונקען פון זעלטענע, און אויך גאַנץ-אָריגינעלע געדאַנקען, אָדער ער האָט געשפּראָדלט מיט וויץ און מיט אַ פריילעכן, געזונטען הומאָר. אַ גאַנץ קנאַפּער בעלן איז אָבער אַבראַמאָוויטש געווען — אַזוי פלעגן זיינע מקורבים דער-ציילן — אַריינצולאָזען זיך אין געשפּרעכען, מיט וועמען ס׳זאָל ניט זיין, בנוגע זיינע פערזענליכע איבערלעבענישען, און אַפילו וועגן אַזוינע פאַקטען, וואָס האָבן אַ היסטאָריש-געזעלשאַפטלי-כען אינטערעס. תמיד פלעגט ער זאָגען: וויל ווער וויסען מיין לעבנס-בעשרייבונג, זאָל ער גיין און לייענען מיינע ספרים. אין די ווייניגע אַוטאָביאָגראַפישע נאָטיצען, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פערעפנטליכט אין סאָקאָלאָווס „ספר זכרון", האָט ער שוין אויף דעם געגעבען די ערשטע אָנצוהערעניש. ער שרייבט דאָרטען: „זינט כ׳האָב פאַרלאָזען מיין שטיף-פאָטערס הויז, הויבען זיך אָן

*) פון בוך „דריי ליטעראַרישע דורות", מיט איניגע קיצורים — ר״ע ד.

אין מיין לעבענס-בוך נייע קאַפּיטלאַך, וועלכע זיינען איינגעוועבט און איינגעפלאָכטן אין דעם אַלגעמיין אידישן לעבען און וועלכע כ'וועל באַשרייבן אין באַזונדערע ערצעהלונגען". דערווײלע וואָס ווען שיקט אַבראַמאָוויטש אָב די אַלע, וואָס אינטערעסירען זיך מיט זיין לעבענס-געשיכטע, צו זיין ביאָגראַפיע, וועלכע ל. בינשטאָק האָט אָפּגעדרוקט אין דעם רוסיש-אידישן חודש-זשורנאַל „וואָסכאָד", (דעצעמבער 1884). אַבראַמאָוויטש בעמערקט אָבער דאָרטן אויפן אָרט, אַז די דאָזיגע ביאָגראַפיע איז ניט מער פון אַ רמז אויף די געשעהנישן און פּאַסירונגען פון זיין לעבען.

אַבראַמאָוויטש האָט, אמת, וואָרט געהאַלטן. כמעט אַלע זיינע ספרים, די העברעאישע ווי די אידישע, ענטהאַלטן אַ סך פון דעם אויטאָביאָגראַפישן עלעמענט. מ'קען נאָך אָבער אויף קיין פאַל ניט זאָגן, אַז אין די דאָזיגע ווערק איז שוין אַבראַמאָוויטשעס לעבענס-געשיכטע אינגאַנצן אויסגעשעפּט געוואָרען. נאָך מער: אַפילו אין זיין „שלמה ר' חיים'ס", וועלכער האָט, לכל הדעות, די גרעסטע פּרעטענזיעס אויף אַן אויטאָביאָגראַפיע, זיינען אויך דאָס רוב שטריכן טיפּישע, און ניט קיין אינדיווידועלע, דאָס הייסט, ניט אַזעלכע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט נאָר צו אים, צו אַבראַמאָוויטשן אַליין, און חוץ אים צו קיינעם ניט. דער ליטעראַטור-היסטאָריקער. וואָס וועט אַמאָל קומען שרייבן אַבראַמאָוויטשעס כאַראַקטעריסטיק אַלס מענש, אַלס פּערזענליכקייט, וועט פאַר זיך אין „שלמה ר' חיים'ס" קנאַפּ-וואָס מאַטעריאַל געפינען, און אין אַבראַמאָוויטשעס איבעריגע ווערק געוויס אין געוויס ניט.

אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע, אין וועלכער עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען דאָס פאַרבען-רייכע, ברויזנדיגע לעבן פון אונזער גרויסן דיכטער, און וועלכע זאָל אונז קענען געבען אַ ריכטיגען באַגריף וועגען די אינעווייניגסטע איבערלעבענישן פון זיין נשמה, די פאַרשיידענע איינדרוקען פון דער אַלטעגליכקייט, דאַרף נאָך ערשט געשריבען ווערען. העכער פון אַ פופציגיאָריגען ליטעראַרישן וועג האָט אַבראַמאָוויטש דורכגעמאַכט. פאַר אָט

דער צייט האָט ער פיל איבערגעליטען און איבערגעלעבט. אויב ניט אַלע, אָבער דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע איבערלעבענישן, וועלכע האָבען געוויס געהאַט אַ קלענערע צי אַ גרעסערע ווירקונג אויף זיין שאַפונגס-פּראָצעס, זיינען דער ברייטער עפנטליכקייט פאַרבליבען אומבאַקאַנט ביז אויפן היינטיגען טאָג. אָט דאָס איז די סיבה דערפון, וואָס מיר האָבען בערך פיל קריטישע בעטראַכטונגען וועגען אַבראַמאָוויטשעס ליטעראַרישער טעטיגקייט, און אין דער זעלבער צייט האָבען מיר ניט איין רעכטע און אויסשעפּענדיגע אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע.

כ'וויל דאָ נור ברענגען אַ קליינעם ביישפּיל, וואָס באַווייזט בעשיינפּערליך, ווי ווייניג מ'קאָן נאָך ביי אונז אַבראַמאָוויטשעס לעבען.

בינשטאָק, אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַף, דערציילט אין זיין אַרטיקעל פאָלגענדעס:

„אין דעם לעבען פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט באַקלאָגען אויף איבעריגע גוטסקייט מצד זיין גורל, זיינען פון דעם 1877-טען יאָר אָן פאָרגעקומען אַזעלכע געשעענישן, וואָס האָבען ביי אים אָפּגענומען יעדען חשק צו דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. פאַרברייטערען זיך דאָ וועגען די דאָזיגע געשעהענישן האַלט איך פאַר איבעריג און פאַר ניט פּאַסיג. כ'וועל נור זאָגן, אַז דער שטרוימיגער קוואַל איז אונטער דעם דרוק פון די דערמאָנטע פּאַסירונגען אינגאַנצן אויסגעטריקענט געוואָרען. ניט איינמאָל האָט זיך פאַר מיר אַבראַמאָוויטש אין יענער צייט געקלאָגט אויף זיין מאָראַליש געדריקטער לאַגע. „אויפהערען צו דענקען—אַזוי האָט מיר אַבראַמאָוויטש אַמאָל געזאָגט — הייסט: אויפהערען צו לעבען און דענקען איז מיר שוין, דאַכט זיך, אונמעגליך. מיין מאַרך איז פערגאָסען מיט בליי, און דאָס האַרץ איז מיר פערשטיינערט". אַבראַמאָוויטש — שרייבט בינשטאָק ווייטער — האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף זיין מצב; אָבער כדי אויסצוהאַלטען די קלעפּ, וואָס זיין שיקזאַל האָט מיט אַ ברייטער, אָפענער האַנט געשאָטען אויף זיינע פּלייצעס, — דערצו האָט מען געדאַרפט האָבען אַזוינע אייזערנע

נערוועז און אזא שטאָל-אייזערנעם כאַראַקטער, ווי אבראַמאָוויטש האָט געהאַט, און נור א דאַנק דער דאָזיגער מאָראַלישער קראַפט איז אבראַמאָוויטש ניט געפאַלען אונטער די קלעפּ פון זיין גורל. און האָט מוטיג אויסגעהאַלטען דעם דרוק פון אַלע זייטען, — א דרוק, וועלכער וואָלט געקאָנט אָוועקלייגען אַפילו דעם גרעסטען ריז...*)

„דער שטורעם — פערענדיגט בינשטאָק, — וואָס האָט אויסגעבראָכען איבער דעם קאָפּ פון אונזער פאָלקס-שרייבער און וועלכער האָט לאַנג געדויערט, האָט זיך ביסלאַכווייז געלעגט. די וואָלקענס, וואָס האָבען באַדעקט זיין האָריזאָנט, האָבען זיך צושפּרייט און די קליינינקע קריעה'לע, אויף וועלכער ער האָט זיך קיים געהאַלטען איבער דעם אָנבערעגיגען אָקעאַן פון זיין לעבען, איז גליקליך צוגעקומען צום ברעג, און איצטער (דאָס איז געווען אין יאָר 1884) בעת מיר קלייבען זיך צו גריסען אים צו זיין פינפאונצוואנציג-יאָריגען יובילײ, געפינט זיך אבראַמאָוויטש אין א ברייטען און א שטילען האַפען"

פון די דאָזיגע שורות, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען דורך איינעם פון אבראַמאָוויטשעס נאָהענסטע פריינד, זעט מען ארויס גאַנץ קלאָר, אז אין 1877-טען יאָר האָט אבראַמאָוויטשען פּאַסירט א שרעקליכען אומגליק, און, ווי מ'דאַרף משער זיין, א פאַמיליען-אומגליק, וואָס האָט זיך געצויגען א היבשע צייט און האָט אים, ממש, צובראָכען און געמאַכט אויס מענש. אין וואָס אזוינס איז דאָס בעשטאַנען אָט ד ע ר אומגליק, וועלכער האָט אבראַמאָוויטשען אזוי צודולט דעם מח און אראָפּגעשלאָגען אים פון מוט אויף אזוי פיל, דאָס ער האָט פאַרלאָרען די פייהיגקייט צו דענקען, און במילא אויך צו שאַפען, — דאָס צו דערציילען האָט בינשטאָק דאַמאָלס געפונען פאַר „ניט פּאַסיג". לייט האָבען דערפון געדרונגען, און מיט רעכט, אז דאָס איז געווען אזא מין אומגליק, וואָס ביי אבראַמאָוויטשעס לעבען האָט מען אים באמת נישט געקענט און נישט געדאַרפט מפרסם זיין. אָבער איצטער, נאָך אבראַמאָוויטשעס טויט, צו געפינען זיך ביי אונז א סך, וואָס

*) זע ווייטער דעם אַרטיקעל פון ש. גינזבורג — רעד.

זאָלען האָבען אַפילו די קלענסטע אָנונג וועגען דעם „גרויסען שטורעם, וואָס האָט אויסגעבראָכען אויף זיין קאָפּ, און באַדעקט זיינע לעבענס-הימלען מיט געדיכטע וואָלקענס?" ווען אונטער דער גרויזאַמער ווירקונג פון דער רויער ווירקליכקייט ווערט מיט אַמאָל דער מח פון דעם דענקער „פאַרגאָסען מיט בליי און דאָס פיינפילענדיגע האַרץ פונם דיכטער ווערט „פאַרשטיינערט", איז דאָס א העכסט טרויעריגע, און, מ'קען אויך זאָגען, א קאַטאַסטראָפאַלע ערשיינונג, ביי וועלכער יעדער איינציגער פון אונז, און דער קריטיק-פּסיכאָלאָג באַזונדער, מוז זיך אָפּשטעלען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און וועלכע מוז גרינדליך אויסגעפאָרשט ווערען. אויב ס'וועט זיך קיינער ניט געפינען, וואָס זאָל דעם דאָזיגען זעהר בעדייטענדען עפּיזאָד אין אבראַמאָוויטשעס לעבען קענען אויפקלערען און בעלייכטען ווי געהעריג, און ער וועט מוזען פאַרבלייבען פון אונז פאַרבאָרגען אויך אויף להבא, ווי ער איז פון אונז פאַרבאָרגען געווען ביז היינטיגען טאָג, — דעמאָלס פערלירט אבראַמאָוויטשעס לעבענס-געשיכטע א פּרק פון א זיבעניאָריגער תקופה, א טרויעריגע תקופה אַפילו און א שטומע, אָבער ווער ווייסט? אפשר וואָלטען דוקא דער דאָזיקער טרויער און די דאָזיקע שטומקייט מוסיף געווען גאַנץ נייע און פילזאָגעדיגע שטריכען צו אבראַמאָוויטשעס מאָראַלישער פיזיאָנאָמיע?

דעם דאָזיגען פאַקט האָב איך דאָ נור געבראַכט אַלס ביישפּיל, ווי ווייט מ'קען נאָך ביי אונז ניט אבראַמאָוויטשעס לעבענס-געשיכטע. לויט דעם איז גאַנץ מעגליך, אז אבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע האָט אויפצואווייזען פיל אינטערעסאַנטע, אונז ביז אַהער אומבאַקאַנטע בלעטלאַך, וועלכע וואָלטען געהאַט א באַזונדערס גרויסע באַדייטונג הן פאַר ליטעראַטור-פאָרשער און הן פאַרן קולטור-היסטאָריקער. דאָס לייגט אַרויף א חוב אויף אַלע, וואָס האָבען געהאַט ווען ס'איז א געוויסע שייכות צו אבראַמאָוויטשען אין די פאַרשידענע שטעט, וואו ער האָט געוואוינט אינם משך פון זיין לאַנגען לעבען, צו פאַרעפענטליכען די מער כאַראַקטעריסטישערע פאַקטען פון זיין לעבענס-געשיכטע. בא-

זונדערס וויכטיג אין דעם פרט זענען די זכרונות פון יענע מענשען, וועלכע זענען געשטאנען נאָהענט אַבראַמאָוויטשען אין אָדעס, וואו ס'איז אריבער די בליהענדסטע און גלענצענדסטע תקופה פון זיין דיכטערישער שאַפונג. די דאָזיגע פערזאָנען דאַרפען צוזאַמענקלייבן די מער אינטערעסאַנטערע פאַקטען וועגן אַבראַמאָוויטשעס לעבענס-שטייגער, וועלכע זיינען זיי אַליין באַקאַנט דורך אייגענע באַאָבאַכטונגען, און אויך אַלץ, וואָס זיי האָבען געהערט פון אַנדערע. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט קאָנען געגעבען ווערן די מעגליכקייט צו באַשאַפן דאָס ערשטע געטריע און טרייע בילד פון אונזער גרויסען פאָלקס-שרייבער און וואָרט-קינסטלער.

איך גיב איבער עטליכע כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון אַבראַמאָוויטשעס לעבן. דער ערשטער עפּיזאָד, וועלכען איך האָב אַמאָל געהערט, צוזאַמען מיט דעם צווייטען, פון דעם באַוואוסטען העברעאיש-אידישן שריפטשטעלער אליעזר צבי צווייפעל, שטייט, קאָן זיין, אין אַן ענגער פאַר-בינדונג מיט דעם אויבענדערמאָנטען טרויעריגען פאַקט, וועגען וועלכען בינשטאָק האָט אין 1884-טען יאָר נישט געפונען „פאַר פאַסיג" צו דערציילען...

I

אין יאָר 1885 האָב איך מיך צוזאַמענגעטראָפען מיט צווייפלען אין וואַרשע, וואו ער איז דעמאָלסט געקומען דרוקען זיין „סניגור". זיצענדיג איין טאָג ביי אים אין האָטעל איז אַרויף אונזער שמועס אויף דער שאַרפער פּאָלעמיק, וואָס ער האָט אַמאָל צוליב זיין ערשטען ביכעל „מינים ועוגב" געפירט אינם „המליץ" מיט שלום יעקב אַבראַמאָוויטשען. פון דעם איז דאָס געשפּרעך אַריבער וועגען אַבראַמאָוויטשען בכלל. וויסענדיג, אַז צווייפעל

איז אין די מיטעלע ה"ד-ער יאָרען געוועזן אַבראַמאָוועטשעס אַ בן-עיר — זיי האָבען דעמאָלט ביידע געוואוינט אין זשיטאָמיר — האָב איך אים געפרעגט, אויב ער האָט געלייענט בינשטאָקס אַר-טיקעל אין „וואָסכאָד" און אויב ער האָט אַ וועלכע ס'איז אַנונג בגוגע דעם טרויעריגען עפּיזאָד, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין אַבראַמאָוויטשעס לעבען, און וואָס בינשטאָק האָט געפונען פאַר ניט פאַסיג צו דערמאָנען אים אין דער עפענטליכקייט.

אויף דעם האָט מיר דאַן צווייפעל געענטפערט:

— פאַראַיאָרען, בעת ס'האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „וואָסכאָד" בינשטאָקס אַרטיקעל, האָב איך מיך אויף אים אָפּגעשטעלט, און וויפעל מאָל איז מיר שוין אויסגעקומען צו ריידען וועגען דעם מיט זשיטאָמירער און בערדיטשעווער בעקאַנטע, איך האָב וועגען יענעם עפּיזאָד געהערט צוויי ווערסיעס. איין ווערסיע איז, אַז דער פאַקט וועגען וועלכען בינשטאָק שרייבט, איז דאָס די געשיכטע מיט אַבראַמאָוויטשעס בן-יחיד, דער יונגער פּאָעט, וואָס זייענדיג דאַן אַ סטודענט פון'ם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, האָט ער זיך פאַרמישט אין אַ פּאָליטישען ענין, און איז פאַרשיקט גע-וואָרען אויף עטליכע יאָר אין אַרכאַנגעלער גובערניע. אַט די געשעהעניש זאָל אויף אַבראַמאָוויטשען האָבען אַזוי געווירקט, דאָס ער האָט געהאַלטען, ממש, ביים אַראָפּגיין פון זי ען. באַרוהיגט האָט ער זיך ערשט נאָכדעם, ווי זיין זון איז צוריקגעקומען פון פאַרשיקונג. דאָס איז, איין ווערסיע, וועלכע לייגט זיך אַביסעל אויפ'ן שכל. כ'האָב אָבער געהערט וועגען אַ צווייטען פאַל, וואָס האָט כמעט אין דערזעלבער צייט פּאַסירט מיט אַבראַמאָוויטשען, און, לפי דעתי, איז דער דאָזיגער צווייטער פאַל נאָך פיל מער טראַגישער פון דעם ערשטען. ווען דאָס זאָל אמת זיין מיט די אַלע פרטים, וועלכע איך האָב געהערט פון אַ באַקאַנטען בערדיטשעווער יידן, איזדאָס, פשוט, שרעקליך, און ס'איז אַ וואונדער ווי אַבראַ-מאָוויטש האָט דאָס געהאַט כחות אַריבערצוטראָגען. כידוע, האָט אַב-ראַמאָוויטש און די אָנפאַנג זיבעציגער יאָרען געוואוינט אין בערדיטשעוו, וואו ער האָט געדינט אַלס לערער פאַר אַלגעמיינע למודים אין דער אַזויגערופענער „קאַזיענער אוטשילאָשטשע". אין יענער צייט

האָט ער אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט זיין באַקאַנטע טעאַטער־שטיק „ד י ט אַ ק ס ע", אין וועלכער ער האָט פאָטאָגראַפיש ריכטיק אָפּגעשילדערט די גלופּסקער (ד. ה. די בערדיטשעווער) בעלי־קאָראָבקע, די שטאָדט־בעלי־טובות, פרומע, כשר'ע יידן, גאָטס סטראַפּטשעס, וואָס שינדן אַראָפּ די הויט ביי די אָרימע לייט, פירן קהל פאַרן נאָז, און לאָזן אַראָפּ עולמ'שע צדקה־געלטען אין קעשענע. ווי מען זאָגט, זיינען די בילדער פון די אָפּגעמאָלטע פּערזאָנען אַרויס אַ ז ו י ג ע נ ו י, דאָס יעדערער פון די העלדען האָט זיך באַלד אַליין דערקענט, ווי אין אַ שפּיגעל. די טאַקסע האָט אָנגעמאַכט צווישן די בערדיטשעווער רעדעלפירער אַזאַ מהומה און דערוועקט ביי זיי אַזאַ אומגעהייער גרויסן שטורעם פון רגזנות, דאָס אַבראַמאָוויטש האָט צוליב דעם געמוזט פאַרלאָזן בערדיטשעוו און אַרויספאָרן וואוינען קיין זשיטאָמיר. דער רעש און דער געפילדער און דער רוגז פון די בערדיטשעווער בעלי־קאָראָבקע האָבן אָבער ניט אופיגעהערט אויך נאָך דעם, ווי אַבראַמאָוויטש איז אָפּגעפאָרן קיין זשיטאָמיר. די סבה דערפון איז געווען, וואָס גייענדיק אין גאַס פלעגט מען אויף זיי טייטלען מיט די פינגער און זאָגן: אָט זיינען זיי, די שיינע מענשען! די אַלע קהל'שע קליאַמקעס, וועלכע האָבן זיך געפילט פאַרטשעפּעט פון דער „טאַקסע", האָבן ניט אויפגעהערט צו זוכען קיין מיטלען ווי נוקם צו זיין זיך אָן אַבראַמאָוויטשען. מ'האָט געפּרובט שיקען אויף אים פּאַסקווילען צו דער זשיטאָמירער „נאַטשאַלסטוואָ", מ'האָט אויף אים געשיקט, וואוהין מ'באַדאַרף, פאַרשידענע אַנאָנימע מסירות'לאַך. אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. אַלע באַמיהונגען שלעכטס צו טאָן אַבראַמאָוויטשען זיינען פאַרבליבן אָן אַ שום רעזולטאַט. אַזוי זיינען אַוועק אַ יאָר דריי. דערווייל זיינען אייניגע אַבראַמאָוויטשעס העלדען צושטאָרבן. אַנדערע זיינען שוין גלאַט אָפּגעגאַנגען פון כעס און בכלל, האָט אויסגעוויזן, ביסלעכווייז האָט מען זיך שוין אין בערדיטשעוו פאַרגעסן אָן דער גאַנצע מעשה. ליידער, איז אָבער ניט אַזוי געווען דער פאַל.

— ביי איינעם אַ פאַרביסענעם יונג פון אַבראַמאָוויטשעס

העלדען — האָט צווייפעל פאַרגעזעצט זיין ערצעהלונג — האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טליען אין האַרצען אַ פייערל פון נקמה. דער דאָזיגער נפש האָט זיך געפילט אָנגעגריפען דורך אַבראַמאָוויטשען, גאָר ניט דער ערך מערער פון זיינע אַלע איבעריגע חברים. דאָס איז געווען יענער פאַרשוין, וועמען אַבראַמאָוויטש האָט אָנגערופען אין דער טאַקסע מיטען נאָמען ר' מ ע נ ד ע ל ד ע ר ג ע ל ע ר, און האָט אים אָפּגעמאָלט מיט די פאָלגענדע זעהר כאַראַקטעריסטישע הויפּט־שטריכן: „אַ שטאָדט־שייגעץ, אַ בילער, סלוזשעט ביי די בעלי־טובות און פאַלט אָן אויף וועמען מ'הייסט". אָט ד ע ר מענדעל דער געלער האָט אַבראַמאָוויטשען בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זיין, און האָט גענומען נאָכזוכען אויף אים חטאים כאָטש פון אונטער דער ערד. די גאַנצע צייט האָט ער אַזוי ניט אויפגעהערט צו גריבלען, ביז ער האָט זיך, ענדליך, דערגריבעלט, און האָט אַנטפּלעקט וועגן אַבראַמאָוויטשען אַ זאַך, וואָס מער פון דעם האָט ער שוין ניט באַדאַרפט האָבן.

גריבלענדיג זיך האָט ער דערגאַנגען גאָר אַ קלייניגקייט... ער האָט אויסגעפונען, אַז אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז אַ געבוירענער פון קאַפּוליע, מינסקער גובערניע, איז גאָר קיינמאָל ניט צריינגעטראָגען געוואָרען אין דער קאַפּוליער „סקאַזקע", דאָס הייסט, אַז ער איז אַ — נ ע ל ם!...

נאָכמער: ער האָט אויך אַרויסגעגריבעלט, אַז זיין אמת'ע פאַמיליע איז גאָר ניט א ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש, און אַז ער האָט זיך אַזוי אָנגערופען אויפען נאָמען פון אברהם'על דעם בלינדען בעטלער, מיט וועלכען ער איז אין זיינע אינגעלשע יאָרן אַרומגעפאָרען איבער וואָלינער שטעדט און שטעדטלעך...

כדי צו האָבען אַ וועלכען ס'איז באַגריף פון דעם, וואָס פאַר אַ מין אומגליק ס'וואָלט געווען פאַר אַבראַמאָוויטשען, ווען די זאַך וואָלט נתפרסם געוואָרען, דאַרף מען נאָר נעמען אין אַכט דעם אַרט, וועלכען אַבראַמאָוויטש האָט דאַמאָלס פאַרנומען הן אין דער אידישער און הן אין דער ניט־אידישער געזעלשאַפט.

קודם כל איז שוין אַבראַמאָוויטש דענסטמאָלט געווען מפורסם אין דער וועלט אַלס בעדייטנדער שריפטשטעלער; ער

האָט שוין יעמאָלט געהאַט אָנגעשריבען זיינע גרויסע העבראַאישע ווערק, ווי „האבות והבנים״ און דעם דריי בענדיגען „תולדות־הטבע״ און אַנדערע, און איז אויך געווען זעהר פּאָפּולער אין דער אידישער ליטעראַטור.

צווייטענס, איז אויסער וואָס ער איז שוין דאַן געווען פון כמה יאָהרען אַן אָנגעשטעלטער קרוינישער לערער, אַפריהער אין בערדיטשעוו און נאָכדעם אין זשיטאָמיר, און האָט געהאַט אַ נאָמען ביי זיין נאַטשאַלסטווא פאַר אַ חשוב׳ן פּעדאַגאָג, האָט מען נאָך פון אים אויך שטאַרק געהאַלטען אַלס געלע־רענטען אידן אין די הויכע רעגירונגס־ספערען פונם דרום־מערב קאַנט. אַלעמען איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז אין די סוף זעכציגער יאָרען, בעת דער דאַמאָלסדיגער וואָלינער, פּאָדאָליער און קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געגרינדעט אַ קאָמיסיע פון באַרימטע אידישע פּערזענליכקייטען צו באַקלערען, ווי אַזוי מען פערבעסערט דעם קולטורעלען מצב פון די אידען, איז אַבראַמאָוויטש געווען איינער פון די ערשטע איינגעלאַדענע אין דער דאָזיגער קאָמיסיע, און זיינע פאָרשלאָגען האָט מען דאַמאָלס צוגעגעבען אַ גאַנץ גרויסע באַדייטונג.

דערצו דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט דעם דאַמאָלסטדיגען אַבראַמאָוויטשעס פּערזענליכען מצב. שוין געווען אַ פּאַמיליען־פאָטער; געהאַט זעהר אַ פעהיגען זון אין זשיטאָמירער גימנאַזיע...

און מיט אַמאָל וועט זיך די וועלט דערוויסען, אַז דער דאָזיגער גרויסער אַבראַמאָוויטש, דער מקורב למלכות, איז גאָר ניט קיין אַבראַמאָוויטש, און ער איז גאָר אַ נעלם! ...

הייסט אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אַ רוסישער טשי־נאָווניק קאָן ביי אַזאַ פאַל אָבטאָן? אפשר גאָר אָבגעבען אים, אַבראַמאָוויטשען, אין סאָלדאַטען (ער איז נאָך דאַמאָלס ניט אַלט געווען קיין גאַנצע פ ע ר צ י ג יאָהר)? און ווען ניט דאָס, איז אַרויפלעגען אויף אים אַ קאָלאָסאַלע געלד־שטראָף?!

מענדעל דער געלער האָט דאָס אַלץ איבערגעקלערט און איבערגעוואויגען. ביי א׳ם איז אָבער געבליבען ניט אויסצונוצען

דאָס פאַר אַ געהיימער מסירה. ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז ער קאָן דאָס מאַכען פאַר אַ גוטען געשעפט, און האָט גענומען און איז אַוועקגעפאָרען קיין זשיטאָמיר...

וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין זשיטאָמיר צווישען אַבראַמאָ־וויטשען מיט מענדעל דעם געלען, — קיין פרטים וועגען דעם האָט צווייפעל ניט געוואוסט. ער האָט מיר נאָר דערציילט, אַז דער סוף איז געווען, דאָס דער שיינער מענש, דער צמאָליגער בערדיטשעווער שטאָט־שייגעץ, האָט געהאַלטען אַבראַמאָוויטשען אין דער קלעם אַ פאַר יאָר נאָכאַנאַנד. די גאַנצע צייט האָט זיך אַבראַמאָוויטש ביי אים געמוזט אויסקויפען דורך באַדייטענדע געלד־סומעס, וועלכע ער האָט אָבגעריסען פון זיין טעגליבען קאַרגען לערערישען ברויט. אַבראַמאָוויטש איז אין דעם מסור ניט געווען זיכער. תמיד האָט ער זיך געשראָקען, אַז אָט, אָט דער־וויסט זיך די וועלט פונ׳ם שרעקליכען סוד...

אויסגעלייזט פון דעם דאָזיגען פאַרשוינס לאַפּעס איז אַבראַמאָוויטש געוואָרען ערשט נאָכדעם, ווי צוויי פון זיינע בער־דיטשעווער גוטע פריינד, וועלכע ער האָט פאַרטרויט דעם גאַנצען ענין, האָבען זיך אין דעם אַריינגעלייגט, און זיינען תיכף אַוועק־געפאָרען קיין קאַפּוליע. און האבען מיט׳ן דאָרטיגען קהל אויסגעפונען אַ וועג, ווי צו פאַרריכטען די זאַך, און אַזוי אַרום האָבען זיי אַרויסגעריסען פון מענדעל דעם געלנס הענט דעם מסוכנ׳דיגען כלי־זיין, וואָס ער האָט געהאַט געגען אַבראַמאָוויטשען, אינגיכען איז געוואָרען אַבראַמאָוויטש אַ בערדיטשעווער נכתב...

צווייפעל האָט פאַרענדיגט זיין ערציילונגען מיט דער פאָלגענדער באַמערקונג:

— איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, אַז לויט מיין מיינונג האָט דער צווייטער צופאַל געדאַרפט האָבען אויף אַבראַמאָוויטשען אַ פיל שטאַרקערע ווירקונג אַלס די כערשיקונג פון זיין זון, און דעריבער קאָן גרייליך זיין. אַז אין בינשטאָקס אַרטיקעל איז געווען די רייד נאָר וועגען אים.

II

אלע אבראמאוויטשעס ביאגראפען, אנהויבענדיג פון בינשטאקען, דערציילען, אז אין די ערשטע 70-ער יארען פונ'ם פאריגען יארהונדערט האט ער אפגעגעבען עקזאמען אלעס ראבינער אין זשיטאמירער ראבינער-שול. בינשטאק גיט דערביי אב די פאלגענדע ערקלערונג: „כאטש אבראמאוויטש האט שוין לאנג געהאט א שם אין מיניסטעריום אלעס גוטער פעדאגאג, פונדעסטוועגען איז אים אן אטעסטאט דאך שווער געווען צו דערשלאגען זיך צו אן אפיציעלער שטעל, אין וועלכער ער האט זיך, צום באדוירען שטענדיג גענויטיגט. דאס האט אים באוואויגען אוועקצוזעצען זיך פלייסיג לערנען און צוצוגרייטען זיך אויסצוהאלטען דער ראבינער-עקזאמען אין זשיטאמירער ראבינער-שול".

דער דאזיגער פאקט איז אבער ניט אינגאנצען ריכטיג. אמת איז נאר, אז אבראמאוויטש האט אבגעגעבען דעם ראבינער-עקזאמען און האט אים גוט אויסגעהאלטען; קיין אטעסטאט האט אבער ער ניט באקומען. דאס איז געווען זיין שטראף פאר א קליינער פאליטישער אומפארזיכטיגקייט, אין וועלכער ער איז געשטרויכעלט געווארען.

און אט ווי די מעשה איז געווען:

נאכדעם ווי אבראמאוויטש איז ארויס פון אלע עקזאמענס מיט זעהר גוטע באלען, האט ער נאך געדארפט, לויט ווי דער מנהג איז דאמאלסט געווען, האלטען שבת ביים דאווענען, נאך קריאת-התורה, אין דער סינאגאגע פון ראבינער-שול א רוסישע רעדע. דאס איז געווען איינגעפירט אלעס א מין באזונדער עקזאמען אין חכמת-הדרוש, אין וועלכער א ראבינער האט געמוזט זיין באהאוועגט. א פאר טעג פאר שבת האט דער דאמאלסטיגער אינספעקטאר פון זשיטאמירער רבינער-שול, חיים זעליג סלאנימסקי, אויפמערקזאם געמאכט אבראמאוויטשען אין א שמועס, אז בנוגע די דרשות האלטען מען זיך אין ראבינער-שול

אן דעם שטייגער פון די ראבינער-סעמינאריעס אין אויסלאנד, דאס דער רעדנער דארף זיך אויסקלויבען אלס יסוד צו זיין דרשה א געוויסען פסוק פון דער וואך-סדרה; בכן גיט ער איהם איין עצה צו נעהמען דאס אין אכט און באצייטענס אויסזוכען א טעמע, וואס זאל זיין צוגעפאסט צו א פסוק, וועלכען מ'וועט לייענען דעם קומענדיגען שבת.

לכבוד אבראמאוויטשען, וועלכער איז שוין דאמאלסט געווען א גרויסער מפורסם אלעס העברעאיש-יידישע שריפטשטעלער, זיינען געקומען צו זיין דרשה כמעט אלע תלמידים פון ראבינער-שול מיטען גאנצען לערער-פערסאנאל מיט סלאנימסקין אין דער שפיץ. גאנץ אומערווארט איז תיכף נאכ'ן לייענען געקומען דער דירעקטאר, א קריסט, וואס האט געשמ'ט אין זיין צייט פאר גישט קיין קליינעם שונא-ישראל.

גראד האט מען יענעם שבת געלייענט די סדרה „בהעלותך", און אין זיין רעדע האט זיך אבראמאוויטש אפגעשטעלט אויפן פסוק: „מי יאכילנו בשר"? אבער אין דער אונטערשטער שורה איז אויסגעקומען, אז דאס איז געווען גישט קיין דרשה אין געוועהנליכען זין פון ווארט, נאר א שארפע אנקלאגס-רעדע געגען די שייקעס תקיפים און רעדל-פירער, די בעלי-קאראבקעס, וואס שינדען אראפ פון ארימאן די הויט, און אנשטאט פלייש גיבען זיי אים ביינער. מיט פיל טעמפעראמענט האט אבראמאוויטש גערעדט וועגען די גרויסע יודישע מאסען, וואס לעבען אין נויט און אין דחקות, און ווערן עקספלאאטירט פון די רייכערע קלאסען, וועגען די אומארדענונגען, וואס הערשן אין די חדרים און תלמוד-תורות און אין די פארשיידענע צדקה-חברות, וועלכע ווערן אנגעפירט דורך א כנופיא גבירים מיוחסים — מענשן פינסטערע און הארט-הארציגע. מיט א באזונדער פייער איז אבראמאוויטש ארויסגעטראטען געגען דער פערווארלאזטער ערציהונג פון די ארימע קינדער, פון די „בני עניים שמהם תצא תורה". פארגעסען האט אבראמאוויטש בשעת-מעשה, אז ער איז א בעל-דרשן, און האט זיך גענומען צום פענזעל... א גאנצע

גאַלעריי פון בילדער האָט ער שטעהענדיג אויף דער בימה באַשאַפען, בילדער פון דעם יידישען דלות, פון דער יידישער טאַרבע...

דער עולם איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין איין באַגייסטערונג, און האָט, ממש, די פינגער געלעקט. אין זשיטאָמירער ראַבינער-שול האָט מען נאָך ביזאַהער קיינמאָל אַזאַ אינטערעסאַנטע רעדע ניט געהערט. אַז אַבראַמאָוויטש האָט געענדיגט ריידען און איז אַראָב פון בימה, איז צו אים דער ערשטער צוגעגאַנגען צווייפעל, האָט אים אָבגעגעבען אַ גרויסען יישר-כח און געזאָגט: „מילא וועגן אייער שטעכעדיגער פעדער האָב איך אַ ידיעה שוין פון לאַנג; אַז איר האָט נאָך דערצו אויך אַזאַ שטעכעדיגען מויל, — אויף דעם וואָלט איך מיך גאָר קיינמאָל ניט גערעכט. כ'בין בטוח, אַז פון אייך וועט אַרויסוואַקסען אַ צווייטער יעלינעק*). אויך די איבעריגע לערער, און בעזונדערס די תלמידים פון ראַבינער-שול, האָבען אַבראַמאָוויטשען אויסגעדריקט אַ הייסען דאַנק. געשוויגען האָבען דעמאָלס נאָר צוויי: דער גוי'אישער דירעקטאָר מיט'ן יידישען אינספעקטאָר...

אין עטליכע טעג אַרום, אַז אַבראַמאָוויטש איז אַריין אין ראַבינער-שול צו דערוויסען זיך דעם באַל, וועלכען מ'האָט אים געשטעלט פאַר זיין רעדע, האָט אים סלאָנימסקי אַריינגערופען צו זיך אין קאַבינעט, האָט אים געבעטען זיצען, און נאָך אַ קליינער פויזע געזאָגט:

— יאָ, איר האָט אַ שיינעם מויל, טאַקע אַן אמת'ן „פום ממלל רברבן", מ'קען אַנדערש ניט זאָגען... איר געדענקט דאָך אָבער, מסתמא, דעם פסוק פון „משלי": „שומר פיו ולשונו" און ווייטער...

— וואָס הייסט? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט גאַנץ פאַרוואונדערט.

—דאָס הייסט, אַז אייער שבת'דיגע דרשה האָט איר געמעגט ניט זאָגען.

*) ד"ר אדאָלף יעלינעק, דער פּרעדיגער פון דער ווינער יידישער געמיינדע אין יענער צייט, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אין דער וועלט פאַר אַ גרויסען רעדנער.

— פאַרוואָס?

— ס'איז גאָר פשוט — האָט אים סלאָנימסקי געענטפערט — אַ ביכעל איז ניט קיין דרשה, און אַ דרשה איז ניט קיין ביכעל. אַ צווייטע „טאַקסע" האָט איר אונז שבת אָפגעלייענט.

— מילא בכן?

—בכן איז אויף אייך אונזער דירעקטאָר שטאַרק אויפגעבראַכט און זאָגט, אַז אַ מענשען, וואָס ליגט אין אָנמאַכען העצעס צווישען אָרימע און רייכע, קען מען ניט צולאָזען צו פערנעמען די שטעל פון אַן אָפיציעלען ראַבינער.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך געוועסט געפּרובט משתדל זיין, אָבער ס'האָט אים קיין זאַך ניט געהאָלפען. דער דירעקטאָר האָט זיך איינגעעקשנ'ט און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען.

אָט אַזוי איז אַבראַמאָוויטש פאַרבליבען אָן אַן אַטעסטאַט פון אַ ראַבינער.

ביז אַהער האָב איך געהערט פון צווייפלען.

* *
*

אין די לעצטע אַכציגער יאָרען פון'ם פאָריגען יאָרהונדערט האָט אָדעס גענומען פאַר אַ ראַבינער דעם באַוואוסטען יידישען געלערנטען חיים יונה גורלאַנד.

ביי אַ געוויסער געלעגענהייט האָט אים אַמאָל אַבראַמאָוויטש דערצעהלט אין אַ שמועס וועגען דעם פסק, וואָס ער האָט געהאַט אין זשיטאָמירער ראַבינער שול מיט זיין דרשה.

אויף דעם האָט גורלאַנד געזאָגט:

— שטעלט אייך פאָר, הער אַבראַמאָוויטש, אַז מיר אין ווילנער ראַבינער-שול איז אויך אויסגעקומען צו האַלטען מיין עקזאַמען-דרשה אין שבת פרשה „בהעלותך".

— און אויך אויף אַ פסוק פון דער וואָך-סדרה? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט.

— געוויס. ווי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין אַ דרשה אָן אַ פּסוק?

— און וועלכען?

— באלד ביים אָנהויב, „בהעלותך את הנרות”...

— אין דיין טין טאָן טון אָנצינדען — האָט אַבּראַמאָוויטש אַ זאָג געטאָן מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל — טאַקע אַ שיינער פּסוק; וואָס, כ'בעט אייך, האָט איר מחדש געווען אויף דעם דאָזיגען טין טאָן טון אָנצינדען?

— כ'האָב דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישען דער פינסטערניש, וואָס האָט תּמיד געהערשט ביי די רוסישע יודען, און צווישען דער גרויסער ליכטיקייט, וועלכע האָט מיט אַ מאָל אַ שטראַל געטאָן זינט ס'איז אַרויף אויפן כּסא־המלוכה אַלעקסאַנדער דער צווייטער.

— טאַקי, טאַקי, גאַנץ גערעכט, כ'לעבען! — האָט אַבּראַמאָוויטש אויסגערופען; — טאַקי אַן אמת'ער מלך חסד איז דאָס געווען, אַ קליינקייט אַביסעל אַזאַ ליכטיקייט. אַזאַ ליכטיקייט! מ'האָט דאָך, פּשוט, ניט געקאָנט איינשטעהן פאַר אירע גין גאָלדענע שטראַלען! זיי האָבען דאָך, ממש, געשטאָכען די אויגען!... בהעלותך את הנרות — דאָס איז דאָך עפּעס אַזוי פיין אָנגעמאָסטען צו יענער ליכטיקייט, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אויסגעגאָסען מיט זיין גרויס גענאָד אויף אונזער מאָ, דאָוואַנקע, למשל, אויף אונזער פּערעכיפּ*)...

• •
•

איינמאָל אין אַ טאַבּעל־טאָג — דאָס איז געווען אין 1900־טען יאָר — בעת דערזעלביגער גורלאַנד האָט אין אָדעסער גרויסער שול געהאַלטען אַ פייערדיגע פּאַטריאָטישע דרשה, און האָט אויסגערעכענט די גרויסע חסדים פון די מלכי בית־ראָמאַ־

*) צוויי אָדעסער פאָרשטעט, וועלכע זיינען באַוואוינט באַזונדערס פון די אָרימסטע אידישע שיכטען.

נאָוו, איז אים פּלוצלונג ניט גוט געוואָרען, האָט זיך אַראָפּגעגליטש פון דער קאַנצעל, און איז דאָרטען תּיכּף אויפ'ן אָרט געשטאָרבען.

אַז אַבּראַמאָוויטש האָט דערהערט די בשורה האָט ער אויסגערופען:

— אָט דאָס הייסט טאַקי אַן אמת'ער פּאַטריאָטישער טויט: יצאה נשמתו ב„או־ר־רא, וואַשע אימפּעראַטאָרסקאָיע וועליטשעסטוואָ!”..

III

אין די אַווטאָביאָגראַפישע נאָטיצען, וואָס אַבּראַמאָוויטש האָט פאַרעפענטליכט אין סאָקאָלאָווס „ספר־זכּרון”, האָט ער געבראַכט אַ רשימה פון זיינע העבּרעאישע און אידישע ספרים ביז יענער צייט. אין דער דאָזיגער רשימה דערמאָנט אַבּראַמאָוויטש אויך זיין קליינעם העבּרעאישען ספר'ל „דברי הימים להרוכים” (די געשיכטע פונם רוסישען פאָלק). דערביי דערציילט אַבּראַמאָוויטש, אגב אורחא, אַז אין יאָר 1868 האָט ער איבּערגעזעצט דאָס בוך לויטען פאָרשלאָג פון דער פּעטערבורגער חברה „מפיצי־השכּלה”, אָבער צוליעב געוויסע טעמים האָט ער נאָכהער די אַרבּעט איבּערגעריסען אינמיטען. מיט דעם צוגלייך הייסט אַבּראַמאָוויטש דעם לעזער איינקוקען אין חער באַמערקונג, וואָס געפינט זיך אויף דער 51־טער זייטעל פון זיין העבּרעאיש ווערקל „ע י ן מ ש פּ ט”.

אין יענער הערה צום „עין משפּט” דערציילט אַבּראַמאָוויטש, אַז די חברה „מפיצי־השכּלה” האָט ביי אים בעשטעלט איבּערצוזעצען אין העבּרעאיש די רוסישע געשיכטע פון אילאָווייסקי'ן פאַר דעם מקח פון צ ע ה ן רובעל אַ דרוק־בויגען. אויף אַזאַ האָנאָראַר האָט ער ניט איינגעשטימט און איבּערזעצענדיג אַ דריטעל ספר האָט ער צוועקגעוואָרפען די אַרבּעט.

לויט די פּראָטאָקאָלען פון דער חברה „מפיצי-השכלה" באַקומט אָבער דער דאָזיגער אינצידענט גאָר אַן אַנדער פּנים. ערשטענס, ווייזט זיך אַרויס, אַז די אונטערהאַנדלונגען צווישען דער חברה מיט אַבראַמאָוויטשען בנוגע דער איבערזעצונג האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך אין 1865-טען יאָר. דאַמאָלסט האָט די חברה לויטען באַשלוס, וואָס זי האָט אָנגענומען אין נאָוועמבער 1864, פאָרגעלייגט אַבראַמאָוויטשען איבערצוזעצען אין העברעאיש אילאָווייסקי'ס געשיכטע פון רוסלאַנד פאַר דעם האָנאָראַר פון 10 רובעל אַ בויגען. אַבראַמאָוויטש האָט, קענטיג, דעם פאָרשלאָג אָנגענומען, וואָרים באַלד נאָך דעם האָט ער שוין צוגעשיקט דעם ערשטען איבערזעצטען בויגען. מיט אַמאָל איז געוואָרען אַ מניעה אין דער זאַך מצד דער חברה. אין איר פּראָטאָקאָל פון 27-טען פעברואַר 1865 געפינען מיר פאַרצייכענט די פאָלגענדע רעזאָלוציע: „די חברה האָט געוועסט בעשטעלט ביי דעם הערען אַבראַמאָוויטש פון באַרדיטשעוו איבערצוזעצען אין העברעאיש אילאָווייסקי'ס היסטאָריע פאַר 10 רובעל אַ בויגען, און זי האָט שוין ערהאַלטען פון מחבר צוגעשיקט אַ פּראָבע-בויגען. וויל דער קאָמיטעט האָט אָבער דערהערט, אַז איינער אַ שריפטשטעלער האָט שוין אילאָווייסקי'ס געשיכטע איבערגעזעצט, און אַז אַן אַנדער שריפטשטעלער האָט שוין דעמזעלביגען ספר אָבגעדרוקט אין אָדעס, דעריבער האַלט ער פאַר איבעריג צו אונטערהאַנדלען וועגען אַ נייער איבערזעצונג"*).

אין אמת'ן זייגען אָבער די דאָזיגעביידע פאַקטען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די רעזאָלוציע פון קאָמיטעט, געוועזען געגומען אינגאַנצען פון דער לופט. קיינער האָט אין יענער צייט נישט געהאַט אָבגעדרוקט אויף העברעאיש אילאָווייסקי'ס געשיכטע אין אָדעס, און קיינער האָט זי ניט געהאַט ביי זיך אַן איבערזעצטע. והראיה, אַז אין אַ יאָר אַרום (אין פעברואַר 1866) האָט די חברה „מפיצי-השכלה" אויסגעשריבען אַ קאָנקורס אויף אַ העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי'ס געשיכטע, און האָט וועגן דעם פאַרעפענטליכט אַן אויפרוף אין

*) זעה „תולדות חברה מרבי-השכלה בישראל", I ז. 17.

די צייטונגען*). אין אַ יאָר אַרום (פעברואַר 1867) האָט זיך איינער אַ געוויסער יוסף אליעזר עפשטיין, אַ לערער אין שאַוולער יודישער קרוינישער שול, אָפּגערופען אויפ'ן דאָזיגען אויפרוף, האָט אָנגעהויבען צו איבערזעצען אילאָווייסקי'ן און אַריינגעשיקט דער חברה עטליכע פּראָבע-בלעטער. ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון אַ צווייטען בריוו, וואָס דער זעלביגער עפשטיין האָט געשריבען צו דער חברה אין אַ האַלב יאָר אַרום (אין אויגוסט 1867), איז דעם קאָמיטעט געפעלען געוואָרען זיין איבעזעצונג, און האָט איט באַפולמעכטיגט פאָרצוזעצען די אַרבעט.

נעמענדיג דאָס אַלץ אין אַכט בלייבט, אין פלוג, אומפאַרשטענדליך, כמעט רעטזעלהאַפט, דער פאַקט, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס די חברה „מפיצי-השכלה" האָט באַשטימט אַ קאָנקורס פאַר אַ העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי'ס געשיכטע, און האָט שוין געפונען וועמען איבערצוגעבען די אַרבעט, — האָט זיך אַבראַמאָוויטש גאַנץ רוהיג געשריבען זיין איבערזעצונג, און דער קאָמיטעט האָט אויך זי אָבגעדרוקט אין אָדעס אונטערען נאָמען „דברי הימים לבני הרוסים".

ווי ס'האָט מיר אַמאָל דערציילט דער בעקאַנטער העברעאישער דיכטער יל"ג (יהודה ליב גאָרדאָן), וועלכער האָט אין די אָנפאַנג 70-ער יאָרען באַטראָטען די שטעל פון הויפּט-סעקרעטאַר ביי דער חברה „מפיצי-השכלה", האָט מיט אַבראַמאָוויטשעס איבערזעצונג פּאַסירט גאָר עפּעס וואָס אַנדערש. דאָס, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט זיך אינמיטען אָבגעוואָרפען פון דער איבערזעצונג, איז ניט געווען צוליעב דעם האָנאָראַר, נאָר גאָר צוליעב אַן אַנדער פּאָליטישען טעם. דאָ האָט זיך גאָר געהאַנדעלט אָט אום וואָס:

דער, וואָס איז בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער חברה „מפיצי-השכלה", באַזונדערס אין אירע ערשטע יאָרען, ווייס, וויפיל מי אירע גרינדער און פאָרשטעהער האָבען זיך

*) רעזוטען ז. 31.

געגעבען נושא חן צו זיין ביי דער רעגירונג, און וויפיל זי האָט זיך תמיד משתדל געווען אַרויסצווייזען ביי יעדער געלעגענהייט אויפ'ן בולט'סטען אופן אירע פּאַטריאָטישע געפילען און אירע רוסיפיקאַטאָרישע שטרעבונגען. בעת די חברה האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצוגעבען אין אַ העברעאישער איבערזעצונג די געשיכטע פון רוסלאַנד, האָט זי זיך אָבגעשטעלט דווקא אויף דאָס ווערק פון אילאָווייסקיען, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען באַקאַנט אַלס פאַרביסענער רעאַקציאָנערער היסטאָריק. דער ערשטער טאָנגעבער, דער אַווטאָריטעט און דער מבין בנוגע די פאַרשידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען פון דער חברה, איז אין יענער צייט געווען דער געשמדטער פּראָפעסאָר כ וו אָ ל ס אָ ן. ער האָט געגאָלטען פאַר'ן ערשטען און לעצטען פּוסק אין אַלע פראַגען, וואָס זענען געווען שייך צום אַרויסגעבען אויף דער רעכענונג פון דער חברה די ווערק פון דעם צי פון יענעם שריפטשטעלער. אים, כוואָלסאָנען, האָט מען דאָס געגעבען צו לייענען אַלע פּראָבע-בויגענס פון די פאַרשידענע מחברים, און ע ר האָט דאָס געהאַט צו אַנטשיידען, וועלכען ספר די חברה דאַרף אָננעמען צום דרוק, און וועלכען זי דאַרף נישט אָננעמען. בשעת אַבראַמאָוויטש האָט צוגעשיקט אין קאָמיטעט דעם ערשטען פּראָבע-בויגען פון זיין איבערזעצונג, האָט כוואָלסאָן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ס'געפעלט אים זייער די שפּראַך, דער סטיל; ער געפינט אָבער אין ספר זייער אַ גרויסען פעלער, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס דער איבערזעצער האַלט זיך נישט פעסט אָן אָריגינאַל, ער ווייכט אויס אינגאַנצען אילאָווייסקי'ס שניט, און פאַרנעמט זיך גאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער דרך. לויט כוואָלסאָנ'ס פאָרשלאַג האָט מען דאַן פון קאָמיטעט אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט אַבראַמאָוויטשען, און פאָרגעלייגט אים, אַז ער זאָל זעהן היטען איבערצוגעבען אילאָווייסקי'ס געדאַנקען ריכטיג און טריי דעם רוסישען טעקסט.

אַבראַמאָוויטש האָט אָבער בשום אופן אויף דעם נישט געוואָלט איינגיין, נישט זייענדיג פון די בויגעוודיגע נאַטו-

רען, האָט ער זיך פאַרעקש'נט, און האָט נישט מסכים געווען, אַז אַנדערע זאָלען אים אָנווייזען ווי צו איבערזעצען. ס'איז אַוועק צווישען אים מיט דער חברה אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע האָט נישט געבראַכט צו קיין רעזולטאַטען. ביידע צדדים האָבען זיך איינגעשפּאַרט, און קיינער פון זיי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען. כדי צו ווירקען אויף אַבראַמאָוויטשען האָט די חברה מודיע געווען אין די בלעטער, אַז זי זוכט אַ העברעאישען איבערזעצער פאַר אילאָווייסקי'ס געשיכטע; נאָכדעם האָט זי פאַרעפענטליכט אַ ידיעה, אַז דעם איבערזעצער, וועלכען זי זוכט, האָט זי שוין געפונען. אַבראַמאָוויטש, ווי געדריקט ער איז דאַמאָלסט געווען, האָט זיך אָבער נישט געלאָזט כאַפּען אויף דער ווענדקע. די דריי, פיר בויגען פון זיין איבערזעצונג האָט ער אָבגעגעבען דער אָ ד ע ס ע ר אָבטיילונג פון דער חברה „מפיצי-השכלה“, וועלכע איז דאַן אָנגעפירט געוואָרען דורכ'ן ד"ר ל. פינסקער, דער שפּעטערדיגער מחבר פון דעם עפּאָכעמאַכעדיגען ביכעל „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן“, און זי, די אָדעסער אָבטיילונג, האָט עס אָבגעדרוקט אויף אירע הוצאות, אַז דער פּעטערבורגער קאָמיטעט, איז פון דער מעשה געווען זעהר נישט קאָנטענט, — דאָס זעט מען אַרויס פון דעם, וואָס זי האָט אַבראַמאָוויטשעס ווערקל נישט דערמאָנט אין קיין איינציגען פון אירע פּראָטאָקאָלען, און בעת זי האָט נאָכהער פאַרעפענטליכט אין אַ באַזונדער העברעאיש ווערק די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זי האָט געפירט מיט איטליכען שריפטשטעלער, ביי וועמען זי האָט באַשטעלט אַ וועלכע ס'איז ליטעראַרישע אַרבעט, האָט זי וועגען אירע אונטערהאַנדלונגען מיט אַבראַמאָוויטשען אינגאַנצען פאַרשוויגען.

IV

כ׳וויל פאַרענדיגען מיינע זכרונות וועגן אַבראַמאָוויטשען מיט אַ פּאָר קליינע עפּיזאָדען, וועלכע זענען דורך איינצעלנע שטריכען פון זיי זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער גרויסען דיכטער.

סוף זומער 1909 האָט אַבראַמאָוויטש פאַרבראַכט אין ווילנע עטליכע טעג. כ׳האָב איהם דעמאָלסט אַרויפגעפירט אין סטראַשונס ביבליאָטעק. צוריקגייענדיג זענען מיר דורכ׳ן אייזערנעם טויער אַרויס אויף דער אידישער גאַס.

— קומט צו אָט אַהער — האָט צו מיר אַבראַמאָוויטש געזאָגט אַריבערגייענדיג די געסל, גלייך ווי־זאַווי. דאָרטען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבען אַ פּאָר אידענעס, וואָס זיינען געזעסען צוגעשפּאַרט־צו אַ וואַנט מיט קאָשיקעס עפּעל, האָט מיט זיין היסטאָרישען באַרנשטעקען אַ קלאַפּ געטאָן צוויי מאָל אויף דער ערד און געזאָגט:

—אָט דאָ דאַרף איך מאַכען אַ ברכה!

כ׳האָב אויף אים אויסגעסטאַרטשעט אַ פּאָר אויגען, נישט פאַרשטייענדיג וואָס ער מיינט.

— אויב איך האָב קיין טעות נישט — האָט אַבראַמאָוויטש צו מיר געזאָגט — איז דאָ, אָט אויף דעם אָרט געשטאַנען אַמאָל ראַמיילעס ישיבה. איאָ?

— גאַנץ ריכטיג.

— אויב אַזוי דאַרף איך דאָ מאַכען די ברכה: „ברוך שעשה לי נס במקום הזה”.

— וואָס הייסט, האָב איך אים געפרעגט — האָט אייך דען דאָ, וואו מיר שטייען איצט געקענט טרעפען אַן אומגליק?

— ס׳הייסט אַן אומגליק? אַן אומגליק מארץ האומגליקען! איר קוקט מיך אָן? אָט הערט זשע: איר האָט דאָך, מן הסתם, געהערט, אַז איך האָב אַמאָל געלערענט אין ראַמיילעס ישיבה? כ׳בין דעמאָלס געווען אַ בחורל פון אַ יאָר 16 — 17. פלעגט אונז אַ מיידעל אַלע טאָג אין דער פרי נאָכ׳ן דאַווענען אַרויפטראָגען באָבעס. געשמאַקע באָבעס זיינען דאָס געווען; איך פיהל נאָך עד היום זייער טעם. פלעגט זיך דאָס מיידעל האָבען אַ טבע אָבצושטעלען זיך אין פירהויז. איינמאָל, איך געדענק שוין נישט ווי דאָס האָט פּאַסירט — האָט מיר פאַרדרייט דער קאָלטען, און דאָס איז געוויס געווען מעשה־שטן, אַריינצובעטען דאָס מיידעל מיט די באָבעס אינעווייניג אין דער ישיבה אַריין. זי לעגט מיר אַזוי אַריין אינ׳ם מעסטעלע די באָבעס, און איך שטיי מיר אַזוי און רייד מיט איהר, און האָב בשעת מעשה שטאַרק הנאה: אַ שוואַרץ חנ׳וודיג מיידעל איז דאָס געווען מיט גרויסע קאַרשען אויגען און מיט באַקען, ווי די עפּעל, און אַ מיילעכל האָט דאָס געהאַט ווי אויף שרייפּלאַך, און איך אַ בחור — אַ שקאָץ!... ערשט מיט אַ מאָל איז צו מיר פון הינטען אונטערגעשפּרונגען דער משגיח, און אַ געשריי טאָנענדיג ווי נישט מיט זיין קול: „שגץ, אין אַ מקום קדוש!” האָט ער מיר אַראָבגעלאָזען אַ פּאַטש, אַז ס׳מיר, ממש, פינסטער געוואָרען אין די אויגען. ס׳האָט מיר גענומען פינטלען מיט „עקודים, נקודים וברודים”. ווי געפעלט דאָס אייך, וואָס אַ איד, אַ געלער משגיח נישט קאָן?

האָב איך אַבראַמאָוויטשען געפרעגט:

— נו, איז דאָך דאָס טאַקי געווען אַן אמת׳ער אומגליק, און איהר רעדט גאָר וועגען אַ נס!

— דעם נס ווילט איהר וויסען? — האָט מיר אַבראַמאָוויטש געענטפערט — ווי פאַרשטייט איהר דאָס אליין נישט? ער האָט דאָך מיר געקאָנט געבען ניט איין פּאַטש, נאָר צוויי, און פאַרוואָס נישט דריי? און פאַרוואָס טאַקי נישט די גאַנצע פיר בעת מ׳איז אַ משגיח אין ראַמיילעס

ישיבה און מ'האט צוויי לאפעס ווי די בערען, און מ'האט זיך מיט זיי נישט וואו אהינצוטאן?...

• • •

גייענדיג האט מיך אבראמאוויטש געבעטען, כ'זאל איהם אריינפיהרען אין א וועלכען ס'איז חדר.

— ביי אונז אין אדעס — האט מיר אבראמאוויטש געזאגט — זיינען אפילו אויך דא חדרים מיט מלמדים. אבער זיי הויבען שוין אהן צו שמעקען מיט היינטוועלטיקייט, מיט דעם, וואס לייט רופען עס מאדערניזם, כביכול, און איך גאר צו זעהן אן אמת'ן אידישען חדר מיט אן אמת'ן אידישען מלמד, טאקי א מלמד כמו שנאמר, מיט אלע פיטשעווקעס.

כ'האב ממלא געווען אבראמאוויטשעס רצון, און האב איהם אריינגעפיהרט אין א חדר.

ארויפגייענדיג אויף די טרעפ און אריינגייענדיג אין א טונקעלען קארידאר, האבען זיך עפעס פון א ווינקעל גענומען הערען זעהר ניט קיין שמעקעדיגע ריחות...

— אט דא איז דער חדר! — האט אבראמאוויטש אויסגערופען — איך געדענק, איך דערמאן מיך, דערזעלביגער אמאליגער ריח... אפשר ווייסט איהר, מיין פריינד, וואוהין מ'לייגט אויף א ווילע אוועק די נאז-לעכער?...

אין א מינוט ארום האט ער מיך א פרעג געטהון מיט אן ערענסטער מינע:

— זאגט מיר, כ'בעט אייך, היתכן, אז דער דאזיגער ריח זאל דאס זיין אט יענער ריח התורה, וועלכער האט אונז דערהאלטען ביז אויפ'ן היינטיגען טאג אין גלות?

כ'האב געשוויגען.

— און זאגט מיר, זייט מוחל, איהר זייט דאך עפעס א

ציוניסט, זיינען מיר שוין אין ארץ-ישראל גאראנטירט פון דעם דאזיגען ריח?

כ'האב אלץ געשוויגען.

און אבראמאוויטש האט א זאג געטהון אינ'ם זעלביגען ערענסטען טאן:

— מחשבות'ן, כ'האב פארגעסען. אין ארץ-ישראל האבען מיר דעם בארג לבנון; דער לבנון שמעקט ווי אין פסוק שטייט: „וריח לו כלבנון", און אז א פסוק זאגט נאר, איז שוין, פארשטייט איהר מיך, גאר אנדערע דבורים.

דערווייל האבען זיך דערהערט דורך א טיר די קולות פון די חדר-אינגלעך, מיר זיינען אריינגעגאנגען. ביי א טיש זיינען געזעסען א קינדער צעהן אן ערך, און דער מלמד איז געשטאנען.

נאך דעם ערשטען „שלום עליכם" האב איך א זאג געטאן

— איר ווייסט, קינדערלאך, ווער דער גאסט איז? דאס איז דאך דער זיידע ר' מענדעלע!

— מיר ווייסען! מיר ווייסען! — האבען די קינדער אויסגעשריען, און איינער פון זיי האט תיכף מוסיף געווען:

— כ'האב געלייענט!

האט אים אבראמאוויטש מיט זיין ליבליכען שמייכעל א פרעג געטאן:

— אזוי? דו האסט געלייענט? זאג מיר נאר, מיין קינד, וואס האסטו געלייענט?

אויף דעם האט דאס אינגעל תיכף אוסגעשאסען:

— די קליאטשע!

— א מעשה מיט א פערדעל! הא, וואס זאגסטו? — האט אים אבראמאוויטש געפרעגט א גלעט טאנענדיג אים פאר'ן בעקעל.

— ניין, דאס איז א משל!

— א משל? אנטקעגען וועמען?

— אנטקעגען אונז, אידען — האט דאס אינגעל געענטפערט; — אזוי האט ער מיר געזאגט מיין עלטערער ברודער.

— נו, בטל'ט ניט, קינדערלעך! לערענט, לערענט,

— נו, זאָגט, קינדער! — האָט דער מלמד אַ קאָמאַנדעווע געטהון; — זאָגט אָבער שיין, מיט אַ ניגון!

די קינדער האָבען געלערנט „משלי", און האָבען אַלע צוזאַמען, זינגענדיק אויפען קול:

„מוקש — אַ שטרויכלונג, אָדם — מענש, ילע — זאָגט, קדש—הייליג, ואחר—און נאָך, נדרים—נדרים, לבקר—צו פאָרשען",

אַבראַמאָוויטש האָט אָנגענעמען איינעם פון די קינדער פאַר זיין מאָרדעטשקע און האָט אים געפרעגט:

—פאַרשטייסטו, מיין פייגעלע, דאָס, וואָס דיין מיילעכעל האָט דאָ איצטער אַרויסגעזאָגט?

דאָס אינגעל האָט געשוויגען. דאָ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער מלמד:

— זאָג, זאָג, וואָס וויל דאָ שלמה המלך האָבען.

דאָס אינגעל האָט עפּעס אָנגעהויבען צו ברומען אונטער דער נאָז, און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זאָל זאָגען אַן אַנדערער! — האָט דער מלמד אויסגעשריגען; — מ׳שקע, זאָג דו!

דער אַנדערער האָט אויך גענומען זאָגען: מוקש — אַ י ט ויכלונג, אדם — אַ מענש, און ווייטער נישט פון אָרט.

און אַזוי איז געווען מיט אַ דריטען און מיט אַ פערטען אינגעל. קיינער האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען דעם פשט פון די ווערטער.

דאָ האָט אַבראַמאָוויטש געזאָגט:

— שלמה המלך אַליין איז אַפילו געווען אַ גרויסער חכם, אַ וועלט-חכם, אָבער לערנען זיינע חכמות מיט אַזעלכע עופה׳לעך איז גאָר קיין חכמה נישט. קומט לאָמיר גיין!

כ׳האָב דאַמאָלסט באַגלייט אַבראַמאָוויטשען ביז צו זיין קוואַרטיר. די גאַנצע לאַנגע וועג איז ער געגאַנגען פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין זיך, און האָט מיט מיר אַ וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט זיך געפונען אונטער דעם שווערען איינדרוק פון חדר.

דעמזעלבען טאָג איז אַבראַמאָוויטש געווען איינגעלאַדען

צו מיטאָג צו דעם בעוואוסטען ציוניסטישען עסקן ה׳ יצחק ליב גאָלדבערג. ביים מיטאָג בין איך אויך געווען צוזאַמען מיט דעם העברעאישען לערער און איינער פון די מחברים פונ׳ם פירוש אויף תנ״ך „מקרא מפורש", דוד נאָטיק. ס׳איז געקומען צו רייד וועגען מלמדים, חדרים און תנ״ך. דאָ האָט זיך אַבראַמאָוויטש שטאַרק צופלאַקערט. און האָט אין אַ שעה׳דיגען שמועס אויסגעגאָסען וואָס ס׳האָט אים אויפגעקאָכט אויפ׳ן האַרצען אונטער דעם שלעכטען רושם, וועלכען עס האָט אויף איהם געמאַכט דער חדר.

דאָס איז נישט געווען קיין שמועס אין געוויינליכען זין פון וואָרט, נאָר אַ מין גלענצענדער פאָרטראָג וועגען די מעלות און חסרונות פון דער אידישער אַלטער און נייער פּעדאַגאָגיק. יעדעס וואָרט איז געווען אַן אוצר פון טיפע געדאַנקען, און עד היום טוט מיר זעהר לייד, וואָס כ׳האָב דאַמאָלסט אַבראַמאָוויטשעס געשפּרעך ביי מיר נישט פאַרצייכענט.

• • •

גראָד אין דער צייט, וואָס אַבראַמאָוויטש איז געקומען בעזוכען די רעדאַקציע פון „הזמן", וואו כ׳בין דאַמאָלס געווען אַ מיטאַרבייטער, איז אַהין אַריינגעקומען דער שריפטשטעלער יהושע מזח, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן מופלג, און האָט נאָך אַמאָל האָלט געהאַט צו זאָגען אַ וויץ.

אינמיטען געשפּרעך האָט אים אַבראַמאָוויטש אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, ה׳ מזח, ווי אַלט קענט איר זיין ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר?

— כ׳וועל אייך ענטפערען ווי משה יאָג האָט אַמאָל געענטפערט: „כ׳ווייס נישט צו פ צו פ"... נאָר דאָס געדענק איך, אַז בעת איר האָט אָפּגעדרוקט אייער ערשטען מאמר

אין „המגיד" וועגן חנוך, האָב איך אָקאָרשט וואָס אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגן אַ ד ר י ט ע ווייב...

— הייסט עס, אַז איר זייט עלטער פון מיר — האָט אַבראַמאָוויטש געזאָגט מיט אַ שמייכעל; — וואָלט איהר אָבער געוואוסט ווי איך בין „אייך מקנא!

— א י ר, ר' שלום יעקב, זייט מ י ר מקנא? — האָט מוח געפרעגט פאַרוואונדערט; — וואָס זייט איר מיר מקנא? מיין דלות? מיין עלענד לעבען? מיין אַרומשלעפען זיך מיט די ספרים איבער די הייזער?...

— אויף דעם קומען מיר דאָך עפּעס אַרויס פון דער משפחת-סופרים, שמעון ולוי'ס אייניקלאַך. איר זייט, דאַכט זיך, אַ לוי? די לויים פלעגען אַרומגיין איבער די שייערען נאָך די מעשרות, און מיר, אידישע מחברים, שלאָגען אָב די נגידי-שע שוועלען מיט אונזערע ספרים. כ'בין אייך אָבער מקנא גאָר פאַר אַן אַנדער זאַך. שטאַרבט איר, חלילה, און מ'קומט אייך מספיד זיין אין אַ העברעאיש בלאַט, לאָמיר זאָגען: אין „הזמן", למשל, האָט שוין באַלד אייער כפדן אַ קעפּעל פאַר זיין הספד. און נאָך וואָס פאַר אַ קעפּעל, אַזש פון תנ"ך, פון ישעיה'ן אַליין: אוי, גוואַלד געשריען: „א י ן מ ו ח ע ו ד"!...

— מוח האָט אַ מינוט אַ טראַכט געטהון און האָט געזאָגט:

— איר האָט מיר, ר' שלום יעקב, גאָרנישט וואָס מקנא צו זיין. אין ד ע ם פאַל זייט איהר שוין פיל גליקליכער פון מיר. אויף אייך איז דאָ אַ פּסוק, איז שוין דאָס איינמאָל אַ פּסוק! „ש ל ו ם, ש ל ו ם, ו א י ן ש ל ו ם"!...

אין דער זיידע האָט זיך האַרציג צולאַכט.

ש. אַנ—ס קי

ד ע ר ר י ז *)

א

אַרום דעם פּאַטריאַרך פון דער יודישער ליטעראַטור, מענדעלי מוכר ספרים, האָט זיך אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען אויסגעוועבט אַ לעגענדע פון אַלטקייט. אָפיציעל האָט דער „זיידע" געפּראַוועט זיין אַכציג-יעהריגען יובילעאום, נאָר די נאָהנטע פריינד זיינע האָבען מיט אַ צאַרטען שמייכעל איינגע-רוימט איינער דעם אַנדערען אַ סוד, דער זיידע „פאַרלייקענט יאָהרען": באמת איז איהם פיל מעהר. „איבער נייַנציג",—האָבען געזאָגט איינע; „קרוב צו הונדערט",—האָבען צוגעגעבען אַנדערע.

מיטן אונטערשטרייכען דעם זיידענס אריכת ימים האָט מען בעוואונדערט נישט זיין אַלטקייט, נאָר זיין יונגקייט. און עס איז באמת געווען וואָס צו בעוואונדערן. דער גרייז-גרויער זקן האָט זיך נישט אונטערגעגעבען דער לאַסט פון די יאָהרען. אַ שלאַנקער און אַ שטייפער, מיט אַנ'אויפגעהויבענעם, אַ ביסעל אַן אַ זייט פערוואָרפענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט עמיצען דרייסט

*) פון ש. אנסקיס „זכרונית". אין א פּאָר ערטער געקירצט — ר ע ד.

אַרויסרופֿען אויף מלחמה, מיט אַ פֿינקלענדען בליק פֿון די יונגע אויגען, מיט אַ מונטערען קול און הילכיגען „קייכענדען" קינדערשען געלעכטער, שטענדיג אין אַ לעבענס-פֿריידיגער, אָפּטמאָל אפֿילו שטיפֿערישער שטימונג. און ביי זיינע פֿריינד האָט זיך געשאַפֿען אַ מין מיסטישע האָפֿנונג, אַז דער אונגעוועהנליכער מענש, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ ריזיגען כּח אין גייסטיגען שאַפֿען, איז אפשר פֿיזיש אויך פֿון אַזאַ שטאָף, וואָס קאָן נאָך ציהען דורות און דורות.

און ביים זיידען אַליין איז אויך געווען דאָס געפֿיהל, אַז ער וועט נאָך לאַנג-לאַנג לעבען. בעת איך האָב זיך מיט איהם געזעהן דאָס לעצטע מאָל, אין 1915, האָט ער מיר מיט זיין שטיפֿערישען שמייכעלע געזאָגט:

— פֿאַר הונדערט יאָהר לעבען בין איך ערוב, און נאָכדעם וועלען מיר זעהן. אפשר טאַקי נעהמען און אָנפֿאַנגען איבעראַניס פֿון אָנהויב! ביי יודען איז דאָך שוין אַזאַ רגילות: אויסגעלאָזט די תּורה אין גלייך בנשימה אחת אָנגעהויבען פֿון אָנהויב: לעיני כּל ישראל — בראשית ברא...

און ווער ווייסט, אויב זיין הבטחה וואָלט נישט מקויב געוואָרען, ווען נישט די שרעקליכע מלחמה, וועלכע האָט פֿריהצייטיג אַראָבגעפֿיהרט אין קבר אפֿילו זיינע ליטעראַרישע קינדער און אייניקלעך, — פּרץ׳ן, שלום-עליכמ׳ען, פֿרוג׳ן...

אויף דער ליטעראַרישער שאַפֿונג, ווי אויף דער פּערזענליכקייט פֿון מענדעלי מוכר ספֿרים איז געלעגען דער אוסדריקליכער צייכען פֿון געניאַליטעט. די אַכצעהן בענדער, וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט, האָבען אַ כאַראַקטער פֿון איין ווערק, וואָס נעהמט אַרום דאָס גאַנצע יודישע לעבען בצוזאַמען מיט דער נאַטור, וועלכע רינגעלט איהם אַרום: אַנ׳עפּישע פּאָעמא, אַ מין יודישע „איליאַדע" אָדער „קאַלעוואַלאַ".

און אַז מען פֿערטיפֿט זיך אין מענדעלע׳ס ווערק, זעהט מען, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, איז נאָר אַ קליינער טייל פֿון דעם, וואָס ער האָט זיך געגרייט צו שאַפֿען; אַז פֿאַר די זעכציג-זיבעציג יאָהר אַרבייט האָט ער צייט געהאַט אָנצושרייבען בלויז אַ „הקדמה" צו יענער וועלט-פּאָעמע, וועלכע ער האָט געטראָגען אין זיין גייסט, צייט געהאַט אויסצומאָהלען נאָר אַ פּאָן פֿאַר דאָס ריזיגע בילד, וואָס האָט זיך געטראָגען פֿאַר זיינע אויגען. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ רעליגיעזער התפּעלות צו גאָט׳ס וועלט מיט אַלע איהרע בעשעפֿענישען, אַז איידער ער איז צוגעטראָטען צום „סיוזשעט" פֿון זיין פּאָעמע, האָט זיך זיין גאַנץ לעבען אויסגעגאָסען אין אַ בעגייסטערטען „ברכי נפשי" דער נאַטור.

מענדעלע האָט זעהר טיף געפֿיהלט די נאַטור, צוגעהערט זיך צו יעדען רויש פֿון לעבען, פֿערשטאַנען און צאַרט געליבט יעדעס גאָט׳ס בעשעפֿעניש. עס איז שווער צו בעשטימען, ווער זענען די עכטע העלדען פֿון זיינע ערצעהלונגען, די מענשען — די אַלטערס, פּישקעס, שלמה׳לעך, — אָדער די בּרואים און פֿלאַנצונגען: דאָס מידע, געפּלאָגטע און דאָך גוטמוטיגע פֿערדעל, דער הונגעריגער, פֿערהאַוועטער קרעטשמערס הונד, די אַלערליי פֿייגעלעך, פֿליגעלעך, רייך-געקליידטע באַבאָטשקעס ביז׳ן „וואַנצעלע", וואָס וויל דאָך אויך נעביך נישט מעהר ווי אַ ביסעל היונה; אַלע צמחים, פֿון די דינע בוימעלעך, וואָס ריידען זיך דורך שטיל אויף זייער לשון, ביז די גאָלדענע זאַנגען, ביז׳ן שטילסטען גרעזעלע. מען קאָן זאָגען, אַז נאָך דעם פֿערפֿאַסער פֿון „ברכי נפשי", נאָך בודדאַ און שפּינאָזאַ איז מענדעלע געווען דער גרעסטער פּאַנטעאיסט. אויב מען קען איהם אין דעם אופֿן פֿערגלייכען, איז נאָר מיט ראַבינדראַנאַט טאַגאָר׳ן.

אויף וויפֿיל גרויס מענדעלע איז געווען אין זיין שאַפֿען, אויף אַזוי פֿיל, איז ער געווען גענ׳אַל-אייגענאַרטיג ווי אַ פּערזענליכקייט.

פּושקין, מאָהלענדיג דעם גייסט פֿון אַ דיכטער, האָט געשריבען: „כּל זמן דער דיכטער ווערט נישט געמאָהנט צום

הייליגען אָפּפער דורך אַפּאָלאָ'ן, איז ער פערטהון אין שטותים פון דער וועלט". פאַר מענדעלע איז די כאַראַקטעריסטיק נישט גינסטיג. ער איז שטענדיג געשטאַנען ביים „הייליגען אָפּפער", שטענדיג געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שאַפונגס-שטימונג, מיט אַ שאַפונגס-התלהבות. ווען מען זאָל זיך מיט איהם נישט געווען טרעפען אין וועלכער שטימונג און געזונד-צושטאַנד ער זאָל נישט זיין, — שטענדיג האָט ער געפינקעלט מיט בילדער און געדאַנקען. יעדע ערצעהלונג זיינע איז געווען אַ קינסטלעריש ווערק, מייסטערהאַפט אויסגעאַרבייט אין פאָרם און טיפזיניג אין אינהאַלט. ער הויבט אָן מיט אַנ'ערינערונג, אַ מעשה'לע — פלעכט אין איר אַריין אַ צווייטע, אין דער צווייטער אַ דריטע, וואַרפט אַריין אַ משל, מאָהלט-אויס אַ בילד פון דער נאַטור ווי שפּילענדע כוואַליעס אין אָפענעם ים הויבען זיך אויף און גיסען זיך איינע איבער די אַנדערע, בעזונדערע מעשיות, בילדער, ציטאַטען פון תנ"ך און הגדה. נאָר אָט, מיט איין שטריך בעהעפטען זיי זיך אַלע צוזאַמען, בעקומען אַ גאַנצקייט און ס'ווערט קלאָר דער טיפער געדאַנק פונ'ם גאַנצען ווערק.

דער שעפּפערישער כח איז ביי מענדעלע'ן פערבליבען פריש און שטאַרק כמעט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען. מיט אַ יאָהר אָנדערטהאַלבען פאַר זיין טויט, בעת ער איז, נאָך אַנ'אַפּאָפּלעקטישען אַטאַק, געוואָרען געלעהמט אויף אַ האַלבען גוף, האָט מיר ביאַליק געשריבען: „עס איז נשתומם צו ווערען פון זיין גוואַלדיגען שעפּפערישען כח, וואָס איז מיט זיין קראַנקהייט געוואָרען נאָך גרעסער און בולט'ער. אין איהם האָט זיך אויפגעוואַכט אַ נייער קוואַל פון שאַפונג. ערינערונגען פון די קינדערשע יאָהרען. יעדע ערצעהלונג זיינע איז אַ קלאַסיש ווערק, אַ פעריל פון קונסט. ווען עס וואָלט זיין די מעגליכקייט, האָט מען געדאַרפט זיצען נעבען איהם און פערשרייבען וואָרט ביי וואָרט אַלץ, וואָס ער רעדט."

ב

מענדעלע האָט נישט אָנגעהערט צו קיין שום פּאָליטישע פּאַרטיי און גענומען אַ שוואַכען אָנטייל אין געזעלשאַפטליכען לעבען, און דאָך איז ער געווען אַ מעכטיגער קעמפער פאַר די העכסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט. זיינע שריפטען זענען געווען עפּיש נאָר לויט זייער גרויסען מאַסשטאַב, זייער הויכען אַלמענשליכען איבערבליק און שטימונג. אָבער זייער טאָן האָט ווייט נישט שטענדיג געהאַט אַנ'עפּישע רוהיגקייט. מענדעלע האָט שטענדיג געלערנט, געמוסר'ט, געבייזערט זיך, געקריטיקירט. ער האָט בעגאָסען מיט אַ גאַליגען סאַרקאַזם אונזערע מיאוסע מידות און הנהגות, די אכזריות פון די זאַטע און דאָס טעמפּע געדולד פון די הונגעריגע, דעם גאַנצען אומגעלומפּערטען סדר פון אונזער לעבען.

בטבע איז מענדעלע געווען אַ שטאַרקער כהדן אין האָט עס אָפען אַרויסגעוויזען. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ יון, פאַר אַ קנעפּעל, פאַר דעם קלענסטען רעש. און דאָך איז ער דאָס גאַנצע לעבען געווען און געבליבען אַ רעוואָלוציאָנער אין פולען זין פון וואָרט. אַ זוהן פון בכבוד'יגע עלטערען, האָט ער, זעכצעהן יאָהר אַלט מיטאַמאָל איבערגעריסען מיט דער סביבה, און זיך אַ וואָרף געטהון אין טיפסטען תהום פון אָרימקייט און עלענד. מיט דעמזעלבען מסירת-נפש, מיט וועלכען די דעמאָלדיגע רוסישע רעוואָלוציאָנערען — נאַראָדניקעס זענען געגאַנגען „אין פאָלק", איז ער צוגעשטאַנען צו אַ חברה בעטלער און זיך געלאָזט מיט זיי וואַנדערען איבער דער וועלט. שפּעטער, אַז ער האָט אָנגעהויבען שרייבען, האָט ער אַרויסגעוויזען אַנ'אמת-רע-

וואָלוציאָנערע דרייסטקייט. זענענדיג אַ וואונדערבאַרער קענער
פון העברעאיש, וויסענדיג זעהר גוט, אויף וויפיל עס איז פער-
האסט און מבוזה די „שפּראַך פון דינסטמיידלעך", — האָט ער
געפונען אין זיך גענוג מוט אומצובייטען זיין העברעאישע פע-
דער אויף אַ יודישע, ווייל ער האָט מיט זיין גענינאַלען חוש
דערפילט אין דער שפּראַך דעם פולס פון אַ נייעם לעבען.
אָנגעקומען פאַר אַנ'איידעם צו אַנ'אָנגעזעהענעם בערדיטשעווער
בעל-הבית, איינער פון די וויכטיגסטע קהל'ס-לייט אין שטאָדט,
נעהמט ער און שרייבט אָן „די טאַקסע", וואו ער טרעט אַרויס
מיט די שווערסטע בעשולדיגונגען און זלזולים געגען דעם
שוועהר און אַנדערע קהל'שע רעדעל-פיהרער און בלוט-זויגער.
דער דרייסטער אַרויסטריט האָט איהם טייער געקאָסט: ער האָט
געמוזט אַנטלויפען פון בערדיטשעוו. מיט צעהן יאָהר שפּעטער
איז ער ווידער אַרויסגעטראָטען מיט אַ פּיל טיפערען, וויכטיגערען
און שאַרפען פּאָליטישען פּאַמפלעט, „די קליאַטשע", אַנ'עכט-
רעוואָלוציאָנער ווערק, וואָס האָט געקאָנט ערשיינען אין דרוק
נאָר אַ דאַנק דער נאַכלעסיגקייט פון יודישען צענזאָר. אַז „די
קליאַטשע" איז מיט פּיל יאָהרען שפּעטער, שוין ביי פרייערע
צענזור-בעדינגונגען, געווען איבערזעצט אין רוסיש און אָבגע-
דרוקט אין „וואָסכאָד", האָט מען דעם זשורנאַל, צוליב דעם
בעשטראָפט און אָבגעשטעלט.

איינמאָל האָט מענדעלע מיט איינעם פון זיינע מעשה'לעך
קלאָר און בולט מיר כאַראַקטעריזירט זיין אונרוהיגען, זוכענדען,
רעוואָלוציאָנערען גייסט.

מיר זענען געזעסען און געשמועסט וועגען „די העכערע
שטרעבונגען פון מענשליכען גייסט", האָט ער זיך מיט אַמאָל
אויפגעמונטערט און אָנגעהויבען דערצעהלען:

—הערט אַ טשיקאַווע מעשה. יונגעלוויין בין איך געווען
אַ גרויסער שטיפער און דערצו שטאַרק נייגעריג. אַלץ האָב איך
געדאַרפט וויסען און זעהן. פאַלט מיר אַריין אין זינען אָנצו-
קוקען דעם יצר-טוב און דעם יצר-הרע. וואָס זענען דאָס פאַר
אַ ברואים, וועלכע זיצען זיך אין הארצען, יעדערער אין זיין

הדו"ל און האַלטען אין איין איבעררעדען דעם מענשען? ביי-
נאַכט, בעת אַלע האָבען געשלאָפען, טהו איך אויס די שיך און
פערקלויב זיך שטילינקערהייד אין הארצען, אָנקוקען מיינע פאַר-
שוינען. וואוהין געה איך צום ערשטען?—פערשטעהט זיך, צום
יצר-טוב. איך קום אַריין אין זיין חדר'ל—אַ פּאַלאַץ, שען ווי
גאָלד און ליכטיג—ליכטיג, אַזש פערבלענדט צו ווערען. און ער
אַליין, דער יצר-טוב, זיצט זיך שטאַטיג, די פליגעלעך צונויפ-
געלעגט, מיט אַ פרום פּנימ'ל און מורמעלט אַ תּפלה. שטעה
איך אַ פערגאַפטער און קוק איהם אָן. נאָר באַלד ווערט מיר
לאַנגווייליג. עס איז אַזוי ליכטיג, אַזוי דורכזיכטיג, אַז איך זעה
אַלץ, אי דעם פּאַלאַץ, אי דעם מלאך, יעדעס ווינקעלע. איצט
אַז אַלץ איז קלאָר—וואָס האָב איך נאָך צו טהון דאָ? געה איך
אַרויס. מען דאַרף אַריינקוקען צום יצר-הרע. אַהינצו דערקלויבען
זיך איז שוין געווען נישט אַזוי גרינג. איך קום אַריין. רבונו-
של-עולם! וואו בין איך דאָס? אַ פינסטערע הייל, אַנ'אמת'ער
תהום. עס לויפען דורך עפּעס רויטע פייערלעך, נישט צו כאַפּען
מיט'ן אויג, נישט צו דערקענען, וואָס דאָרט טהוט זיך. און
דאָס מלאכ'ל, דער יצר-הרע, הייסט עס, טראָגט זיך אום ווי
אַ רוח פון איין ווינקעל אין אַנדערן, און יעדע רגע האָט ער
אַנ'אַנדער אויסזעהן. איך נעהם זיך צוקוקען, הויב-אָן טאַפּען די
ווענד, אומעטום גריבער, הייליען, לעכער. הויב איך אָן אַרומ-
צוטאַפּען דעם חדר פון אַלע זייטען, אַ שווערע מלאכה. ס'איז
גליטשיג, איך שטויס זיך אָן יעדע ווייליע אויף שפּיצען און
שטיינער—נאָר איך טהו מיינס. טאַפּ איך אַ טאָג און צוויי און
אַ וואָך און אַ חודש. דוכט זיך, שוין אַלץ אויסגעפאָרשט. ערשט,
קריך איך אַהין און פאָרש ווייטער. טאַפּ איך ווידער אָן נאָך
אַ הייל, אַ נייער גרוב, אַ נייעם תהום. בקצור, אָט אַזוי בין איך דאָס גאַנצע
לעבען אומגעקראָכען, אומגעדרעפּעט זיך אין יצר-הרע'ס מלוכה'לע,
און וואָס ווייטער איך בין פערקראָכען, אַלץ נייגעריגער בין איך
געוואָרען—און קיין גרונד האָב איך דאָרט ביז איצט נישט גע-
פונען... איך גיב אייך אַנ'עצה, מיין פריינד, אַריינקוקען צהין.

אָהן אַנ׳צרך אינטערעסאַנטער ווי ביים יצר-טוב!—האָט ער פאַרענדיגט און שטיפעריש צולאַכט זיך.

דאָס האָט אַרויסגעזאָגט אַנ׳אַכציג—ניינציג-יעהריגער זקן!

וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען מענדעלעס רעוואָלוציאָניזם, קאָן אין אַ געוויסער מאָס איבערגעחזר׳ט ווערען וועגען זיין בעציהונג צום סאָציאַליזם. ער האָט נישט אָנגעהערט צו קיין סאָציאַליסטישער פאַרטיי, אַמאָל געווען „ברוגז" אויף די סאָציאַליסטען, געבייזערט זיך אויף זיי.

אין דער הקדמה צו „פישקע דער קרומער" שרייבט מענדעלע:

— „איך האָב נאָר שטענדיג צו טהון מיט אביונים, קבצנים, אומגליקליכע נעביך. מיר חלומ׳ען זיך נאָר בעטלערס. פאַר מיינע אויגען שוועבט תמיד אַ טאָרבע... וואָס איך זאָל נישט וועלען זאָגען, אָדער דערצעהלען, קומט פאַר מיר אָבער די טאָרבע".

דער אביון, דער בערויבטער און אונטערדריקטער איז געווען דער הויפּטהעלד אין מענדעלע׳ס ווערק. אים האָט מענדעלע אָבגעגעבען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, זיין גאַנצע ליבע, און אויף וויפיל זיין הארץ האָט זיך געצויגן צו די אָרימע און שוואַכע, אויף אַזוי פיל האָט ער טיף געהאַסט, געפיהלט אַ פייערדיגע שנאה צו די רייכע און זאַטע, וואָס האָבען זיך אָנגעזויגען מיט׳ן אָרימאַנס בלוט, צו די צלע רמאי׳שע כלל-פערזאָרגער, צו די, וואָס רייטען אויף דער „בידנער קליאַטשע".

אייגענאַרטיג איז געווען מענדעלע׳ס בעציהונג צו דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג. ער האָט זיך נישט געהאַלטען פאַר אַ נאַציאָנאַליסט, נישט ליב געהאַט ריידען וועגען נאַציאָנאַליזם.

אַמאָל, אין היץ פון פּאָלעמיק, אפילו געזאָגט, אַז ער איז „אַנ׳אַסימילאַטאָר".

קיינער האָט נישט געטהון אַזוי פיל פאַר דער ניי-יודישער ליטעראַטור און שפראַך, ווי מענדעלע. ער האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער ליטעראַטור, איז געווען דער „קיריל און מעפאָדי" פון דער שפראַך, האָט איהר געגעבען אַנ׳„אַלפאַבעט". נישט קוקענדיג אויף דעם, איז ער געווען זעהר ווייט פון אַ וועלכען-עס-איז „שפראַך-פאַנאַטיזם" און האָט זיך בעצויגען צו העברעאיש מיט אַ טיפער אַכטונג און מיט דערזעלבער ליבע, ווי צו יודיש. די לעצטע יאָהרען האָט ער פיל געשריבען אין העברעאיש, און אין וואָס פאַר אַ העברעאיש! דער גרעסטער קינסטלער פון דער העברעאישער שפראַך, ביאַליק, האָט אָנערקענט מענדעלע׳ן פאַר זיין רבי׳ן אין דער שפראַך און פלעגט אָפט זיך האַלטען מיט איהם אַנ׳עצה וועגען עפּיס אַ וואָרט אָדער אויסדרוק. וועגען דער שפראַכען-פראַגע האָט זיך מענדעלע אַמאָל אויסגעדריקט: „צוויי שוועסטער, אויסגעגעבענע פאַר צוויי ברידער, דאַרפען זיין נישט בלויז נישט פיינדליך, נאָר פריינדליך צווישן זיך, און אויך זייערע קינדער ווי נאָהנטע קרובים, דאַרפען זיך בעציהען פריינדליך איינע צו די אַנדערע. לויט די דינים פון אונזער תורה מעגען זיי זיך מתחתן זיין צווישן זיך".

ביאַליק האָט געלעזען אין אָדעס און אין עטליכע אַנדערע שטעדט אַ פּאָרטראָג „הלכה און הגדה". אַזוי ווי עס איז נישט געווען ערלויבט צו לעזען אין יודיש, האָט ער געלייענט אויף רוסיש. מענדעלע איז דאַן געלעגען אַ פּאַראַליזירטער. ווען מען האָט איהם דערצעהלט, אַז ביאַליק לעזט זיין פּאָרטראָג אין רוסיש, האָט ער מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל געזאָגט:

— אַ מאָדנע אומה דאָס יודישע פאָלק. געבראָטען אין

מענדעלע׳ן, ווײל נישט פערשטומט ווערען, אפילו ווען מען מוז (די דאָקטוירים האָבען איהם דאַן שטרענג פערבאָטען צו ריידען), אפילו ווען מען סטראַשעט מיט קאַטאָרגע. צהע, א יוד וועט דיר נישט שווייגען, דו וועסט איהם דאָס מויל נישט פער־שטאָפּען.

און באַלד אילוסטרירט דאָס מיט א משל:

— פערשטעהט איהר מיך: ביז אַהער איז געוועזן א גרויסע שפּאַרעניש, דורך וועלכער נאָזלאָך דאַרף א יוד אָטעמען (מיט א גמרא־ניגון). איינע האָבען געהאַלטען, אז נאָר דורך דער לינקער נאָז־לאָך, אַנדערע ווידער — לא, דוקא דורך דער רעכטער. איינע — דוקא העבּרעאיש, אַנדערע — נאָר יודיש. אז מענשען קאָנען און דאַרפען אָטעמען דורך ביידע נאָזלעכער — ווילען זיי נישט פערשטעהן... וואָס־זשע טהוט גאָט? קומט פּאָניע מיט דער נאַהייקע און זאָגט, אַז א יוד דאַרף כלל נישט אָטעמען, ער פערשטאָפּט ביידע נאָזלעכער — און א סוף. מיינט איהר דאָך, אז איהר זענט שוין פאַרטיג? ניין, א יוד גיט זיך אַן׳עצה. ער הייבט אָן אָטעמען דורכ׳ן גראָבען פינגער: אויף בערדיטשעווער רוסיש.

אין איינעם פון זיינע ווערק („שלמה ר׳ חיימ׳ס״) שיל־דערט מענדעלע ווי אזוי שלמה׳לע (לייען — מענדעלע) האָט פון יוגענד אָן געלעבט אין אַנ׳אַנדער וועלט, טויזענדער יאָהרען פאַר זיין צייט און טויזענדער מיילען פון זיין געבורטס־אָרט. געוואוינט האָט ער אין ווייס־רוסלאַנד אין א קליין שטעדטיל וואָס איז געשטאַנען אויף א בלאָטיגען טייכעל מיט א גוי׳אישען נאָמען. געזעהן האָט ער אין מאַרק רוסישע פויערן, נאָר גע־לעבט האָט ער ווייט, ווייט פון דעם אַלעמען. זיינע שטעדט זענען געווען פרן ארם און באר שבע, זיין טייך איז געווען דער ירדן, די פעלקער, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט, זענען

געווען פלשתים און עמלק, מואב און עמון. דאָרט האָט ער גע־פּיהלט זיך אין דער היים, דאָרט איז איהם אַלץ געווען נאָהנט און פערשטענדליך.

פאַר מענדעלע׳ן איז די „אַלטע היים״ געווען נאָהנט און טייער. ער איז געווען ווי שלמה׳לע, א „דאָרטיגער״, און ביז דעם לעצטען טאָג פון לעבען האָט ער נישט געקאָנט אָפּרייסען זיין בליק, אָבווענדען זיין געדאַנק פון יענע ערטער. נאָר אין דערזעלבער צייט איז ער געווען מיט׳ן גאַנצען גייסט צוגעבונ־דען צום גלות, צו דעם פער׳חושכ׳טען און פערביטערטען קאַבּ־צאַנסק מיט זיין גרויסער טאָרבע. ער האָט געפיהלט, אז נאָר דאָ, וואו עס איז דאָס פּאָלק, איז אויך זיין נשמה, זיין קולטור.

איינמאָל, אין א געשפּרעך, האָט מענדעלע מיר א זאָג געטהון א וואָרט, וואָס האָט מיך ערשיטערט מיט זיין דרייסט־קייט און טיפקייט:

— מיר איז דער חורבן בית־המקדש נישט ווייניגער טייער ווי דער בית־המקדש אַליין. דער חורבן האָט אונז געגעבען די העכסטע פּערל פון פּאָעזיע, געשאַפען א גאַנצע קולטור.

אין די עטליכע ווערטער פון דעם געניאַלען דיכטער און טיפען דענקער האָט זיך אויסגעדריקט זיין גאַנצע וועלט־אָנ־שויאונג. זיין פּראָגראַם און זיין בעציהונג צו די פערוויקעל־טע פראַגען פון אונזער נאַציאָנאַלען לעבען.

י. ה. ראַבניצקי.

„דער זיידע" אויף דער פרייער נאַטור.

ביי אונז יודען איז איינגעפיהרט — (אַזוי האָט געזאָגט פאַר צוויי יאָהרען דער זיידע ר' מענדעלע אין זיין אָבדאַנק־רעדע פאַר'ן עולם אין יענעם גרויסען טאָג פון זיין פרעכטיג־שענעם יובליי), — אַז שמחת־תורה באַלד נאָכ'ן סיום פון „וזאת הברכה", מאַכט מען איבער אַ נייעס אַ התחלה ווידער פון „בראשית", און אַזוי האָט ער צוגעזאָגט, אַז מיט זיין יובליי־שמחה וועט ער אויך נישט קיין ס י ו ם מאַכען אינ'ם שרייבען, נאָר ער האָפט ערשט ווייטער אָנצוהויבען פון „בראשית".

און נישט גלאַט אַזוי קיין שפּיעל־וואָרט, קיין שענע פראַזע האָט אַרויסגעזאָגט דער גרייז־גרויער יובילאַר, וואָס האָט געוויס לכל־הדעות שוין געהאַט דאָס רעכט נאָכ'ן יובליי זיך אָבצורוהען, ווי מען זאָגט, אויף זיינע לאָרבער־קרענץ. דער זיידע האָט באמת נישט אָנגעהויבען צו טראַכטען פון „רוהע", און באַלד נאָכ'ן יובליי־יום־טוב האָט ער זיך שוין גענומען ווייטער געשמאַק צו דער אַרבייט מיט זיין פון גאָט־געבענשטער פען און זיך פאָרגענומען צו שרייבען אַ גאַנצע רייהע יום־טוב־בילדער. און דאָס ערשטע פון זיי מיט'ן נאָמען „לכבוד שבת" האָט ער טאַקע גליין אָנגעשריבען און אָבגעדרוקט אין „השלוח".

אויספיהרען אָבער דאָס, וואָס ער האָט פערטראַכט, האָט דער זיידע דאָסמאָל נישט געקאָנט: באַלד האָט זיך איהם געמאַכט א מין עקזעמאַ אויפ'ן שטערן, וואָס האָט איהם נישט אָבגעלאָזט, און ער האָט שטאַרק דערפון געליטען. מיט דער האַנד פלעגט ער זיך אַלע מאָל כאַפּען רייבען דעם הויכען שטערן זיינעם מיט די ברייטע ווינקלען, — און ווייטער שרייבען איז געוואָרען פאַר איהם אונמעגליך. „א יובילײַ — האָט געדרונגען דער זיידע — קאָן דעם יובילאַר גלאַט נישט אָבגעהן"; — און ער האָט אָנגענומען פאַר ליעב דאָס, וואָס ער האָט נאָך, הייסט עס, גוט אָבגעשניטען און אָבגעקומען בלויז מיט אַזאַ „פערבייסעניש".

דערווייל האָט מען גענומען דרוקען דעם דריטען באַנד פון אבראַמאָוויטשעס העברעאישע כתבים, וואו צום סוף האָט בעדאַרפט, לויט דעם פּלאַן, אַריינקומען זיין יוגענד-ווערק „האבות והבנים". אַרויסלאָזען איבער א נייעס דעם „האבות והבנים" „אַזוי ווי ער שטעהט און געהט", אָהן ענדערונגען און אויסבעסערונגען — דערויף האָט ר' מענדעלע אויף קיין פאַל נישט געוואָלט איינגעהן: צו-פיעל שוין נאַאיווע און, מען מעג זאָגען, האַלב-קינדערשע זייטלעך האָבען זיך דאָרט געפונען. האָט ר' מענדעלע נישט געקוקט אויף דעם דאָקטאָר'ס שטרענגען פערזאָג נישט צו נעהמען קיין פען אין דער האַנד — און ער האָט זיך גענומען גאַנץ-ערנסט צו דער אַרבייט.

און א שטיקעל אַרבייט האָט ער דאָ פאַר זיך געהאַט זעהר א שווערס. ערשטענס, איז גלאַט נישט קיין גרינגע זאַך איבערצוזעצען אַלטוואַרג. אַרויסוואַרפען שטיקער, גאַנצע קאַפּיטלען און אַריינשטעלען נייע אויף זייער אָרט, איבערדרעהען און איבערשטעלען שפּעטערדיגע זייטלעך אויף פריהער און פערקעהרט, און דאָס אַלץ פערגלעטען אַזוי קונציג, אַז עס זאָל נישט בלייבען פאַר א זייטיג אויג קיין ברעקעל סימן פון א געשטיקצוועטער זאַך; און צווייטענס, איז דאָס שווערקייט געווען דאָ דאָפּעל און איבער דאָפּעל צוליעב דעם לשון, ווייל ר' מענדעלע האָט דאָסמאָל זיך געמוזט פעסט האַלטען אין דער

ריין-ביבלישער שפּראַך, וואָס אין איהר האָט ער געשריבען אין זיין פריהער יוגענד דעם „האבות והבנים", און שטאַרק געהיטזיין נישט אַראָבצוקריכען, חלילה, פונ'ם וועג און נישט אַריינפאַלען אין „מענדעלע'ס לשון". אַלע מאָל האָט ער זיך אַליין געכאַפּט ביי דער האַנד, אַז ס'האָט זיך ביי איהם אַרויסגעכאַפּט א וואָרט אָדער אַנ'אויסדרוק, וואָס איז נישט אָנגעפּאַסט צום לשון פון „האבות והבנים", און אָפטמאָל האָט זיך געמאַכט אַז איך האָב איהם אָנגעוויזען, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען, אויף אַזאַ מין „קאָנטראַבאַנד", — און ווי דאָס וואָרט אָדער דער אויסדרוק זאָל נישט זיין געלונגען אויפ'ן בעסטען אופן, האָט ער געמוזט אומ'ברחמנות'דיג אויסמעקען און ווידער קנייטשען דעם שטערן און אויסזוכען צו פערבייטען עס מיט „עכט-העברעאיש", ווי אין פסוק שטעהט...

נאָך דער דאָזיגער אַרבייט האָט זיך זיין שלאַפקייט געשטאַרקט און ער איז געוואָרען אַלץ מעהר אָבגעשוואַכט, אַזוי אַז פאַר-א-יאָרן סוף ווינטער איז נישט געווען פּשוט צו דערקענען דעם פריש-לעבעדיגען, אייביג-יונגען זיידען, אַנ'אמת'ער זקן איז ער געוואָרען, אויסגעזעהן ווי א שוואַכער צובראָכענער אַלטיטשקער, קוים אויף די פיס זיך געהאַלטען. איצטיגס מאָל האָט „די באָבע" געמוזט פאָלגען דעם דאָקטאָר'ס גזירה און אַרויספאָהרען מיט'ן זיידען אויף זומער אויסער דער שטאָדט אויף דער פרייער נאַטור.

סוף מאַי איז דער זיידע געקומען אין דער זומער-וואוינונג אויפ'ן „גרויסן פאָנטאַן" ביי אדעס — און א מערקווירדיגע זאַך! עפּעס נאָר אַזוי ווי מיט א כשוף איז ער מיט אַמאָל געוואָרען ווי גאָר אַנ'אַנדער מענש. גלייך ווי יענער גריכישער גבור, וואָס האָט געדאַרפט זיך נאָר צורירן צו דער ערד, ער זאָל ווידער בעקומען זאַפט און קראַפט, אַזוי איז דער זיידע געוואָרען געזונד און פריש, ווי נאָר ער איז געקומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט דער נאַטור. די הייס-געליעבטע זיינע פון אייביגע יאָהרען, די פרייע נאַטור, האָט באַלד בעוויזען

איהר ווירקונג אויף איהם, ווי א וואונדערליכע רפואה, ווי דער בעסטער באלזאם.

געדארפט האט מען זעהן דעם אלט-יונגען ר' מענדעלע אויף זיינע שפאציר-גענג אין דער אומגעגענד ארום און ארום, וואס ער פלעגט גאנצע שעה'ן-לאנג מאכען אלע טאג, און אפטמאל צוויי מאל א טאג, ווי דאס וועטער זאל נישט זיין שלעכט. פריש און מונטער, גלייך, אויסגעצויגען ווי א פאלמען-בוים, מיט אפענע, קורץ-שארפזיכטיגע אויגען, האט ער מיט גרויס הנאה נישט אויפגעהערט זיך נייגיריג איינצוקוקען אין יעדען פעלד-בלימעלע און גרעזעלע, אין יעדען פויגעלע און זומער-פליגעלע. אלץ ארום אין דער נאטור האט פאר איהם געלעבט און גערעדט יעדעס מיט זיין לשון, און ער צוזאמען מיט איהר, מיט דער לעבעדיגער נאטור, איז געווען פול מיט לעבען, מיט יוגענד-זאפט. נישט אומזיסט האב איך געהערט פון איהם נישט איינמאל ביי אזעלכע שפאציר-גענג (דעם זומער האב איך געהאט דאס גליק מיט איהם צו וואוינען אין נאהענטער שכנות): „ווי באלד איך פיהל אזוי די נאטור און קאן נאך פון איהר אזוי געניסען מיט אזא אמת'ער הנאה, איז עס א גוטער סימן, אז דער לעבענס-קוואל אין מיר האט זיך נאך נישט אויסגעשעפט און איך האב נאך זאפט אויף לאנגע יאר".

און וויפיעל לעבען האט דער זיידע ארויסבעוויזען אין זיין ריידען און שמועסן בשעתן ארומגעהן אין די ווייטע און ברייטע פעלדער! נישט ווי א 77 יעהריגער גרייז-גראהער מאן, נאר מיט א פריש-לעבעדיגען טעמפעראמענט פון א הייס – בלוטיגען יונגען-מאן, פלעגט ער ארומריידען ברייטליך און שארף, אמאל גאנץ היציג און אויפגעבראכט און אמאל גאר געלאסען מיט א גוטמוטיגען שמייכעל, וועגן פערשיעדענע ענינים, וואס קומען איהם אויפן זינען, סיי וועגען דעם, וואס ער האט די לעצטע טעג בעגעגענט אין די יודישע צייטונגען, וועלכע ער בעקומט און לייענט זיי אלע איבער, סיי ערינערונגען וועגען עפיזאדען און מענשען-טיפען פון אמאליגע יאהרען, און סיי וועגען גלאט אזוי זאכען, וואס א בילד פון דער נאטור רופט ביי איהם ארויס אין בעדאנק.

און ריידען רעדט דער זיידע אפט מיט פאעטישע בילדער, מיט טרעפענדע, שען-אנגעמאסטענע גלייכענישען, און דא און דארט ווארפען זיך דורך אין זיין שמועס גלאנצענדע פונקען און שלענגלען זיך בליצען פון שארפזין.

מיר געהען, א שמייגער, פארביי א שען בעפוצטע ווילע מיט זעהר פיין-געארדנעטע בוימער, מיט בעקוועמע ברייטע אלעען, רופט ער זיך אן צו מיר: „זעהט איהר, אט האט איהר אייך פונקט ווי אייער „ספר האגדה", אויך גאנץ-פיין ארומגעשניטען און ארומגעהאקט, אויסגעגלייכט און צוגעגלעט און ארומגעטאקט און אויסגעשטעלט מיט א סדר, מיט א מאס, יעדעס בעזונדער צוגעפאסט אויף זיין ארט, געוויס שען אנצוקוקען פון דערווייטענס, וואס האט מען דא צו ריידען. פאר מיר אבער, מוז איך אייך זאגען, איז פיעל ליעבער און חשוב'ער די אמת'ע נאטור ווי זי איז, נישט גע'מלאכה'ט, נישט געקינצעלט. איך האב ליעב נישט דעם געמאכטען ארום, געפוצטען גארטען. נאר דעם נאטירליכען געדיכטען וואלד פון דער אלטער יודישער אגדה, אויף איהר ארט אין תלמוד און מדרשים, מיט די הויכע פערדרעהטע און פערפלאנטערטע צווייגען, וואו עס דארף דיר, אמת, קאסטען אמאל מעהר מיה זיך דורכצומאכען א וועג, דו פיהלסט אבער דערפאר, אז דא שוועבט אויף דיר גאט'ס גייסט און דו ווערסט ארומגענומען און איינגעהילט מיט'ן גרויסען וועלט-סוד פון דער העכסטער אריגינעלער נאטור".

— וועגן דעמזעלבען „ספר האגדה" האט ער געגעבען נאך אנ'אנדער גלייכעניש. „עס קומט אויס, — זאגט ער, — גלייך ווי ריינע סטעליזירטע מילך, אין דעם נויטיגט זיך אבער נאר א חולה; אפנים, אונזערע יודישע קינדער זענען שוין גענוג קראנק, אז זיי קאנען שוין נעביך אויף אנ'אנדער אופן נישט פערדייען אונזער אגדה".

אנ'אנדערס מאל קומען מיר נעבען א פעלד, וואו עס ארבייט א שנייד-מאשין. און דער זיידע האט ווידער פאר זיך א פארטיגע אילוסטראציע צו זיין געדאנק וועגן „ספורי

המקרא״ (פערקירצטען חומש פאַר קינדער) „דער ספורי המקרא״ אייערער — מאַכט ער צו מיר — איז אַזוי פאַר זיך אַ פיין שטיקעל אַרבייט, נאָר זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, ס׳איז פאָרט נישט דער חומש, עס פעהלט מיר די פּאָעזיע פונ׳ם גאַנצען חומש ווי ער איז. וואָס קענט איהר, אַ שטייגער, האָבען צו דער אַרבייט פון אַ היינטיגער שנייד-מאַשין? דאַכט זיך, זי טהוט זיך איהר זאַך בשלמות, אויפ׳ן בעסטען אופן. איהר זעהט, ווי זי אַרבייט גוט און גלאַט, ס׳איז אָבער אינגאַנצען אויסגעשטאָרבען די פּאָעזיע פון אַמאָליגען שניט, איהר זעהט נישט פאַר זיך צושפּרייט אויפן פעלד די שניידער און שניידערינס, איהר הערט נישט זייער געזונטען געלעכטער, זייער געזאַנג ביי דער אַרבייט און געהענדיג פון דער אַרבייט, קורץ געזעדט, טויט אָהן אַ נשמה״...

און אַמאָל נעהמט-אָפּיר דער זיידע געהענדיג דאָס ליעבע תנ״כ׳ל, אין וועלכען ער איז אַזאַ בקי און אַזאַ חריף צוזאַמען, און גיט-איבער אויסווייניג עפּעס אַ שאַרפזיניגען אויפטהו זיינעם אויף איינצוזעצען און רעכט-מאַכען אַזעלכע שווערע פסוקים, וואָס לאָזען זיך נישט איינבייסען. אָדער ער טייטשט-איין אַ פסוק מיט אַ וויציגען שפּאַס, וואָס האָט אַ טיעפען זין. למשל „ואת אחיך תעבוד״ — יצחק בענשט עשו׳ן, אַז ער וועט דיענען זיין ברודער יעקב׳ן. וואָס איז דאָס פאַר אַ משונה ברכה, בענשען איינעם, אַז ער וועט זיין אַ דיענער ביי יענעם? נאָר ווי מיר זעהען אַרויס בעשיינפּערליך אין היינטיגע צייטען שטעקט אין דעם אַ גרויסע ברכה פאַר עשו׳ן, ווייל יעקב׳ס אַ זוהן, ווי באַלד ער בעקומט געלד און ווערט אַ גרויסער באַנקיר, אַ רייכער פאַבריקאַנט, וועט ער שוין אויף קיין פאַל, איהר מעגט זיין זיכער, נישט נעהמען אַרבייטער און דיענער פון זיינע ברידער, פון יעקב׳ס קינדער, נאָר דווקא פון עשו׳ס...

און גאָר אַמאָל דערמאָהנט זיך דער זיידע אין איינעם פון די וויכטיגע און אינטערעסאַנטע פּערזאָנען פון זיינע יוגענד-פריינד און אַזוי בעקאַנטע, ווי יהושע-מרדכי ליפשיץ, דער פּערפאַסער פונ׳ם ערשטען רוסיש-יודישען ווערטער-בוך, אָדער

ר׳ מרדכי סטרעליסקער, יוסף-הירש פּאָליטשינעצקי און אַנדערע לעהרער פון דער ראַבינער-שול, וואָס יעדער פון זיי איז אַ „ספר בפני עצמו״, אַ גאַנץ בוך פאַר זיך. דער זיידע דערצעהלט אויך מיט התפעלות פערשיעדענע עפּיזאָדען פון „בימים ההם״, פון יענע אַלטע צייטען און אַלטע העכסט-אינטערעסאַנטע טיפּען — און איהר שטעלט-אָן מויל און אויערען און עס ווילט זיך אייך ער זאָל דערצעהלען נאָך און נאָך. עס טוט אייך נור באַנג, פאַרוואָס עס געפינט זיך נישט בשעת-מעשה איינער ביי דער זייט מיט פּאַפּיר און בליישטיפט, וואָס זאָל אויפ׳ן אָרט דאָס אַלץ פערצייכענען וואָרט אין וואָרט.

בכלל, איז ר׳ מענדעלע „שבעל-פה״, ד. ה. ר׳ מענדעלע׳ס שמועסען, און אַפילו די שיחת-חולין זיינע, אָפטמאָל אויפ׳ן העכסטען אופן אָריגינעל און אינטערעסאַנט, און עס וואָלט זעהר כדאי געווען, אַז זיינע נאָהענטע בעקאַנטע שריפטשטעלער זאָלען אָפטער דערמיט בעקאַנט מאַכען דעם עולם, ווי מ׳איז זיך נוהג ביי די אומות-העולם מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו זייערע גרויסע.

נישט איינגאַנבען אָבער האָט זיך דער זיידע איבערגעגעבען צו רוה, ווי מען זאָגט, „אין שויס פון דער נאַטור״, אויך אויף דער פרייער נאַטור האָט ער זיך נישט בעפרייט פון „עול תורה״, און גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך צוכאַפּען צו אַ ספר און נישט קוקען, נאָר לערנען, זיך פערטיעפען אין איהם. און כמעט שטענדיג, ווען מ׳האָט איהם געטראָפען אין דער היים, האָט מען איהם געפונען זיצען איינגעבויגען איבער דעם אַלטען קליינעם תנ״כ׳ל, וואָס איז ביי איהם פערבליבען אַנ׳-אָנדענק, דאַכט זיך, נאָך פון גאָטלאָבער׳ן, צי איבער דעם מדרש-רבה, אָדער גאָר פערטיעפט אין אַ גרויסער ש״ס-גמרא. און אַז ער הויבט-אויף די קורצזיכטיגע אויגען פונ׳ם ספר און

דערזעהט אייך, רופט ער זיך אָן: „הערט איהר, מיר מעגען שטאָלצירען, גרויסע מענשען זענען זיי געווען, אונזערע אַלטע חכמים!" און ער גיט אייך איבער מיט התלהבות, אַ פרישען געדאַנק, וואָס ער האָט נאָר-וואָס אַרויסגעשעפּט פונ'ם אַלטען קוואַל, פונ'ם מדרש, צי פון דער גמרא, אָבער גלאַט אַנ'אויס-דרוק, וואָס גיט-איבער עפּעס אַ בעגריף קורץ און שאַרף און דייטליך. „זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט — גיט ער צו — אַקעגען זיי הויבען מיר נישט אָן צו קאָנען שרייבען; וויפיעל מיר זאָלען זיך נישט ברעכען דעם קאָפּ, וואָלטען מיר אַזוינס אויף קיין פאַל נישט געקאָנט צוטראַכטען".

נאָר מיט לערנען אַליין, מיט אַריינקוקען אין אַ ספר, קאָן זיך דער זיידע נישט בעגנוגנען. איהם ווילט זיך אַרבייטען, שרייבען. און דערפאַר, אַז איך מיט ביאַליק'ן האָבען איהם פאָרגעלעגט, מיר זאָלען צוזאַמען איבערזעצען אויף יודיש די „ספורי-המקרא" — האָט ער זיך אין דעם אָנגעכאַפּט. „אודאי, — האָט ער געזאָגט — וואָלט גלייכאַר געווען זיך נעהמען צום גאַנצען חומש, נאָר איהר ווילט דוקא „ספורי-המקרא", וועל איך אייך צוליעב טהון".

און אַזוי איז געבליבען. צוויי מאָל אין דער וואָך, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, פלעגט זיך ביאַליק אַראָפּכאַפּען אין אונזער ווינקעל און מיר האָבען געאַרבייט צו ביסלעך אין דער איבערזעצונג.

איך זאָג „צו ביסלעך" — דאַרפט איהר וויסען, אַז שולדיג איז אין דעם געווען איינער פון די צוויי איניקלעך, אַלע מאָל אַן אַנדערער פון זיי, אַלענפאַלס נישט דער זיידע. דער זיידע, פערשטעהט איהר, האָט בטבע פיינט צו אַרבייטען צו ביסעלעך. ער האָט ליעב, אַז אַרבייטען זאָל זיין געאַרבייט. און נישט איינמאָל פלעגט איהם אויסקומען צוהאַלטען זיינע צוויי מיטהעלפער, נישט דערלאָזען אָברייסען זיך פון דער אַרבייט ביז מען וועט „מאַכען נאָך אַ קאַפּיטעל", אין דרויסען איז אַזוי שען, דער קריסטאַל-לויטערער הימעל זעהט זיך דורך, די ליכטיגע זון שיקט-אַריין איהרע מילדע שטראַהלען און פערבעט אַרויס אויפ'ן פרייען פעלד,

אויפ'ן גרינעם גראָז — דער זיידע וויל פון קיין זאַך נישט וויסען, אַרבייטען זאָל זיין געאַרבייט.

און מ'האָט געדאַרפט זעהען, ווי דער זיידע פערהאַלט זיך צו דער אַרבייט, ווי ער איז אין איהר אינגאַנצען אַריינגעטהון, ווען מיר, די צוויי מיטאַרבייטער זיינע, האָבען זיך אַמאָל גענומען אָנפערען, ווי דער שטייגער, וועגען אַ וואָרט אָדער אַנ'אויסדרוק, פלעגט ער מאַכען צו אונז: „שאַט, לאָז זיין שטילער אַ ביסעל, לאָזט מיך הערען, וואָס זאָגט אויף דעם מיין יודעל". ווער „זיין יודעל" איז, האָבען מיר שוין געוואוסט. נאָך פון אָנהויב-אָן האָט ער אונז ערקלערט, אַז ביי דער דאָזיגער אַרבייט מאָלט ער זיך אויס, ווי עס שטעהט איהם ביי דער זייט אַ פשוט יודעל, וואָס רעדט ריין יודיש אָהן חכמות, און ער, דער זיידע, דאַרף זיך נור גוט איינהערען, ווי אַזוי אַזאַ פאַל רעדט אָט דאָס יודעל. און דאָס יודעל פלעגט איהם אָפטמאָל שטעהען אין דער גויס און איינרוימען אין אויער אַנ'עכט-יודישען טייטש פשוט און גוט צוגעפּאַסט אויפ'ן אָרט.

ביי דער אַרבייט האָט מען באמת געקאָנט אַרויסזעהען, אַז דער זיידע האָט נישט געהאַלטען און האַלט נישט ביי קיין סיום. און אויב נישט אָנהויבען נאָכאַמאָל פון „בראשית", אָבער אַלענפאַלס קאָן נאָך זיין שענער גייסט זעהר שען אַרבייטען. גייסטיגע אַרבייט שוואַכט איהם נישט אָב; אדרבה, זי גיט איהם צו זאַפט און קראַפט.

ח. ראוויניצקי.

מענדעלע און אחד-העם.

מענדעלע איז שטענדיג און אין יעדער זאך געווען שטארק סוביעקטיוו. ער האט זיך ס'רוב געפונען אונטער דער ווירקונג פון עפּיס א געפיהל און אן איבערגייענדיקער שטימונג. און אויף אחד-העם'ען, וועלכער איז זיך תמיד געגאנגען זיין בעזונדערן אייגענעם וועג און נישט אומגעקוקט זיך, נישט אויף רעכטס, און נישט אויף לינקס, פלעגט ער אפטמאל זיך בייזערן, ווערען אין כעס און אפילו פארביטערט צוליב עפּעס א פארבייגייענדיגען געפיהל, וואס האט איהם בעהערשט.

אט האט ער, למשל, איבערגעלייענט איינעם פון אחד-העם'ס ארטיקלען, אין וועלכען אחד-העם באטאנט בעזונדערס די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דעם „מרכז-הרוח" („גייסטיגען צענטר"), און א סך ערטער אין דעם ארטיקעל האבען איהם שטארק אויפגערעגט. און אז איך בין צו איהם אין יענעם מאמענט ארויפגעקומען, האט ער זיך נישט געקאנט איינהאלטען, נישט אויסצוגיסען זיין צארען אויף'ן קאפ פונ'ם „משיב הרוח ומוריד הגשם" מיט אזוינע מינע רייד:

— דער „רוח" (גייסט) האט איהם באפאלען, אט דעם מענשען! שטענדיג, א גאנצען טאג האלט ער אין איין פערשפרייטען [illegible] וואָשען די יודען די תורה פונ'ם רוח און הערט נישט אויף נביאות צו זאגען אין נאמען פון דעם אלהי-

*) איבערגעזעצט פון העברעאיש.

הרוחות. רבונו של עולם, צי פעלט דען דעם פאָלק ישראל גייסט? מיר דאַכט, אַז דאָס יודישע פאָלק איז שוין דערגאַנגען צו דער מדרגה, וואָס קיין גוף איז נישטאָ און קיין געשטאַלט פון אַ גוף איז אויך נישטאָ. אַדרבא, פערקערט, אין יודישען פאָלק איז דאָ פיעל מעהר גייסט, ווי עס איז נויטיג. און אַ יוד פון אונזער צייט דאַרף זיך בעמיהען צו זיין אויך אַ ביסעל אַ מענטש מיט אַ גוף, אַ בשר-ודם, און אַוועגשיקען אַמאָל דעם גייסט (רוח) צו אלדי-רוחות...

אַמאָל טרעפט זיך, אַז דער זיידע געפינט זיך אין אַן אַנדער מין שטימונג, און פערעל שיטען זיך פון זיין מויל, און ער צודרש'נט זיך גאָר אויף אַ געהויבענעם שטייגער, מיט די שענע משלים, מיט די גלענצענדע און וואונדערבאַרע בילדער וועגען דעם גייסט פון פאָלק-ישראל, וועגען זיין גרויסקייט און שטאַרקייט. און אַז דו ווענדסט זיך צו איהם און מאַכסט איהם דערויף אויפמערקזאַם מיט אַ בעוואונדערונג:

— זיידע, איהר זענט דאָך שוין געוואָרען אַן אמת'ער אחד-העמ'יסט!

שטעלט ער אָן אויף דיר זיינע צוויי קורצזיכטיגע אויגען און ענטפערט מיט אַ נאאיוו-קינדעריש געלעכטער, ווי זיין שטייגער איז:

— איך אַן אחד-העמ'יסט? ניין, טייערער, האָסט אַ טעות. פערקעהרט, אחד-העם, ווען ער רעדט אַזוי, איז ער אַ „מענדעליסט״, ווייל אַזוינע ווערטער האָב איך שוין לאַנג געזאָגט, און זיי זענען אויסגעקריצט אויף מיינע לוחות פיעל, פיעל פריער פאַר אחד-העמ'ס מתן-תורה.

בכלל פלעגט מענדעלע שטענדיג זאָגען:

— איך און אחד-העם זענען מיר ווי צוויי עלעקטרישע נעגאַטיווע קראַפטען, וואָס כאָטש זייער טבע איז אָבצושטויסען איינע די צווייטע, זענען זיי דאָך פון איין מין.

אָבער דער אָבשטויסענדיגער כּוח פון אָט די צוויי גרויסע קראַפטען — און דער עיקר פון איין צד, פונ'ם היציגען

מענדעלע'ן — פלעגט ווירקען זעהר זעלטען נאָר אין אַ הייסען מאָמענט און אויך דאַמאָלס — נאָר אויף אַ קורצער צייט.

אין אַזאַ קריגערישען מאָמענט פלעגט מענדעלע אויסרופען שטאַרק אין כּעס:

— דו ווייסט, אחד-העם ברענגט מיך אַמאָל אַריין אין אַזאַ גרימצאָרען, אַז איך וואָלט איהם גענומען און וואָלט איהם מיט מיינע אייגענע הענד אויפגעהאָנגען פאַר זיין אייגענער רוחניות — און ער פלעגט דערביי צוגעבען: און שפּעטער, פערשטייט זיך, וואָלט איך איהם אַליין מספּיד געווען און וואָלט ביטער בעקלאָגט די גרויסע אבדה, ווייל ווער קען איהם ביי אונז פערטרעטען?

איינמאָל האָט מענדעלע'ס גרימצאָרען אויף אחד-העמ'ען געברענט פלאַם-פייער.

עס איז געווען בעת אחד-העמ'ס אַ פאָרטראַג אין אָדעס, אין יאָהר תרס״ד, אין יודישען סוחרים-קלוב „בעסיעדאַ״, וועגען משה רבנו: דער פאָרטראַג איז דערנאָך אָבגעדרוקט אין דריטען חלק „על פרשת דרכים״. אין אָט דעם אינטערעסאַנטען פאָרטראַג האָט אחד-העם אויף אַ גלענצענדען אופן ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז אונז דאַרפען שטאַרק נישט אַרען די שאלות און ספקות, וואָס די געלערנטע פון די אומות-העולם שטעלען: צי איז טאַקע דער מאַן משה געווען במציאות, צי האָט ער געלעבט און געווירקט אויף אַזאַ אופן, ווי מיר האָבען עס בקבלה א. א. וו., א. א. וו. מיר האָבען דעם משה, וואָס ליגט אין דער פאַנטאַזיע פונ'ם פאָלק, און ווען אַפילו „עס זאָל עמיצען געלינגען בפירוש צו דערווייזען, אַז משה איז אינגאַנצען נישט געווען אָדער אַז ער איז געווען נישט אַזאַ, וועט דורך דעם גאָרנישט געמינערט ווערען די היסטאָרישע ווירקליכקייט פון משה אַלס אידעאַל, וועלכער איז פאַר אונז פאָראויס געגאַנגען נישט נור פערציג יאָהר אין מדבר-סיני, נור טויזענדער יאָהרען אין אַלע „מדבריות״, דורך וועלכע מיר זענען דורכגעגאַנגען פון מצרים ביז אַהער״. און אָט די ווערטער, וועלכע זענען געווען נישט מער ווי אַ הקדמה צו דעם

עצם פאָרטראָג, האָבען מענדעלע׳ן, וועלכער איז געווען צווישען די צוהערער, שטאַרק אויפגעבראַכט און אויפגערעגט. מענדעלע איז געזעסען ווי אויף הייסע קוילען, געזאָדען און געוואָרען אויפגערייצט.

ר׳ מענדעלע איז בכלל געווען אַן ענטשלאָסענער און אויסגעשפּראָכענער געגנער פון די עקסטרעמע ביבעל-קריטיקער און ער האָט שטענדיג געהאַט אויף דער צונג שאַרפע און האַרבע ווערטער געגען די קריטיקער, וואָס רייסען זיך אַריין אין דעם הייליגען היכל פון תנ״ך מיט זייערע העק און גראָב-אייזענס און ערלויבען זיך צו צעשטערען און צוברעכען און צו פאַרדרייען גאָטס לעבעדיגע רייד ביז צו אַ מין פערזעניש. דאָס—פלעגט ער טענה׳ן — איז אַן עסק פאַר גויים, וועמענס געלערנטע פון ביבעל-ווּיסענשאַפט זענען ס׳רוב גראָבע-יונגען עמי-הארצים אַנטקעגען אונזערע תלמידי-חכמים. און מענדעלע אַליין איז געווען אַ בקי אין תּנ״ך, וואָס האָט גאָר זיין גלייכען נישט. זיינע חידושים און המצאות אין תנ״ך פלעגען ממש פערוואונדערן זיינע צוהערער מיט זייער טיפקייט און חריפות, און עס איז אַ שאָד, וואָס זיי זענען נישט פערשריבען און פעראייביגט געוואָרען. משה-רבנו, דער פאָטער פון אַלע נביאים, איז געווען זיין הויפּט-העלד פון דער וועלט-געשיכטע, און זיין נאָמען איז ביי מענדעלע׳ן תמיד טייער און געהייליגט געווען — און אָט קומט איינער נישט פון די גויים, נאָר דווקא אחד-העם, איינער פון די אויסדערווײלטע תלמידי-חכמים צווישען אונז, — שטעלט זיך אַנידער פאַר אַ גרויסען עולם דרשנ׳ען, און זיינע ווערטער אַזעלכע אפּיקורסישע ווערטער, ווערען אויסגעהערט שטיל און געלאַסען, גלייך ווי מ׳וואָלט שוין ביי זיך געפּועלט, אַז מ׳קען צווייפלען אין דעם, צי דער געטליכער מאַן משה האָט עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט אָדער נאָר אין דער פאַנטאַזיע!

דער זיידע האָט זיך איינגעהאַלטען, ס׳איז איהם שווער געווען צו בלייבען זיצען רוהיג אויף זיין אָרט ביז׳ן סוף פון דער לעקציע. און באַלד ווי דער רעדנער האָט געענדיגט זיינע לעצטע ווערטער, ווען דער גרויסער עולם האָט נאָך נישט

אויפגעהערט צו אַפּלאָדירען, ווי דער שטייגער איז, מיט גרויס בעגייסטערונג, האָט זיך ר׳ מענדעלע געווענדט צו זיין פריינד, דעם בעריהמטען היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, וועלכער איז נעבען אים געזעסען איהם אָבגערופען אָן אַ זייט, זיין פּנים האָט געפלאַמט פון כּעס, און ער האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם ווייטאָג געזאָגט:

— ווי געפעלט אייך די שענע דרשה? אַז אָך און וועה איז צו די אויערען, וואָס האָבען אַזוינס געהערט! ווייסט איהר? עס שטעהט געשריבען אין דער תורה וועגען משה׳ן „און קיין מענש ווייסט נישט זיין קבר ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג״. איך בין דער מענש, וועלכער ווייס אויף היינטיגען טאָג, וואו משה-רבנו׳ס קבר געפינט זיך. דאָ אויף דעם אָרט, אין זאַל פונ׳ם יודישען סוחרים קלוב „ביעסיעדאַ״, האָט מען משה׳ן בעגראָבען, דאָ איז זיין קבר, און דער קברן, וואָס האָט זיך טריי מיט אָט דער הייליגער מלאכה פערנומען איז — אונזער אחד-העם!

נאָר אויך אָט דער גרויסער כּעס האָט, חלילה, לאַנג נישט געדויערט.

ר׳ מענדעלע האָט זיך בעמיהט אַרויסצורייסען פון האַרצען דעם כּעס צו אחד-העם׳ען, וועלכער האָט, לויט זיין מיינונג, עפענטליך אָבגעטהון אַזאַ חלול-השם און נישט געוועזן פאָרזיכטיג אַרויסצוזאָגען אַזעלכע ווערטער, וואָס פּאַסען פאַר איהם נישט. עס איז אָבער נישט ווייניג צייט אַוועג, און דאָס צוריידען זיך צו דער וואונד פלעגט ביי דעם זיידען אַרויסרופען אַן אויפרעגונג, וואָס פלעגט אָבער ווידער פאַרבייגיין... ער האָט אויף ווייטער נישט אויפגעהערט צו שעצען אחד-העם׳ען און איהם תמיד ליעב געהאַט מיט׳ן גאַנצען האַרצען.

אָפטמאָל פלעגט ר׳ מענדעלע זיך ערלויבען גוטמוטיג אַ שטיף צו טון און חוזק צו מאַכען פון דעם אָדער יענעם עסקן און שרייבער פון די חובבי-ציון, אחד-העם׳ס מקורבים און חסידים. אויף איינעם אַן עסקן, צום ביישפּיל, פון די בעזונדערע טומלער פלעגט ער זאָגען: דער קינפטיגער היסטאָריקער פון אונזער תקופה, וועט אַוודאי, ווי עזרא הסופר אין זיין צייט,

וועלען געבען א פולע רשימה פון די עלטסטע עולי-הגולה, און אויף די דאָזיגע נעמען וועט ער שטעלען, ווי דער שטייגער איז, דעם טראָפּ, און אויף דעם נאָמען פון י ע נ ע ם עסקן וועט געוויס קומען דער טראָפּ „קרני-פרה״, און, לייענענדיג יענעם נאָמען, וועט מען מוזען לאַנג אויסציהען און ציקלען זיך לויט די אַלע כּללים פון דער דאָזיגער נגינה (און בשעת-מעשה כּלצגט דער זיידע אויסציהען דעם דאָזיגען נאָמען, לאַנג ציקלען זיך לויטן טראָפּ פון „קרני-פרה״)... אָדער אויף איינעם א שרייבער פון אחד-העם׳ס תּלמידים און נאָכפאָלגער פלעגט ר׳ מענדעלע אזוי זאָגען: דאָס איז אחד-העם׳ס „גולם״, פונקט ווי דער „גולם״ פון ר׳ לייב שרה׳ס אָדער פונ׳ם מהר״ל מפּראג אין זייערע צייטען, צלץ וואָס ער רעדט און וואָס ער שרייבט, טהוט ער עס מיט׳ן כח פון אחד-העם׳ס „שם-המפורש״.

אָט די ליצנותן זענען דערגאַנגען צו אחד-העם׳ען. און נישט נאָר דאָס אַליין, עס האָבען זיך אויך געפונען גוטע מענשען, וואָס האָבען צוגעטראָגען אחד-העם׳ען אויך די האַרבע ווערטער, וואָס דער זיידע פלעגט אַרויסזאָגען וועגען איהם אין א מאָמענט פון אויפרעגונג. אחד-העם אָבער האָט אויף די ווערטער קיין געוויכט נישט געלעגט; הערענדיג די ליצנותן, פלעגט ער לאַכען פון גאַנצען האַרצען, און קיינמאָל זענען נישט געשטערט געוואָרען דורך דעם די זעהר פריינדליכע באַציהונגען צווישען אחד-העם׳ען און ר׳ מענדעלע׳ן.

שלום-עליכם

אויטאָ-דאַ-פע

פאַרגעטראַגען לכבוד דעם ליטעראַרישען יום-טוב פונ׳ם זיבעציגסטען געבורטסטאָג פון „מענדעלע מוכר-ספרים״, געשריבען פון זיין ערשטען „איינעקעלע*)“.

דער בנוהג-שבעולם איז, אַז ס׳ע שטאַרבט — ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין שום אידען געדאַכט — א גרויסער מענש, בעקומט מען איהם ליעב און מע הויבט אָן נאָכזאָגען שבחים נאָך זיין בעט, און מע הויבט זיך אָן דערמאָנען און נאָכדערצעהלען פון איהם מעשיות, עפּיזאָדען, אַנעקדאָטען, אַפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטען — אַלץ גיט אַהער, אַלץ איז א סחורה, אַלץ ווערד פערצוקערט. איך נעם מיר די שטאַרקייט צו זאָגען, אַז ס׳איז א נאַרישער מנהג, און אויב איהר ווילט — טאַקי א שטיקעל עולה אויך. א קונץ נאָכ׳ן טויט דערצעהלען שבחים?

*) איך האָב שוין איין מאָל מוסר-מודעה געווען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָב אָנגערופען מענדעלע מוכר-ספרים מיט׳ן נאָמען „זיידע״, און ער מיך — „איינעקעל״, פון דעמאָלט אָן זענען מיט גאָט׳ס הילף אויסגעוואַקסען, קיין עין הרע, א גאַנצער דור מיט „איינעקלעך“ — ...

שלום-עליכם.

פאַרוואָס זאָל דער בעטרעפענדער אַליין אויך ניט געניסען פונ'ם כבוד? פאַרוואָס זאָל ער אַליין ניט זעהן און ניט הערען די אַלע שבחים מיט די מעשיות, וואָס מע דערצעהלט זיך אָן פון איהם, מיט די עפּיזאָדען, אַנעקדאָטען, אַפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטן? אדרבה, איך געה נאָך ווייטער: איך זאָג גאָר, אַז ס'איז מעהר יושר פאַר'ן לעבען אַלס נאָכ'ן טויט צו איבערגעבען אַזעלכע זאַכען, ווארים טאָמער חלילה — לא יעלה ולא יבוא — עס מאַכט זיך אַמאָל, איינער איז מגזם, דערצעהלט אויף איהם אַזעלכעס, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, קאָן ער אַרויסטרעטען אין דער עפענטליכקייט, ואין החי יכול להכחיש את החי, און זאָגען: „זייט זשע מוחל, רב איד, איהר האָט, דאַכט זיך, אויסגעטראַכט אויף מיר, מחילה, אַ גרויסען ליגען"...

אויף איינעם אַ לץ דערצעהלט מען, אַז ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט למדינת הים, אין אַ ווייטען וועג אַריין, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דאָס שיף איז אונטערגעגאַנגען און ער איז דערטרונקען געוואָרען. לאחר זמן קומט ער צו פאָהרען אַהיים און טרעפט מסתמא איין איבערקעהרעניש: דאָס ווייב האָט צוגענומען איין אַנדערער, די שטוב האָט מען פערקויפט, מיט זיין גוטס האָבען זיך צעטיילט זיינע גוטע פריינד — אַ חורבן! ער געהט אַרום פון שמוני'ם צו בוני'ן: „האָט איהר געהערט איין אומגליק, אַזאַ־נ־אומגליק?" „צו וואָס האָט דאָס אייך געטויגט?" „איך האָב געוואָלט הערען, וואָס וועט די וועלט זאָגען"...

אַ יובילעאום — דאָס האָבען שוין אַ סך חכמים געזאָגט — איז געגליכען, להבדיל, צו אַ לויה. בדידי הוה עובדא — איך אַליין האָב איבערגעלעבט פאַר אַ פאָר יאָהרען אַזאַ מין „לויה", זיך אָנגעהערט אויף זיך אַזעלכע שבחים, וואָס זענען מ'ר קיינמאָל ניט געקומען אין חלום. איין עבירה גאָר, וואָס דער צו'ם האָט זיך פערגעסען און גיך אַנשוויגען געוואָרען... און מחמת איך ווייס דעם טעם פון „יובילעאום", וויל'ט זיך מיר מהנה זיין דעם „זיידען", און דעם זיידענ'ס פיצל'ן פריינד און פערעהרער, חאָטש

מיט איינעם פון די פיעלע, פיעלע עפּיזאָדען, וואָס איך האָב וועגען דעם זיידען צו דערצעהלען און צו דערצעהלען.

די מעשה האָט זיך געטראָפען אין אָדעס, ביי'ם ברעג פונ'ם שוואַרצען ים, אויפ'ן גרויסען פאָנטאַן, זומער אויף אַ דאַטשע — מיט אַלע סימנים, און דער בעסטער סימן איז זיין דער נאָמען פון דער דאַטשע „מאַנדראַזשי" — אין לאָז דער זיידע זיך דערמאַנען, ואין החי יכול להכחיש את החי!...

אין יענער צייט — אַ יאָהר צוואַנציג דאַרף שוין זיין אין דעם — בין איך געווען אונטער'ן איינפלוס פונ'ם זיידען און געשריבען אַ גרויסעס אַלעגאָרישעס ווערק, טאַקי, אַ ראָמאַן, נאָר מיט אַ פערשטעלעניש, כמו ווי להבדיל אַ מין „קלאַטשקע", און מחמת מיר האָט זיך געגלוסט געבען איין אַלעגאָריע דאָס הייסט, איך האָב געהאַלטען פאַר די אויגען ניט דאָס ווירקליכע לעבען, נאָר די „כנסת ישראל", בין איך מסתמא פערקראָכען אין אלף השישי אַריין. און, ווי געוועהנליך, בין איך געווען פערליעבט אין דעם דאָזיגען ווערק, ווי אַ חתן אין זיין כלה אין די געצעהלטע טעג פאַר דער חופה, געהאַלטען, אַז דערמיט ענדיגט זיך שוין די גאַנצע וועלט! און עס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט בעווייזען פאַר עמיצען מיין געליעבטע כלה, מיין איך — מיין נייעס ווערק. וועמען זשע בעווייזט מען אַזאַ אבן־טוב, אַז ניט פאַר'ן זיידען? סטייטש איך האָב אַזאַ מבוא: סך־הכל איין האַלבע שעה פון אָדעס, און דאָרט זיצט דער זיידע מענדעלע — ווי זאָגט מען: אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל... נאָר וואָס דען? ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? טראָגען דעם ראָמאַן צום זיידען — צו אַ גרויס פעקעל. מטריח זיין דעם זיידען צו זיך — עפּיס נישט קיין דרך־ארץ. פאַלט אַ איד אויף אַ המצאה: זומער־לעבען, הייסע טעג, מע בעדאַרף פערבעטען צו זיך אויף דער דאַטשע דעם זיידען — געניסען לופט, זיך אָבבאָדען אין ים, און אַביסעל שמועסען. איז אָבער אַראָבברענגען דעם זיידען ניט אַזוי גרינג, מע בעדאַרף האָבען אַ שעת־הכושר. גאָט האָט מיר געהאָלפען, עס האָט זיך גע-

פונען א שעת-הכושר — אראבגעבראכט דעם זיידען. א גאסט אויף א גאנצען מעת-לעת.

די מצוה פון „הכנסת-אורחים" איז, נאך מיין נארישען שכל, מעהר לוקסוס ווי מצוה, און אויב עס וואלט מיר זיין ערלויבט צו רעדען נאך מעהר עפענטליך, וואלט איך זאגען, אז ניט דערמיט אליין איז אברהם אבינו געווען אזוי גרויס, וואס ער איז געווען א מכניס-אורח, ווארום וואס קאן זיין מעהר אנגענעהם ווי אויפנעמען געסט?

נאר אויב אויפנעמען געסט בכלל איז א פערגעניגען, איז האבען פאר א גאסט דעם זיידען רב מענדעלע — א יום-טוב. מענדעלע מוכר-ספרים אין א געזעלשאפט איז אזוי פיעל אריגינעל, אייגענארטיג, ווי מענדעלע מוכר-ספרים אין דער ליטעראטור, און אויב איהר ווילט, איז ער אין לעבען נאך מעהר בולט, ווי אין בוך. אין דער צייט ווען אז מיר בעגעגענען זיך מיט אנדערע שריפטשטעלער, טרעפט זיך אמאל, אז מיר האבען דערנאך חרטה, למאי מיר האבען זיי געזעהן אזוי נאהענט, איז דער זיידע מענדעלע פונקט דער היפך: ער איבערטרעפט אין א פערזענליכען בעגעגעניש אלסדינג, וואס איהר האט אייך פארגעשטעלט פריהער אין אייער פאנטאזיע. נאטירליך, ער איז ניט מיט הערנער — נאר איהר דערזעהט פאר זיך א פארשויך איין אויסערגעוועהנליכען. דאס איז ניט נאר א זקן שקנה' חכמה, דער אמת'ער טיפ פון דעם אידישען תלמיד-חכם; דאס איז א מענש, וואס איז פול מיט לעבען, מיט בעוועגונג, וואס דאס לעבען טריפט ביי איהם אין אלע אדערען, קוקט-ארויס פון דעם שארפען בליק פון די קלוגע אויגען, פון די טיעפע קנייטשען פון דעם הויכען שטערן, פונ'ם יונגען שמייכעל, וואס אויף די דינע ליפען, און איהר פרעגט זיך: „אט דאס איז מענדעלע מוכר-ספרים?"... ביי מעהר נאהענטע, אינטימע בעקאנטשאפט דערזעהט איהר פאר זיך א אידען א קינד, א זקן, א קונדס, וואס וועט אייך בעווייזען וואס הייסט מוסקולען, וואס הייסט נעהן גלייך ווי א סטרונע, וואס הייסט קאנען שפאנען, קאנען לויפען, קאנעז שפיעלען זיך מיט קינדער — און איהר וועט

פרעגען ביי זיך: „אט דאס איז א אידישער מחבר, וואס מע פייערט זיין פינף-און-זיבעציג-יאהריגען יובילעאום?" אין דער געזעלשאפט פון אזא גאסט הויבט איהר אליין אויך אן פיהלען זיך יונגער און פרישער און לעבעדיגער, און איהר פערגעסט מיט איהם, וואו די צייט קומט אהין, וואו דער טאג געהט אוועק.

נאר „שפיעל, זאגט מען, דעם חתן וויינענדיגס, ער האט זיך זיינס אין זינען". ווי גליקליך איך בין ניט געווען מיט'ן טייערען גאסט, ווי געשווינד די צייט איז נישט געלאפען, איז ביי מיין ראכאן נישט ארויס פון זינען אפילו אויף איין מינוט. נאר ווי טרעט מען צו צום עסק? ווי אזוי נעמט מען גלאט אט אזוי און מע טהוט א זאג: „זיידע, איך וועל אייך לייענען מיין ראכאן?" — האט אבער גאט געטהון א נס. דער זיידע אליין האט מיך א פרעג געגעבען, אויף דער נאכט איז דאס געווען, נאכ'ן עסען: „וואס הערט זיך? וואס שרייבט מען עפיס נייעס?" איך האב דערפיהלט, ווי דאס הארץ האט מיר אנגעהויבען קלאפען „טיק-טיק-טאק". דאנקען גאט, געקומען די מינוט. און איך האב מיך אנגעהאפט מיטביידע הענד, ארויסגעצויגען מיין ליעבלינג פון שופלאד, וואו ס'איז געלעגען צונויפגעקאטשעט, ווי א היילינע שריפט, איבערגעבונדען מיט א רויטען פאדעם-זייד — איך בין שוין גרייט געווען צוטרעטען צום עסק, שוין געוואלט אנהויבען לייענען, — אן מיר איז, הייסט עס, ניט געווען קיין שום מניעה, — האט מיך אבער דער זיידע אנגענומען ביי דער האנד: „איצט? ניין. איצט בעדארף מען געהן מקבל פנים זיין די לבנה, וואס געהט אויף פונ'ם ים".

שוין איז דער ים, אז ער צעשפיעלט זיך מיט אלע זיינע וועלען בייטאג אויף דער שיין פון דער גינגאלדענער זון. שוין איז ער ביי'ם אונטערגאנג פון דעם רויט-פייעריגען קוגעל, וואס לאזט זיך אראפ, פאלט אריין אין אפגרונד אריין, און אלץ ווערד ווי מיט פייער בעגאסען. אין א פורפור-מאנטעל ווערד איינגעוויקעלט דער עק הימעל, און א קיהלע שטילקייט לאזט זיך אראפ און געוועלטיגט און הערשט אויף דער ערד. טויזענד מאל שענער איז אבער דער ים ביינאכט, ווען עס שניידט זיך אויס און בעווייזט

זיך אויפ׳ן הימעל דאָס ווייסע בלאַט פון דער זילבערנע׳ר לבנה און בעווייסט, און בעזילבערט, און בעגיסט מיט ווייסען הן אין מיט זילבערנעם נאַכט-כשוף די שטילע וואַסערען פון בערוהיגטען ים, וואָס קוים-קוים וואָס ער ציטערט און שפּיעגעלט אָב אין זיך די אלפי אלפים ורבוא רבבות פינקעלדיגע שטערען. ניין, דער זיידע איז גערעכט. ניט איצט איז די צייט צו לייענען ראָמאַנען. עס גלוסט זיך אפילו ניט געהן אין שטוב אריין שלאָפען. איין עבירה, איין עבירה אַזאַ נאַכט! מיר פּיקט אָבער אין קאָפּ אַלץ דער ראָמאַן, אַלץ דער ראָמאַן! פון וואָס מע זאָל ניט רעדען, איך קום אויף מיינעם. איך וויל איהם חאָטש איבערגעבען די אידעע, איהם בעקענען מיט׳ן איגהאַלט. „צו וואָס? — זאָגט דער זיידע. — אותיות מחכימות. מאָרגען אין דער פרי׳ וועלען מיר זיך אוועקזעצען אינצווייען און איבערלייענען דעם ראָמאַן פון טאָוועל ביז טאָוועל״. אַך, ווי גיט! אַך, ווי גוט!

יענע נאַכט איז קיין שלאָף ניט געקומען אויף מיינע אויגען. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, וואָס וועט זיין, למשל, אַז איך וועל איהם שוין האָבען געהאַט איבערגעלייענט מיין ווערק אינגאַנצען? וואָס וועט זאָגען דער זיידע? „איך בין ענטציקט״? „איך בין נתפעל״? „איך בין איבערראַשט״? ניין. ער איז ניט אַזעלכער, וואָס זאָל זיך צעגיסען אין סענטימענטען, צוקערדיגע ווערטער („לאַקריץ״ הייסט דאָס אויף זיין לשון). עס וועט זיין גענוג פון זיין זייט, אַז ער וועט אַרויפלעגען אויף מיר זיין האַנד: „נו? יישר כח! שרייבט, שרייבט אַ סך אַזעלכע ווערק, און לאָז דער זיידע האָבען נחת פון זיין אייניקעל״...

און אפשר קאָן זיין, אַז ער וועט גאָר ניט זאָגען. לחלוטין גאָרנישט. ער וועט נישט האָבען קיין ווערטער. און דאָס שווייגען זיינס וועט זיין פאַר מיר אויך גאַנץ גענוג. אַ „זיידע״, וואָס דער „אייניקעל״ האָט איהם אַריבערגעיאָגט (איך בין זיך מודה, אַז דער געדאַנק איז אויך געוועזען), וואָס האָט ער צו זאָגען?... אַביסעל האָט מיר וועה געטהאָן דאָס האַרץ אויפ׳ן זיידען, וואָס איך האָב איהם אַריבערגעיאָגט. ער איז דאָך עפּיס נישט קיין מאַן-דהוא, עפּיס אַ מענדעלע מוכר-ספרים!

אַ קליינינקייט?! קומט אַ יונגעל, אַ שנעק, אַ שלום-עליכם, און שרייבט אָן אַ בוך, וואָס שטעלט אַוועג אַזאַ ריעז אויף אַ זייט, לאָזט איהם איבער הינטער זיך, — נעבאַך, נעבאַך!...

יענע נאַכט איז דער זיידע אויך ניט געשלאָפען, נאָר ניט איבער מיין ראָמאַן — איבער איין אַנדער מעשה: דאָס חדר, וואו מיר האָבען בעלעגט דעם גאַסט, איז געווען דאָס צווייטע פונ׳ם קינדער-צימער, האָט דאָס קינד (דאָס „קינד״ איז שוין איצטער אַ סטודענט) אַ גאַנצע נאַכט געשריען אויף צייהנדלעך, קיין אויג איהם נישט געלאָזט צומאַכען! — „וואָס איז דאָס ביי אייך דאָרט פאַר אַ מין שרייער? — האָט זיך דער זיידע פאַר אונז געקלאָגט אויף מאָרגען אין דער פריה. — און איך וואָלט וועלען וויסען, וואו נעמט זיך צו אַ קינד אַזוי פיעל כח, קיין עין-הרע ניט?״...

נאָך אַ ביסעל ווערטלען זיך איבער׳ן „שרייער״ און נאָך טיי טרינקען, האָט מיר דער זיידע אַ וואונק געגעבען:

— נו?...

פון אַלע „נו׳ען״ איז דאָס געווען דער סאַמע בעסטער, כאַמע זיסטער „נו״. אַ גן-עדן-באַלזאַם איז זיך צעגאַנגען אין אַלע מיינע גליעדער, און איך האָב גענומען דעם זיידען און האָב מיך בעזעצט מיט איהם ביי זיך אין קאַבינעט, צוגעמאַכט דאָס פענסטער, פערשלאָסען די טירען, אַרויסגעצויגען די הייליגע שריפט פון שופלאָד, אויפגעבונדען דעם רויטען פאַדעם-זייד און...

— איך וועל מיך אַוועגזעצען — זאָגט צו מיר דער זיידע — אָט דאָ ביים פענסטער אַקעגען אייך, און איהר זעצט אייך אַוועג אַהער צו מיין לינקען אויער, איך זאָל אייך קאָנען בעסער הערכען. נאָר פריער דערצעהלט מיר, וואָס האָט איהר געוואָלט?

וואָס איך האָב געוואָלט? — דאָס איז געווען פאַר מיר ווי אָבגעגאָסען מיט איין עמער וואַסער. וואָס איז שייך?...

— אַ שרייבער, אַז ער זעצט זיך אַוועג שרייבען אַ

בוך, — גיט מיר דער זיידע צו פארשטעהן — בעדארף זיך פריהער פרעגען: „וואס וויל איך?"

איך בין מיך מודה: פאר מיר איז דאס געווען דאס אמת'ע אמעריקע אויפגעדעקט. שוין א יאהר פינף אז איך שרייב, שוין אנגעשריבען, ברוך השם, אזוי פיעל זאכען, און נאך איין מאל ניט געפרעגט ביי זיך: וואס וויל איך? וואס קאן א שרייבער וועלען? א שרייבער וויל שרייבען, ווארום ער זאל ניט וועלען שרייבען, וואלט ער דאך קיין שרייבער ניט געווען... אויסגעדרעהט האב איך מיך פון זיינע הענד מיט א תירוץ, אז ווייל דאס, וואס איך וויל איהם לייענען, איז איין אלעגאריע, וואס טראגט אין זיך א פערבארגענעם געדאנק, וויל איך זעהן, צי וועט ער כאפען אליין דעם געדאנק, איידער איך וועל האבען געענדיגט דאס גאנצע ווערק. און איך האב גענומען לייענען, און עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז ניט איך לייען, נאר איין אנדערער לייענט. איך האב נישט דערקענט מיין קול — און דאס האט מיך געמאכט אויפגערעגט, נערוועז. נאר דאס אליין וואלט נאך געווען א האלבע צרה — האט זיך סאמע אין רעכטען פייער צעשריען מיין קדיש דער שרייער, כאטש טהו זיך אן א מעשה! אוי, וואלט איך איהם בעוויזען א שרייען! איך בין גרייט געווען אלע מינוט זיך אויפהויבען, אריינלויפען צום שרייער אין צימער אריין, איהם פערשטאפען דאס מויל מיט וואטע. האט מיך אבער דער זיידע נישט אבגעלאזט. ער האט מיך אנגענומען ביי א האנד, די אויגען האט ער געהאלטען צו — דאס איז א סימן, אז ער הערט מיט קאפ — און געהייסען מיר, איך זאל גארנישט קוקען אויף קיין זאך, איך זאל נאר לייענען.

וויפיעל איך האב אזוי געלייענט — ווייס איך ניט. אויפ'ן זייגער האב איך ניט געקוקט. איך האב געקוקט נאר אויפ'ן זיידען. געוואלט זעהן, ווי ווייט ער איז ענטציקט, איז אבער שווער געווען צו זעהן אויף זיין פנים, וואס ער טראכט. א מענש, אז ער זיצט מיט צוגעמאכטע אויגען, וועט איהר קיינמאל ניט טרעפען,

וואס ער טראכט. פלוצים עפענט ער אויף די אויגען, נעמט מיך אן ביי דער האנד, קוקט אויף מיר אריבער די ברילען מיט א שמייכעל אויף די ליפען און טהוט א מאן מיט דער האנד:

— הערט זשע, איך מוז אייך איבערשלאגען אין מיטען דער מעשה. ווי מיינט איהר, קאכט זיך שוין ביי אייך ווארמעס אין קיך?

— ווארמעס? געוויס. איהר זענט אפשר הינגעריג? וועל איך הייסען עפיס געבען.

— הונגעריג? חס ושלום! איך וויל נאר וויסען, אויב עס הייצט זיך דארט ביי אייך אין אויווען?

— געוויס הייצט זיך אין אויווען.

— אויב עס הייצט זיך, טא נעמט און ווארפט אריין, זייט מוחל, אט דאס גאנצע העפט אין אויווען אריין, און פערברענט דאס אויפ'ן פייער, ווארום דאס איז ניט אייער זשאנר. דאס איז... דאס איז — פע!!!

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

מיר האבען נאך דעם ניט איין מאל געזעהען זיך מיט'ן זיידען, אסך מאל גערעדט וועגען שרייבען, וועגען דעם, וועלכעס איז מיין זשאנר און וועלכעס איז ניט מיין זשאנר, — נאר וועגען יענער מעשה מיט'ן „פע" און מיט'ן „אויטא-דא-פע" האבען מיר קיינמאל, קיינמאל נישט גערעדט מעהר, קיינמאל נישט מזכיר געווען אפילו. און דעריבער איז מיר ניט אויסגעקומען עד היום הזה ארויסצוזאגען דעם זיידען זאל לעבען, וויפיעל איך בין איהם דאנקבאר! אך, וואלט מען בעדארפט האבען, עס זאל זיך אפט הייצען ביי אונז אין אויווען אין דער צייט, ווען מיר האלטען ביי'ם פערענדיגען א בוך, וואס אונז ווייזט זיך אויס, אז ס'איז אזוי גוט, וואס בעסער קאן שוין גארניט זיין...

נערווי (איטאליע), ז' חנוכה התרע"א. (1910)

ד״ר יוסף קלויזנער

ר׳ מענדעלע׳ס שיחות-חילון

דער מענדעלע שבעל-פה איז געווען עפעס מעהר פון דעם מענדעלע שבכתב. אין דער צייט, וואָס מענדעלע שבכתב איז געווען אַ שטאַרקער איבערקלייבער, געזעסען אויף יעדען וואָרט פיעל צייט, און אַרויסגעלאָזט פון זיין פעדער אין משך פון צענדליגער יאָהרען בלויז אייניגע בענדער, איז מענדעלע שבעל-פה געווען אַ מעין-המתגבר, אַ קוואַל, וואָס האָט גאָר נישט אויפגעהערט צו שטראָמען: עכטע חריפות, וואָס שלאָגט אַרויס פון די טיעפע-טעיפעניש[illegible], צעגיסט זיך און פערפלייצט, ווי די שטראָמען אין פריהלינגס-צייט, ווען די שנייען צעגייען. מענדעלע האָט זיך געפרעהט דעריבער מיט יעדען בעזוך: ער האָט דערביי געפונען אַן אָרט, אַרויסצולאָזען דעם צופלוס פון די געדאַנקען און געפילען. ער פלעגט רעדען גאַנצע שעה׳ן אָהן אַן הפסקה, נישט געבענדיג דערביי דעם צוהערער די מעגליכקייט אַרויסצוזאָגען אַ וואָרט, און מאַכען וואָסער ס׳איז בעמערקונג. זיין געשפרעך פלעגט שטייגען אויף בערג, אַראָבנידערען אין טאָלען, איבערגעהן פון איין ענין צום צווייטען – אָבער אַלץ האָט געהאַט אַ שייכות צום ענין. און אַ פנים האָט דאָס געהאַט, ווי אין זיינע ערצעהלונגען, ווען ער פערענדיגט יעדען אָבזאַץ מיט זיין בעוואוסטען פסוק:

„נישט דאָס בין איך אויסען״, — און דווקא דאָס איז ער דאָך אויסען געווען, און דאָס איז דאָך אפילו געווען די עיקר־כּוונה זיינע... אין זיינע ווערטער האָט שטענדיג געשטעקט עפּיס אַ שפּיצעל, עפּיס אַ בליץ־געדאַנק — נישט שטענדיג אַ ריכטיגער — אָבער דערפאַר ניי, צום בעוואונדערען, צוגעטראָפען, דורכדרינגענדיג און שטענדיג געטראָפען אין פּינטעל. רעדען פלעגט ער מיט די הענט און מיט די פּיס, מיט די אויגען און מיט די אַקסלען, דער עיקר — מיט דער נאָז. טיילמאָל פלעגען די בעוועגונגען זיינע און דאָס צוזינגען זאָגען אַ סך מעהר ווי די ווערטער, זיי פלעגען שטענדיג דערגענצען זיינע רייד, פלעגען מאַכען קלערער און בולטער זיין געדאַנק. דערפאַר איז אַזוי שווער איבערצוגעבען און איבערצודערצעהלען זיינע שיחות־חילון. ער פלעגט רעדען נאָר יודיש, אָדער ווי ער פלעגט עס אָנרופען: „יודיש־טייטש״, אָדער „פּראָסט־יודיש״. רוסיש פלעגט ער רעדען נאָר בשעת־הדחק — מיט נישט קיין יודען, אָדער מיט די יודישע „גואים״, העברעאיש האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט. נאָר אין זיין „פּראָסט־יודיש״ איז געווען אַ סך מעהר העברעאישעס, ווי אין עמיצענס העברעאיש. אין זיינעם אַ גאַנצען געשפּרעך פלעגט אַמאָל זיין נאָר דער יודישער זאַץ־בוי, דאָס גאַנצע געשפּרעך פלעגט זיך דרעהען אויף פּסוקים און גמרא־ווערטלעך. זעהר זעלטען פלעגט ער בענוצען אַן אייראָפּעאישען ליטעראַרישען אויסדרוק, דאָס רוב — אויף דייטש, דערפאַר פלעגט ער זעהר אָפט זיך בענוצען מיט כאַראַקטעריסטישע יודישע שפּריכווערטער און וויצען. דאָס געשפּרעך איז תמיד געווען פליסיג און גלאַטיק. אין דער צייט, וואָס אין זיין שרייבען פלעגט ער זיך אָבשטעלען אויף יעדעס וואָרט, זיך אַליין פרעגען: ווי אַזוי, וואָלט זיך אויסגעדריקט אַ קאַפּוליער יוד צוריק מיט פופציג יאָהר, ווען ער איז נאָך נישט געווען אונטער דער ווירקונג פון אַ פרעמדער שפּראַך (דאָס איז שרייבען יודיש)? אָדער: ווי אַזוי וואָלט אויסגעדריקט דעם דאָזיגען געדאַנק דער בעל־המשנה אָדער דער בעל המדרש (דאָס איז בעת׳ן שרייבען העברעאיש)? — איז בעת׳ן רעדען פלעגט ער זיך בענוצען מיט יעדען וואָרט און אויסדרוק, וואָס איז איהם

נאָר געלעגען אויף דער צונג, און נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער גאַנצקייט פון סגנון, דערלאַנגט אָפּט אַ געמיש פון לשונות, אויף אַזוי פיעל, אַז עס האָט זיך געשאַפען אַ מין מי־זעאום פון שפּראַכען; עס איז געווען זייער אנגענעהם צו הערען. דעריבער טאַקע קאָן מען בשום־אופן נישט איבערגעבען זיינע געשפּרעכען געטרוי, ווי ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט. מ׳קאָן נאָר איבערגעבען דעם אינהאַלט, דעם עיקר־געדאַנק — נישט מעהר.

דער אינהאַלט אַליין איז זעהר אינטערעסאַנט. און ווען אַלע זיינע מקורבים און בעקאַנטע זאָלען איבערגעבען אַלץ, וואָס זיי האָבען געהערט פון איהם מיט׳ן זעלבען לשון — וואָלטען מיר געהאַט אַ צווייטען מענדעלע, אַ נייעם מענדעלע און מיר וואָלטען געהאַט נאָך אַ דרייסיג בענדער.

פינף און צוואַנציג יאָהר האָב איך געקענט מענדעלען. מיט׳ן ערשטען העברעאישען מאמר מיינעם בין איך געקומען צו איהם הערען זיין מיינונג וועגען דער „פּרוכט פון מיין פען״.[x] געוועןן יאָהרען, וואָס איך בין געווען שטאַרק נאָהענט צו איהם, געוועןן אויך יאָהרען וואָס מיר האָבען זיך דערווייטערט איינער פון דעם אַנדערען צוליעב פערשיעדענע סבּות, נישט קיין פּערזענליכע. אין מיין זכּרון האָבען זיך פערהיט צענדליגער געשפּרעכען, וואָס איך האָב פון זיין מויל געהערט, צווישען זיי — גאַנצע דערצעהלונגען, וואָס אויב איך וואָלט נאָר געקאָנט איבערגעבען סטענאָגראַפיש, וואָלט אונזער ליטעראַטור דורך זיי שטאַרק בערייכערט געוואָרען. צו דעם צוועק וואָלט שוין נויטיג געווען אָנשרייבען אַ גאַנץ בוך. דאָס מאָל קום איך איבערגעבען וואָס ס׳איז מעגליך איבערצוגעבען אין אַ קורצען אַרטיקעל.

---

[x] מיין ערשטער מאמר, וואָס איך האָב געבראַכט צו מענדעלען, כּדי ער זאָל וועגען איהם אַרויסזאָגען זיין מיינונג, איז געווען „ציון למשורר יהודה גורדון״, וואָס איז געדרוקט געווען

אין זאמלבוך „השרון״ פון גרשום באדער (קראקא תרנ״ג) און דערנאָך ערשינען אין אַ באַזונדער בראָשור (אדעסא, תרנ״ד). אין דעם מאמר האָב איך געפּרובט דערווייזן, אַז גאָרדאָן איז געווען אַן אמתער חובב-ציון, ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר דער רעאַקציע, וואָס האָט זיך דעמאָלס געשטאַרקט ביי די חובבי-ציון, און דעריבער האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער איז אַ געגנער פון חיבת-ציון. — אין דער אמת׳ן איז ער נאָר געווען אַ געגנער פון דער רעאַקציע אין דער בעוועגונג. מענדעלע האָט איבערגעלעזן דעם מאמר. וואָס אַן אכצעניאָריגער בחור האָט אָנגעשריבען — ער איז שוין דאַן געווען אַ זעכציגער אָדער זיבעציגער — און אַרויסגעזאָגט פאַר מיר זיין מיינונג וועגן די חסרונות ערענסט, אָן וואָסער ס׳איז איראָניע. פּלוצלינג האָט ער איבערגעריסען זיין קריטיק און געזאָגט:

— דאָס זענען חסרונות פון אייער עלטער, עס וועט נישט העלפען קיין עצות און קיין רייד, נאָר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז וועלען זיי אויסגעבעסערט ווערען, מיט דער צייט. די דאָזיגע פעלערען זענען אַ נויטווענדיגקייט אין אייערע יאָהרען — וואָס-זשע וועט אַרויסקומען, אַז כ׳וועל אייך אָנווייזען אויף זיי?

ער האָט געפילט אַ יונג האַרץ. אין אָט דעם גרייז-גרויען זקן איז נאָך נישט אויסגעוועפּט געוואָרען דער ריח פון יוגענד. אָבער גלייכצייטיג איז שוין ביי איהם רייף געוואָרען די העכסטע קלוגשאַפט — דער פערשטאַנד, מיט וועלכען עס ווערען בעשאָנקען די עלטערע תלמידי-חכמים, וואָס דורך דעם „בליק אין דער אייביגקייט״ איז אַלץ ביי זיי פערשטענדליך און ס׳ווערט דורך זיי פערגעבען...

איך אָבער, זייענדיג יונג, האָב נישט געקענט אָבשאַצען די וויכטיגקייט פון זיינע ווערטער. דער עיקר איז מיר געגאַנגען — אין דעם געדאַנק, מיט וועלכען איך בין געווען פערנומען און וועלכער האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַזוי וויכטיג, גלייך ווי פון זיין אויפקלערען הענגט אָב, לכל-הפחות, די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער יודישער אומה. איך האָב זיך צו איהם געווענדט מיט דער פראַגע:

— כ׳וואָלט אַ בעלן געווען וויסען, צי בין איך גערעכט, און איז גאָרדאָן טאַקע געווען אַ חובב-ציון אָדער גערעכט איז ליליענבלום, אַז גאָרדאָן איז...

— הער-נאָר! — האָט מיר מענדעלע איבערגעשלאָגען די רייד — וואַרף אַוועק דעם פּילפּול!.. פאַראַן אויף דער וועלט צוויי סאָרטען יודען: פאַראַן „יהודים בלא חכמות״ און „יהודים בחכמות״ (מענדעלע׳ס אויסדרוק). דער „יהודי בלא חכמות״ קאָן נישט נישט-זיין קיין חובב-ציון: קאָן דען סתם אַ יוד, אַ יוד, וואָס פילאָזאָפירט נישט און חקרנ׳ט נישט, אַ יוד צו גאָט און צו לייטן, נישט האָפען אויף דער גאולה און שיבת-ציון?.. נאָר דער „יהודי בחכמות״ — סיי אַ פרומער דרעה-קאָפּ אָדער אַן אַסימילאַטאָר, וואָס האָט פערלוירען דעם באָדען — קאָן זיין אַ געגנער פון דעם גאולה-געדאַנק. ביי יודען איז אַ חובב-ציון יעדער איינער, וואָס איז לויט זיין נאַטור, אַ פשוטער חי וקים, אָן איבערשפיצלעך און אויבער-הסברות. דער אומגליק אָבער איז, וואָס אַפילו צווישען די חובבי-ציון האָבען זיך געמעהרט די פּילפּול-מענשען, זיי האָבען זיך אָנגעשמעקט מיט פרעמדע געדאַנקען, — און עס עקעלט דעריבער פונ׳ם פשוט׳ן יוד, פון זיי און נישט פון דעם חיבת-ציון...

אין אַלע אונזערע געשפּרעכען האָבען מיר בעריהרט דעם ציוניזם. אָט די געשפּרעכען האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַרום איין פונקט: דער ציוניזם איז זעהר אַ גוטע זאַך, נאָר די ציוניסטען מיט זייער פּאָליטיקע מאַכען קאַליע, מיט זייער קנאות און מיט זייער וואַרפען זיך אויף יעדען איינעם, וואָס איז נישט מסכים מיט זיי אַפילו נאָר טיילווייז. בעזונדער איז מענדעלע געווען שטאַרק אויפגערעגט אויף די שרייבער און ציוניסטישע טהוער, וואָס זענען אַרויסגעטרעטען געגען דער השכלה-עפּאָכע. ער פלעגט זיך אויפרעגען, וואָס די ציוניסטען ווילען נישט פערשטעהן, אַז נאָר די משכילים האָבען אויסגעטראָטען דעם וועג פאַר דעם נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, און ווען נישט די משכילים וואָלטען נאָך יודען זיך געוואַלגערט

אין די שמוציגע געסלעך מיט זייערע משונה'דיגע מאַניערען, וואָס האָט נישט צו טהון מיט'ן לעבען און מיט'ן גייסט פון דער צייט — און ממילא אויך מיט אַ פּאָליטישען געדאַנק, ווי דער ציוניזם איז. אין דעם פאַל האָט מענדעלע'ן לחלוטין אויסגעפעלט אָט די „העכסטע חכמה", וועגען וועלכער איך האָב פריהער דערמאָנט. ער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, אַז אַ נאַציאָנאַלע ב ע ו ו ע ג ו נ ג קאָן נישט עקזיסטירען אָהן פּאָליטיק, אָהן קנאות און אָהן עקסטרעמקייטען. און ער, אַלס אַן אַלטער תלמיד-חכם, איז שוין געווען דאָ צופיל מיושבדיג...

זיין אמת'ע בעציאונג צום ציוניזם איז אַנטפּלעקט געוואָרען אַמאָל פאַר מיר, גאַנץ צופעליג:

אין יאָהר תרס"ט האָבען ביאַליק און ראַווניצקי געמאַכט אַ רייזע קיין ארץ-ישראל. זיי האָבען פון דאָרט צוגעשיקט דעם „זיידען" אַ קאַרטעל, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעמאָלט אַ גרופּע אָרימע תימנער, אויסגעמאַטערטע, אָבגעריסענע-אָבגעשליסענע — פון אונטען איז געווען אונטערגעשריבען (ווי איך געדענק): „נאָך אַ קאַפּיטעל צו פישקע דעם קרומען". איך בין גראַדע געווען ביי מענדעלען, ווען דאָס קאַרטעל איז אָנגעקומען. מענדעלע האָט אַ וואָרף געטון אַן אויג אויפן קאַרטל און איז געוואָרען מלא כעס:

— אָ ט ד אָ ס שיקען זיי מיר פון ארץ-ישראל? — האָט ער געשריגען פון כעס, טייטלענדיג מיטן פינגער אויפ'ן קאַרטעל: — עס פעלען מיר קבצנים אין גלות? זיי מיינען אין אמת'ן אַז איך האָב שטאַרק הנאה צו מאָלען קבצנים? — די אָרימקייט איז באַדנלאָזיגקייט און לופט-מענטש, — און לופט-מענטש און באַדנלאָזיגקייט איז אַ פּראָדוקט פון גלות. אָרימקייט און גלות — איז איינס און דאָס זעלבע. די טאָרבע — איז גלות. כ'האָב אַלע מיינע יאָהרען פיינט געהאַט די יודישע טאָרבע, דעריבער האָב איך זי אַזוי שרעקלעך אָבגעמאָהלט. ווייזט אויס, אַז ביאַליק מיט ראַווניצקין האָבען ש ל ו ם - י ע ק ב ן מיט ש ל ו ם - ע ל י כ מ ע ן פערטוישט. בשעת שלום-עליכם בעשטימט עפּיס קאָמישעס, לאַכט ער אַליין פון גאַנצען הארצען.

און איך — מיר טוט וועה דערביי דאָס הארץ. אַז דו זאָגסט אַרויס עפּיס אַ גלייכווערטעל, לאַכט אַן אַנדערער, נישט דו. און איך — איך וויין, נישט איך לאַך. נישט צום לאַכען האָב איך געשריבען „פישקע דער קרומער"! אין ארץ-ישראל וויל איך זעהן נישט קיין אָרימע לייט, נישט קיין באָדענלאָזע, נישט קיין לופט-מענשען, נאָר דעם היפוך דערפון. אונזער גאַנצער אומגליק און דער גאַנצער גלות איז דאָך — וואָס אונזער רוחניות און באָדנלאָזיקייט האָבען אויפגעגעסען דעם גאַנצען מ ע מ ד אונזערען — און מיר זענען געבליבען אָהן אַ מעמד, אָהן אַ באָדען. מ'דאַרף זיך אַביסעל מאַטעריאַליזירען, זיך אַביסעל בעהעפטען צו דער ערד און ווערען פשוטער, און אַז איהר ווילט — אַפילו מגושמדיגער. נישט גראָב, נאָר מגושמדיג. פאַרהאַן אַן אונטערשיד צווישען די צוויי בעגריפען (דאָ האָט ער איבערגעריסען און זיך אַריינגעלאָזט אין אַ טיעפער, אינהאַלטרייכער חקירה וועגען דעם אונטערשיד אין די דאָזיגע בעגריפען). אָט די מגושמדיקייט וויל איך זעהן אין ארץ-ישראל. און עס איז שוין דאָרט געוויס דאָ אַזוינס. עס זענען דאָך דאָרט געוויס פאַרהאַן פויערן און אַרבייטער. מעהר אָדער ווייניגער. און אָט נעמען זיי און שיקען מיר גאָר פון דאָרטען אָרימעלייט — גלייך ווי עס פעהלען מיר אַרויס אָרימעלייט דאָ, אין גלות!

און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט איז ער געווען אַ געגנער פון א ח ד - ה ע ם, בעת דער גרויסער פּאָלעמיק פון אחד-העם מיט ה ע ר צ ל און נ אָ ר ד ו י. ער האָט געהאַלטען פון אחד-העמען און איינצייטיג געווען זיינער אַ שאַרפער געגנער:

— אחד-העמען וואָלט איך אויפגעהאָנגען און טאַקע באַלד וואָלט איך געהאַלטען נאָך איהם אַ גאַנץ פיינעם הספד — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט — אַ „מרכז רוחני" דאַרף ער? עס פעהלט דעם יודען רוחניות? — אַ ביסעל גשמיות פעהלט איהם, לעבענס-פרייד פעהלט איהם, ליעבע צו אַרבייט פעהלט איהם, נישט קיין רוחניות. דער פּאָליטישער ציוניזם פון הערצל און נאָרדוי וועט אויך אַ האָר נישט פערקלענערען די גייסטיג-

קייט פון פאָלק ישראל: פערציג טויזענד פערד-קראַפט וועט נישט געלינגען צו ריהרען דעם יידען פון זיין תורה, מאָראַל און אַלטען קולטור-אוצר! וואָס עס פעלט דעם פאָלק ישראל איז — ערד אונטער זיינע פיס, און פּאָליטישע רעכט אויף דער דאָזיגער ערד, און אַ ווירטשאַפטליך און פּאָליטיש לעבען ווי אַלע פעלקער אויף דער ערד — און וואָס וועט געבען דער קאַמף פון אחד-העמען מיטן פּאָליטישען ציוניזם?

אין דעם גאַנצען ענין איז מענדעלע געווען אַ גרויסער פשטן און ער האָט נישט בעמערקט די קיום-געזעהענע כחות, וואָס האָבען געווירקט אינ'ם „קולטור-קאַמף" אין יענער צייט.

איינמאָל האָט ער צו מיר אַזוי געזאָגט:

—מ'רעדט וועגן „אַ גייסטיגען צענטער". פאַר אחד-העמ'ען איז דאָס נישט מעהר ווי אַן אַלגעמיינער, אַבסטראַקטער געדאַנק. ווי מיין שטייגער איז, פערקערפער איך אויך אָט דעם דאָזיגען בעגריף. איך שטעל מיר פאָר דעם „גייסטיגען צענטער" אין אַזאַ מין פערקערפערונג: אין איינער פון די שענסטע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל וועלען מיר זיך בעזעצען, מיר אַלע, יודישע שרייבער, די בויער פון יודענטום און די, וואָס שטעהען אויף דער וואַך פון יודישען גייסט. דאָרט וועלען מיר בויען הייזער: מיר וועלען גרינדען אַ שרייבער-קאָלאָניע. דאָרט וועט איינגעאָרדענט ווערען אַ דרוקעריי, עס וועט געגרינדעט ווערען אַן אַקאַדעמיע צו פאָרשען די העברעאישע שפּראַך, דער „השלוח" וועט דאָרט דערשיינען, און אויך אַ טאָג-צייטונג, אַ גרויסע פּובליציסטיש-ליטעראַרישע מיט וועכענטליכע וויסענשאַפטליכע ביילאַגעס, וועט דאָרט ערשיינען, מען וועט דאָרט אויפשטעלען אַ פאָלקס-הויז מיט אַ פאָלקס-אוניווערזיטעט, און די יודישע שרייבער און געלערענטע וועלען דאָרט וואוינען במנוחה און וועלען וועבען דאָרט דעם גייסטיגען געוועב פון פאָלק-ישראל מיט אַלע תגין און פיטשעווקעס. דאָס וועט זיין אַן אמת'ער „גייסטיגער צענטער", און פון איהם וועט אַרויסגעהן די תורה און ליכט פאַר'ן גאַנצען פאָלק-ישראל!

מיט אַזאַ מין „פערקערפערונג" האָט ער זיך אויך בע-

צויגען צו דער בעדייטונג פון רעליגיעזע מנהגים אין לעבען פון פאָלק.

— אחד העם וויל בעפעסטיגען די עקזיסטענץ פון אונזער אומה נישט דורך רעליגיע און טראַדיציעס, נאָר דורך נאַציאָנ׳לער מאָראַל, און דובנאָוו רעכענט צו שטאַרקען די אומה דורך שטודיעס פון אונזער געשיכטע. איצט בעטראַכט זשע נאָר אַליין: פסח וועט מען קיין „סדר" נישט פּראַווען, מצות און מרור וועט מען נישט עסען, מ'וועט נאָר אַוועקלעגען אויפ'ן טיש ברויט מיט פּוטער און מען וועט איבערלייענען דעם קאַפּיטעל פון יציאת-מצרים אין דובנאָווס געשיכטע — און מיט דעם אַליין וועלען מיר שוין זיין יודען! ניין און ניין! עס איז אַ ליגען! ווען מען פרעגט ביי מיר: וואָס איז וויכטיגער פאַר דער עקזיסטענץ פון יודענטום: די מגילה אָדער המן-טאַשען? — וואָלט איך געזאָגט: די המן-טאַשען. „אכול את המגילה הזאת" — האָט געזאָגט דער נביא: אַז דו עסט המן-טאַשען, שלינגסטו איין אומבאַוואוסט און נעגען דיין ווילען — סיי די מגילה סיי די יודישע געשיכטע. און אַ גוי, אַז ער לייענט די מגילה — און דעם חומש שמות (וועגען יציאת-מצרים), און אַז ער קען אפילו די יודישע געשיכטע ווי אַ דייטשער פּראָפעסאָר, ווערט ער נאָך אַלץ קיין יוד נישט.

מענדעלע האָט שטאַרק געגלויבט אין דער וויכטיגקייט און אין דער ווירקונג פון דער ליטעראַטור. איינמאָל האָט ער גערעדט וועגען די יודישע שרייבער, בעמערקט אַז זיי גלויבען נישט אין זיך, און לסוף האָט ער מיט אויפרעגונג און ציטער געזאָגט:

— הער, קלויזנער! מיר זענען דער האמער און דאָס פאָלק — די קאָוואַדלע: לאָמיר קלאַפּען ביז דאָס פאָלק וועט זיך אויפכאַפּען!

און צוליעב אָט דעם גלויבען האָט ער זיך מיט אַ נישט-פערגלייכלעכען ערנסט בעצויגען צו זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט.

ער פלעגט שטענדיג זאָגן: „אַ ווערק דאַרף מען פיילען און פיילען". „מ'דאַרף אויסקוועטשען דאָס וואַסער פון יעדער שאַפונג, און אויב נישט — איז עס אָנגעבלאָזען און וואַסערדיג".

— צו זיין אַ שרייבער דאַרף מען זיין פריהער פאַר אַלץ אַ גזלן. דער שרייבער האָט אָנגעשריבען, לויט זיין מיינונג, שעהנע זאַכען, נאָר וואָס זענען נישט נויטיג צום עצם ענין, טוט עס איהם באַנג. אוי, אַ שאָד אויסצומעקען: עס איז דאָך אַזוי שעהן! — און איך זאָג צו איהם: „האָב קיין רחמנות נישט!" — מען מוז זיין אַן אכזר — און אויסמעקען! אויסמעקען אָהן רחמנות די אַלע צאַצקילעך און חנ'דעלעך און די שעהנע מליצות וואָס זענען נישט קיין נויטווענדיגקייט פאַר דעם ווערק. נאָר דאָס נויטיגסטע דאַרף מען איבערלאָזען — און דאָס איבעריגע דאַרף מען בעהאַלטען, אויף וויפיעל דאָס האַרץ טוט וועה דערויף. נאָר אַזאַ מין אכזריות מאַכט דעם שרייבער, ער זאָל ווערט זיין צו טראָגען דעם נאָמען שרייבער!

— דער אומגליק פון אונזערע שרייבער איז — וואָס זיי קאָנען נישט געהן מיט'ן גלייכען וועג. אַ יוד דאַרף פאָהרען קיין בערדיטשעוו, פלוצלינג טרעפט ער אַ פור, וואָס פאָהרט קיין זשיטאָמיר. כאָטש ער דאַרף גאָר אין זשיטאָמיר נישט האָבען און ער האָט נישט וואָס צו פאָהרען אַהין. עס פאָהרט דאָך אָבער אַהין אַ פור, פאָהרט ער זיך מיט אַהין... נעמט די ווערק פון אונזערע בעסערע שרייבער און איר וועט דאָרט טרעפען אַזאַ מין אָבקערען פונ'ם גלייכען וועג, וואָס פערדאַרבט אין זייערע ווערק דאָס גאַנצע גוטע אין זיי. ר'א הכהן צווייפעל האָט נאָר אַ דאַנק דעם נישט פערנומען קיין חשוב'ן אָרט אין אונזער ליטעראַטור, וואָס ער וואָלט געקאָנט פערנעמען, וואָס ער האָט געלאָזט דאָס טייג אויפגעהען איבער דער מאָס, און עס איז געוואָרען נישטיג, שיטער און כרופקע. דאָס זעלבע איז מיט די ערצעהלונגען פון סמאָלענסקינ'ען, איך האָב זיי ממש נישט געקאָנט לייענען. און אפילו ביי די בעסטע פון די נייע שרייבער אונזערע איז פאַרהאַן אָט דער חסרון אין אַ גרויסער מאָס.

— אוי, ווי אַ מענטש דאַרף זיך היטען! — האָט ער צו מיר איינמאָל אויסגערופען, אָנווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז פאַר איהם געלעגען: — נעכטען האָב איך אָנגעשריבען אַ גאַנץ קאַפּיטעל וועגען דעם מיידעל ביילע („ווינשפינגערעל") איך שטעה היינט אויף און לייען איבער דאָס קאַפּיטעל נאָכאַמאָל — און אָט די ביילע האָט גאָר אַ באָרד! וועמענס באָרד? — אַבראַמאָוויטשעס באָרד!... כ'האָב דעמאָלט אויסגעמעקט דעם גאַנצען קאַפּיטעל, פון אָנהויב ביז'ן סוף, און איך האָב בעשאַפען אַן אַנדער ביילע, אַ יודענע אָן אַ סימן פון אַ באָרד...

די קלענסטע קריטיק פון אַ זייטיגען האָט מענדעלע נישט געקאָנט פערטראָגען: ער איז געווען געוואוינט אין די לעצטע טעג צו הערען נאָר לויב-געזאַנגען און שבחים, אָהן אַ מאָס. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט זיין זעלבסט-קריטיק, וואָס איך האָב אַזוינס גאָר נישט געזעהן ביי קיין שרייבער. עס זענען געווען טעג, ווען אין אַ דריי-פיר שעה פלעגט ער אָנשרייבען זעקס-זיבען שורות נישט מעהר, און דערנאָך פלעגט ער עס אויסמעקען — און אָנהויבען פון אָנהויב אָן. ער פלעגט זוכען וואָס מעהר נאַטירליכקייט און פשטות. עס קאָן זיין אַז ביאַליק שטעהט העכער מיט זיין רייכען העברעאישען סיגנון; אָבער צו מענדעלע'ס פשטות אין העברעאיש איז נישטאָ קיין גלייכען אין דער ליטעראַטור. שפיציגע איינפאַלען און חריפותן זענען אַן אָפטע ערשיינונג אין זיינע שריפטען, אָבער ס'איז נאָר דאָרטען, וואו ער פילאָזאָפירט, אָדער ער ווערט אַ פרעדיגער און חוזק-מאַכער; דאָרט אָבער וואו ער מאָלט — דאָרט איז ער אַ וואונדערבאַרער פשטן אין זיין סגנון און שפּראַך, גלייך ווי די נאַטור אַליין וואָלט גערעדט פון זיין מויל.

ער פלעגט אָפט שמועסען מיט מיר וועגען דער שפּראַכען-פראַגע. ער, דער ענטדעקער פון דעם נייעם העברעאישען סגנון, וואָס האָט אין זיין יוגענד בעשאַפען אהן אַ שיעור גייע ווערטער פאַר זיין „תולדות הטבע" (נעמען פון פויגל:

עפרוני, גדרון, חרטומן, זנבנוע א. א.) אין אויף דער עלטער — אין אלע זיינע העברעאישע ערצעהלונגען (גפרור, שלגית, חזרזר, אורמנית, צו-קרב א. א.), איז געווען א שטארקער געגנער פון בן-יהודה און זיינע חברים פאר זייערע חידושים אין דער העברעאישער שפראך. ער האָט ארויסגעשטעלט צוויי טענות געגען זיי: א) די ניי-געשאפענע העברעאישע ווערטער זענען נישט אין גייסט פון דער שפראך; ב) זיי זוכען נישט נאָך אין דער אלטער העברעאישער ליטעראטור איידער זיי נעמען זיך שאפען א ניי וואָרט. די נייע ווערטער אפילו, וואָס זענען שוין לאנג אָנגענומען געוואָרען אין דער העברעאישער ליטעראטור, האָט ער נישט געקאָנט פערטראָגען: ער האָט בשום-אופן נישט געוואָלט זיך בענוצען מיטן וואָרט „שעון" (זייגער), נאָר דוקא מיטן אלטען וואָרט „אורלוגין", און דאָס גלייכען. ער האָט זיך מודה געווען אויף זיינע „שפראך-וועהען" און פלעגט זיך בעריהמען אפילו.

— די העברעאישע מאמע אונזערע איז אן אביונטע — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט — נאָר איך כאפ אָן די מאמע פארן פארטוך און זאָג איר: „כ'וועל דיך נישט אָבלאָזען ביז דו וועסט מיר נישט געבען אלץ, וואָס איך דארף!" — און זי גיט מיר! זי גיט מיר מיט גוואלד! איך טרעט נישט אָב פון איהר ביז זי שטעלט מיר נישט צו אלץ, וואָס איך געפין אין אן אנדער שפראך! געווען א מעשה, איך האָב געדארפט דאָס וואָרט אין העברעאיש „קרעלען", „פאטשערקעס". גיה, געפין דאָס וואָרט אין דער אלטער שפראך! — איך האָב נישט אָבגעטראָטען פון שרייב-טיש, ביז איך האָב געפונען. איך האָב איבערגעריסען דעם שרייבען אויף א גאנצע וואָך, נאָר געזוכט אין אלע ווינקלען פון דער ליטעראטור — און איך האָב געפונען דאָס דאָזיקע וואָרט אין גמרא: „זגוגיתא". ווען איך וואָלט דאָס וואָרט נישט געפונען, וואָלט איך ווייטער נישט געשריבען.

איהר רעכענט אודאי — האָט ער מיר געזאָגט אַ צווייטען מאָל, — אז די שוועריקייט פון שרייבען העברעאיש איז אין אויספעהלען ווערטער? — די שוועריקייט איז גאָר פון אן אנדער

מין. די שוועריקייט איז — זיך צו בעפרייען פון אויסדרוקען, וואָס זענען נישט העברעאיש. אָט, למשל, דער בעוואוסטער אויסדרוק: „ער איז מיט מיר א קנעפעל". עס איז דען שווער איבערצוזעצען עס מיט העברעאישע ווערטער? — אָבער, אז איך וועל שרייבען: „הוא עמי כפטור' — וועט עס זיין א „מגלה טמירין"-שפראך. דארף מען, נאטירליך, זוכען און געפינען א פאסיגען אויסוועג אין דער אלטער ליטעראטור אָדער אפילו — אין דער נייער. אויף דעם אָרט שרייב איך: „הוא לי רביעי — בחמישי" — איז דאָס איינצייטיג אי א יודישער בעגריף אי א עכט העברעאישער.

ביאליק האָט אָנגעהויבען איבערזעצען פאר'ן „הדור" מענדעלעס „פישקע דער קרומער". ביאליקס סיגנון אין העברעאיש איז געווען רייך — און פונדעסטוועגען איז דער אלטער נישט איבעריג געווען צופרידען. כ'האָב געפרעגט: פאר-וואָס?" —

— די „כלה איז צו שעהן" — האָט ער מיר געענטפערט — ביאליק ווייסט נישט דעם סוד-הצמצום. זיין סטיל איז צו רייך, זיין שפראך האָט א מענגע אויסדריקען, ווערטער — און „עס איז דאָ א רייכקייט, וואָס איז אן אומגליק פאר זיין בעזיצער. דער איבערזעצונג פעהלט פשטות און צמצום — כ'וועל מוזען אליין זיך נעמען צו דער איבערזעצונג".

און ער האָט טאקע אזוי געטהון.

פון דעם ביאליק-ראווניצקיס „ספר-האגדה" איז ער געווען נישט שטארק צופרידען:

— פאראן א קצו, וואָס איז בעסער, ווען עס שמעקט איבער א ביסעל. די אגדה, איהר גאנצער פראכט איז — איהר אלטערטימליכקייט, איהרע ווילדקייטען, דער געמיש פון סטילען — העברעאישע און אראמישע. וואָס האָבען געטהון ביאליק און ראווניצקי? — זיי האָבען פון איהר אראָבגעצויגען דעם אלטערטימליכען שלייער, זיי האָבען זי „פעריונגט", צוגעפאסט צום גייסט פון דער צייט, זיי האָבען די אראמישע

אויסדריקען איבערגעזעצט אויף העברעאיש. דאָס איז אַ מעלה — אָבער פאַר עם-הארצות. די ליבהאָבער פון אַלטערטימליכקייטען ערגערן זיך שרעקליך, ווען מען נעמט אַראָב פון אַן אַלטען חפץ די סימנים פון אַלטקייט — דעם זשאַוור אַפילו — און מע פרישט אים אָב. מ׳דאַרף אים לאָזען זיין כ אַ ר אַ ק ט ע ר — די אַלטערטימליכקייט. און ד אָ ס איז נישטאָ אין דעם „ספר האגדה״.

ב י אַ ל י ק ס דערצעהלונג „אריה בעל-גוף״, וואָס איז געדרוקט געווען אין „השלוח״ האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. איך בין געקומען אַ בעגייסטערטער צו מענדעלען. ער אָבער האָט נישט געוואָלט מיטפיהלען מיין התלהבות. ער איז געבליבען קאַלט, געקרומט מיט דער נאָז, ווי דער שטייגער איז ביי אים געווען, ווען עפּעס אַ זאַך האָט ביי איהם נישט נושא-חן געווען. איך האָב אים געפרעגט, וואָס איז די סיבה.

— ביאַליק האָט ווידער פאַרגעסען דעם „סוד פון צמצום״. עס איז דאָך נישט מער ווי אַן „אריה״, נישט מער ווי אַ „בעל-גוף״ — ווי לאַנג קרענקט ער, אויב איך וואָלט איהם אָוועקגעגעבען דריי ביכער „השלוח״ („אריה בעל-גוף״ האָט זיך געדרוקט אין „השלוח״ אין דריי המשכים). איך וואָלט אים „געצויגען״ אויף דריי זייטלעך — און גענוג!

דערפאַר האָט ער געהאַט התפעלות פון ב י אַ ל י ק ס ערצעהלונג „מאחורי-הגדר״:

— עס האָט זיך מיט מיר געטראָפען בלעם׳ס מעשה: כ׳האָב געוואָלט שעלטען און געמוזט בענטשען. די ערשטע זייטלעך פון „מאחורי הגדר״ האָבען ביי מיר אויסגעוויזען, אַז די ערצעהלונג איז געשטראָפט מיט בערעדעוודיגקייט און חכמה׳נען זיך, נאָר וואָס מעהר איך האָב געלעזען אַלץ מער האָט מיר דערלאַנגט דער ריח פון פעלד. אויף דער דערצעהלונג מאַך איך אַ ברכה: „בורא מיני בשמים״.

אַ שטאַרקען איינדרוק האָט אויף מענדעלען געמאַכט ביאַליק׳ס ליד: „ידעתי, בליל הערפל״. דאָס איז געווען באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין 1905, וואָס האָבען אים שטאַרק ערשיטערט:

— „און זי דרייט זיך דאָך!״ — האָט צו מיר מענדעלע געזאָגט. איך האָב נישט געוואוסט אַקעגען וואָס ער זאָגט עס. אַלס תשובה אויף דער פראַגע, וואָס האָט זיך בעוויזען אויף מיין פנים, האָט ער באַלד צוגעגעבען: — אַט זענען געווען שרעקליכע פּאָגראָמען, מאָרד, רויב, געשענדעטע פרויען, צעריסענע ביכער און נאָך אַזעלכע שרעקליכע מעשים. וואו איז דער פּראָגרעס? — ווילדע חיות זענען די מענטשען געווען צוריק מיט דריי טויזענד יאָר, און ווילדע חיות זענען זיי פערבליבען אויך איצט. אַזוי זאָגט מען. ניין! פאַראַן דאָך אַן אונטערשיעד. דו געדענקסט דעם „על נהרות בבל״? — „וואויל איז דעם, וואָס וועט דיינע עופהלעך נעמען און אָנם פעלז זיי צעשמעטערן!״ — איהר שטעלט זיך פאָר די עצה-טובה פון אַ דעם משורר? — מע בעהמט אַ קינד, אַן עופהלע, מע רייסט עס אָב פון דער מוטער׳ס ברוסט, מע נעמט עס אָן פאַר די קליינע צאַפּלענדיגע פיסלעך און מען האַקט מיט׳ן ווייכן מוח׳ל אין אַ האַרטען שטיין ביז מען צעפּלעצט דאָס קעפּל און שטראָמען בלוט, אויסגעמישט מיט מאַרך, רינען און גיסען זיך ווי וואסער... און דערויף האָט מתפּלל געווען איינער פון די בעסטע און גרעסטע אין דער אומה, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם נאַציאָנאַלן וועהטאָג, דעם צער און גרויסען צאָרן אויף דעם חורבן פון לאַנד און בית-המקדש... ביאַליק איז אויך פול מיט צאָרן, ער דורשט אויך נאָך נקמה פון די פיינד און פערשוועכער פון זיין נאַציאָנאַלען כבוד. ער אָבער לעבט נישט מיט צוויי טויזענד פיער הונדערט יאָהר צוריק, נאָר אין היינטיגע צייטען. דעריבער קאָן ער ב ש ו ם - א ו פ ן קיין עצה נישט געבען, מ׳זאָל די פיינד טהון מדה כנגד מדה, מען זאָל אויך זייערע קינדער עפּענען די בייכער... און אין זיין ליעד „ידעתי בליל הערפל״, אַז ער דערגייט צום העכסטען פונקט פון צאָרן און נקמה-דורשט, רייסט ער איבער זיין ליעד און ענדיקט נישט: „און גאָט פון נקמה, מיט אַ פערוואונדעטע האַרץ וועט אויפשטעהען און וועט ברילן — און וועט אַרויסגעהן מיט זיין גרויסען שווערד״... מעהר קאָן ע ר נישט זאָגען, ווייל סוף-כל-סוף לעבט

ער מיט צוויי טויזענד פיער הונדערט יאָהר נאָך דעם פערפאַסער פון דעם „על-נהרות-בבל"... עס איז פאָרט דאָ פראָגרעס!.. די ערד דרעהט זיך דאָך און שטעהט נישט אויף איין אָרט. און דאָס איז אונזער האָפנונג. און דאָס איז אונזער טרייסט אין דעם גרויסען צער פון די שחיטות, הריגות און רדיפות. עס זאָל זיין ליכט — אַ סוף צו דער פינסטערניש. עס איז נישט מעגליך עס זאָל קיין סוף נישט נעמען!..

און ס'איז געווען, ווי די שלאַנקע אויסגעצויגענע פיגור פון דעם אַכציג-יעריגען זקן וואָלט זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען און וואָלט אין דער רגע ביז אונטער די הימלען דערלאַנגען...

די גוטע באַציאונג פון מענדעלע'ן צו ביאַליק'ן האָט מיך נישט געוואונדערט: געווען איז צווישען זיי אַן אינערליכע נאָענטקייט. טיילמאָל האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ביאַליק איז נישט מעהר ווי אַ יונגער מענדעלע, און מענדעלע איז נישט מעהר ווי אַ ביאַליק, וועמען עס איז בעשערט געווען געבוירן צו ווערען מיט פופציג יאָהר צוריק... זייער פאָזיטיוו-נעגאַטיווע בעציאונג צום גלות, זייער צוגעבונדענקייט צו דער ערד, זייער קאָנסערוואַטיזם בנוגע צו דער העברעאישער שפּראַך מיט די אַלע נייע ווערטער, וואָס מ'האָט מחדש געווען, דאָס איבערגעגעבענקייט צו אונזער אַלטער ליטעראַטור, די ליבע צו ארץ-ישראל אינאיינעם מיט'ן גרויסען פּחד פאַר דער איבערשאַצונג פון די ווערטען און פאַר דאָס אָבלייקענען פון דעם גלות — דאָס אַלץ האָבען מענדעלע'ן מיט ביאַליק'ן גייסטיג געמאַכט זעהר נאָהענט אויף אַזאַ אופן, אַז בעוואוסט און אומבעוואוסט האָט זיך איינער געפונען שטענדיג אונטער דער ווירקונג פונ'ם צווייטען. אָבער וואָס עס האָט מיך געוואונדערט איז — די אַבסאָלוט-פּאָזיטיווע בעציאונג, וואַרימע, ממש הארציגע בעציאונג פון מענדעלע'ן צו טשערניכאָווסקי'ן און פון טשערניכאָווסקי'ן צו מענדעלע'ן. מענדעלע, דער „יוד שביוד" האָט שטאַרק ליעב געהאַט טשערניכאָווסקי'ן, — אַט דעם אַמשטאַרקסטען עלעגיסט צווישען יודען. און טשערניכאָווסקי, וואָס זיין וועלט

איז געווען זעהר ווייט פון מענדעלעס וועלט, האָט שטאַרק געשעצט די ווערק פון דעם זיידען פיעל מער ווי אַנדערע שאַפונגען פון דער יודישער ליטעראַטור. „איך קען נישט דאָס לעבען, וואָס מענדעלע שילדערט — האָט מיר טשערניכאָווסקי געזאָגט — אָבער איך פיהל, אַז אין זיי איז דאָ דערווירקליכער אמת". אין זיינע „אידיליעס" געפינט זיך טשערניכאָווסקי אונטער דער השפעה פון מענדעלעס סטיל און ליטעראַרישע פאָרמען, און ער ווידמעט דעם זיידען זיין ליד „קסמי-יער" — אפשר דאָס בעסטע פון זיינע נאַטור-לידער. און וועגען די בעציאונגען צווישען מענדעלען און טשערניכאָווסקין ווייס איך עטליכע פאַקטען:

בעת עטליכע טשערניכאָווסקיס ערשטע לידער זענען שוין געווען געדרוקט, און ער איז געווען נאָך ווייניג בעוואוסט, בין איך געקומען צו מענדעלען מיט טשערניכאָווסקין. איך האָב איהם איינגערעדט, ער זאָל ווייזען מענדעלען אייניגע פון זיינע לידער (טשערניכאָווסקי פלעגט נישט בעזוכען די בעוואוסטע שרייבער, און זיינע לידער פלעגט ער ווייזען נאָר אַ צוויי-דריי פון זיינע פריינד: ער פלעגט דאָס רוב שרייבען נאָר פאַר זיך). מענדעלע האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט אַ ליד, געמאַכט עטליכע שנעלע בעמערקונגען, ביים לעצטען פערז האָט ער זיך עקשנותדיג פערהאַלטען: „אַזוי קאָן מען נישט זאָגען". עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מלחמה מיט פסוקים: טשערניכאָווסקי ברענגט אַ ראיה פון איין פסוק, אַז מ'קאָן אַזוי יאָ זאָגען. און מענדעלע ענטפערט איהם אָפּ און ברענגט אַ ראיה פון אַ צווייטען פסוק, אַז מ'טאָר אַזוי נישט זאָגען. צום סוף, ווען די פסוקים האָבען זיך אויסגעלאָזען, האָט מענדעלע אַ זאָג געטהון קאַטעגאָריש און אַ ביסעל ברוגז:

— ניין! אַזוי שרייבט מען נישט!

פלוצלינג האָט זיך טשערניכאָווסקי אויפגעהויבען, — טשערניכאָווסקי דער בעשיידענער, נאָכגעביקער און דעמאָלט נאָך גאָר יונגער — און אויפ'ן קול קאַטעגאָריש געזאָגט:

— איך שרייב יאָ אַזוי! — ער האָט אַקצענטירט שטאַרק דעם „איך" און מיט'ן פינגער געוויזען אויף זיך.

איך בין צוטומעלט געוואָרען. כ׳האָב זיך נישט געגלויבט אויף טשערניכאָווסקין. מענדעלען האָב איך געקענט פאַר אַ קפדן און צייטנווייז אַ האַרטען מענש. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט אָנשרייען אויף טשערניכאָווסקין, וועט איהם אַזוי אָנזידלען, אַז ער וועט זיך שוין מעהר נישט קאָנען ווייזען פאַר איהם.

צו מיין פערוואונדערונג האָט דער אַלטער אבגעשוויגען און דעם געשפּרעך אַריבערגעפיהרט אויף אַן אַנדער זאַך.

אויף מאָרגען, אַז איך בין געקומען צו מענדעלען, אָהן טשערניכאָווסקין, זענען די ערשטע ווערטער פונ׳ם אַלטען געווען:

— ווען אַנ׳אַנדערער וואָלט געהאַט די העזה צו זאָגען „איך“ מיט אַזאַ תקיפות, וואָלט איך איהם אַראָפּגעוואָרפען פון אַלע טרעפּ. ער אָבער מעג. ער האָט אין זיך עפּעס פון אַ גדול: בעשיידענקייט, עניוות אַ גאַנץ יאָהר, און שטאַרקען מוטה און תקיפות — אין אויסערגעוועהנליכע פאַלען. אַ זעלכע מעגען אַלץ!

דאָס איז געווען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק און אפשר נאָך מעהר, נאָך איידער עס איז ערשינען טשערניכאָווסקיס ערשטע ליעדער-זאַמלונג!

דערזעלבער מענדעלע, אַז ער האָט אין שניאור׳ס אַ ליעד געפונען אַנ׳אויסדרוק, וואָס פּאַסט זיך נישט צו אַ פסוק פון יחזקאל, און שניאור האָט איהם אָפּגעענטפערט: „וואָס געהט מיך אָן יחזקאל?“ — האָט ער אויסגעשריען צו שניאור׳ן: „אַרויס פון מיין שטוב!“ — —

און נאָך אַ מעשה, פון שפּעטער מיט אַ צעהן יאָהר. צוליעב די פּאָגראָמען אין אָדעס איז מענדעלע אַנטלאָפען קיין זשענעוועוו, וואו ס׳האָט דאַן געוואוינט דער שריפטשטעלער בן-עמי. איך האָב געוואוינט דעמאָלט אין לאָזאַנא, וואו טשערניכאָווסקי האָט געלערנט מעדעצין. איין מאָל זענען מיר אין דרייען, מענדעלע, בן-עמי און איך, געפאָהרען קיין בערן אויף אַ ליטעראַרישען אָוועגד לכבוד מענדעלע. דעמאָלט זענען ערשינען מיט אַ מאָל די דריי העפטען פונ׳ם פינפצעהנטען באַנד „השלח“, וואו עס זענען געווען געדרוקט „הבריכה“ און „מגלת-אש“ פון ביאַליק

און אויך אַ ליעד פון טשערניכאָווסקין, „כחום היום“. דער זיידע האָט אָנגעהויבען:

— כ׳האָב זיך היינט געבאָדען אין דער סאַזשעלקע („הבריכה“), דאָס וואַסער האָט מיך ממש דערקוויקט. מחיה-נפשות!

בן-עמי האָט איהם אונטערגעהאַלטען און גענומען לויבען און ריהמען די „הבריכה“ און אויך „מגלת-אש“, וואָס איז, אַפּנים, מענדעלען נישט אין גאַנצען פערשטענדליך געווען. מענדעלע האָט זיך אויסגעדרייט פון צו רעדען וועגען דעם אַ וואָרט. דערפאַר אָבער האָט מענדעלע גענומען זאָגען שבחים דעם ליעד „כחום-היום“. בן-עמי איז געוואָרען אין כעס: בשעת מיר האָבען פאַר זיך אַזעלכע פּערעל ווי „הבריכה“ און „מגילת-אש“ — ווי קאָן מען גאָר רעדען וועגען „כחום-היום“? — דער זיידע האָט זיך אויסגעצויגען אין זיין גאַנצער גרויס און געזאָגט:

— בערוהיג זיך נאָר! אויך אינ׳ם גן-עדן פון טשערניכאָווסקין גייט זיך אַרום גאָט „לרוח היום“!

ס׳איז געווען עפּעס געמיינזאַמעס און אַ גייסטיגע קרבה-שאַפט צווישען דעם „יוד שביוד“ און צווישען דעם יודישען „גריך“. נישט אומזיסט האָט איינער אַ יודישער קריטיקער (י. א. לובעצקי) מענדעלען אָנגערופען „סקולפּטאָר“. די פּלאַסטיק פערנעמט אַנ׳אָרט אין די בעוועגונגען פון מענדעלעס העלדען נישט ווייניגער, ווי אין די בעשרייבונגען פון טשערניכאָווסקין. דער נאַטור-ליעדער גלייכען זיך (אין גייסטיגען ווערט) דער עלטסטער פון אונזערע דערצעהלער און דער יונגסטער פון אונזערע פּאָעטען. דאָס האָב איך געפיהלט נישט נאָר אין מענדעלעס ווערק, נאָר אויך אין די צוויי שמועסען, וואָס מענדעלע האָט געפיהרט אין בערן און אין זשענעווע, ווען ער האָט געוואוינט אין דער שווייץ, נאָך די פּאָגראָמען פון 1905. —

ס׳איז געווען אַן אָווענד, אויף וועלכען איך מיט בן-עמין, האָבען געהאַלטען פּאָרטראַגען וועגען מענדעלע׳ן אַלס קינסטלער, און מענדעלע אַליין האָט פאָרגעלעזען אַ קאַפּיטעל פון „דער

קליאַטשע״ מיט גרויס ערפאָלג (זיין אינטאָנאַציע, זיין אופן פון דעקלאַמירען און זיינע בעוועגונגען זענען געווען אונפערגלייכליך, זייער אייגענאַרטיג!) דערנאָך איז מענדעלע מיט מיר געגאַנגען שפאַצירען הינטערען שטאָדט. עס איז שוין געווען שפעט. אַרום און אַרום פינסטער. נאָר איינצעלנע שטערען האָבען געוואונקען מיט זייערע בלויע אויגען. פלוצלינג איז מענדעלע געבליבען שטעהען אין מיטן דער פינסטערניש. פאַר אונז איז געשטאַנען אַ הויכער דעמב, אַ דיקער, אַ שטאַרק בעצווייגטער, וואָס איז געשטאַנען איינזאַם אויף דעם פוסטען שטח, אין דער געדיכטער פינסטערניש... מענדעלע איז צוגעגאַנגען נאָהענט צום דעמב, איהם אַרומגענומען מיט זיינע אָרעמס און געזאָגט מיט אַ ציטער:

— ווייסט איהר וועמען איך בין מקנא? — אָט דעם דעמב. פאַרוואָס? ער איז אַזוי שטאַרק און הויך. — ווייל ער איז איינזאַם, אַליין, לעבט פאַר זיך און שעפט פון זיך נחת, אָהן אַ וואַלד, אָהן „קהל״, אָהן „חברות״, אָהן פאָליטיקע. און אַ נסתר איז ער — שטיל און איינזאַם וואַקסט ער. און אין דער פינסטער. אָט אַזוי ווערען טאַלאַנטען רייף, אַזוי ווערען שטאַרק און קרעפטיג די הויכע גייסטער און נשמות. די ביהן פערקלעפט מיט וואַקס די גלעזערנע ביהנענשטאָקען, וועלכע מ׳האָט פאַר איהר געמאַכט, כדי עס זאָל מעגליך זיין צוקוקען זיך צו איהר אַרבייט, ווי זי אַרבייט אויס דעם האָניג. נאָר אין אַ ענגען צימער, ווייט פון דער ברייטער טומעלדיגער וועלט, ווערט געשאַפען דאָס פונדאַמענטאַלע ווערק, און עס קרעפטיגט זיך דער פעסטער כאַראַקטער — „דער מענש איז אַ בוים אין פעלד״ און „געגליכען איז ער צו די בהמות״...

אין אַ צייט אַרום בין איך געקומען פון לאָזאַנאַ קיין זשענעווע, אויף פסח צו בן-עמין. נאָכ׳ן דאַווענען, אין ערשטען טאָג פסח, בין איך אַריינגעגאַנגען צו מענדעלען. צו מיין פערוואונדערונג האָט ער מיך, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, בעגעגענט זעהר קאַלט. איך האָב איהם בעטראַכט — ער איז געווען שטאַרק ברוגז. איך האָב שוין לאַנג

געוואוסט, אַז מענדעלע איז בעזונדערס אָריגינעל און אינטערעסאַנט, ווען ער איז אין כעס. ער האָט באַלד אָנגעהויבען רעדען — און זיך געבייזערט:

— אוי די מענשען! לא-די וואָס זיי פערדאַרבען זיך און איינער דעם אנדערען: נעמען זיי זיך צו פערדאַרבען אויך די חיות און בהמות! געדענקט איהר די גמרא אין קידושין: „כ׳האָב אין מיין לעבען נישט געזעהען אַ הערש אַ פירות-זאַמלער, אַ לייב אַ טרעגער, און אַ פוקס אַ „געוועלבניק״, אין עוואַנגעליום שטעהט געשריבען: „דאָס קאָרנבלומעל שפינט נישט, וועבט נישט און געהט אַרויס אָנגעטהון אין קליידער, וואָס אפילו שלמה המלך אין זיין צייט האָט זיי נישט געטראָגען״. אַלע גאָטס-בעשעפענישען שטעהען העכער פון דעם מענשען, — סיי די חיות, סיי די בהמות און סיי די פויגלען געפינען זיך אַליין זייער נאַהרונג, און זיי דאַרפען צו קיינעם נישט אָנקומען. נאָר דער מענש מוז אָנקומען צו אַ מתנת-יד פון אַ צווייטען מענשען. קבצנות — איז די אייגענשאַפט פון דעם מענשען, וואָס האָט אָבגעקעהרט פון דעם גלייכען וועג אויף דער ערד. דעם מענשען איז אָבער ווינציג, וואָס ער האָט פערדאַרבט זיין מין און די מענשען געמאַכט פאַר קבצנים און שנאָרערס, ער האָט דאָס זעלבע געטהון מיט די חיות און עופות. אָט בין איך היינט געגאַנגען שפאַצירען איבער די גאַסען פון זשענעווע און בין דורכגעגאַנגען דורך דער בעוואוסטער „שוואַנען-אָזערע״. די איינוואוינער פון זשענעווע האָדעווען דאָרט, צוליעב זייער אייגענעם פערגעניגען, קליינע שוואַנען. וואָס זשע טהוען די דאָזיגע מענשען? — זיי זענען בעלי-צדקה׳ס, און זיי קומען מיט זעמעל אין די הענט און וואַרפען ברעקליך אין וואַסער — און די שוואַנען כאַפען און שלינגען די ברעקלעך. זיי האָבען אַזוי צוגעוועהנט די שוואַנען צו בעקומען נדבות, איך האָב אַליין געזעהען, ווי די שוואַנען ציהען זיך אויס אויף זייערע פיס און שטעלען אָן זייערע שנאָבלען, קוקען אַרויס אויף דער מתנה פון אַ בשר-ודם... דאָס גאַנצע בלוט האָט אין

מיר אויפגעקאָכט: פויגלען-קבצנים! שוואַגען שנאָרערס! ווי' חייט עס דערגעהען די פערדאָרבענע מדות פון דעם מענשען! עס איז איצט ממש אַ דור-המבול, ווען „יעטוועדער לייב האָט פערדאָרבען זיין וועג אויף דער ערד" — און חיות און עופות אויך אינ'ם כלל!...

איך האָב געהערט די רייד, געזעהען דעם כעס — און האָב אָנגעהויבען פערשטעהען דאָס געמיינזאַמע פון מענדעלען און טשערניכאָווסקין. נישט אומזיסט האָט דער גרויסער דיכטער געווידמעט דעם גרויסען דערצעהלער זיין ליעד „קסמי־יער". ווער ווייסט, צי איז נישט מענדעלע אַט דער „האַר פון וואַלד"... — — —

אין העברעאיש — י. פ.

ראובן בריינין

מענדעלע אין זיין רעדען

...ווען איך האָב קענען געלערענט מענדעלע מוכר-ספרים, האָט ער מיך איבעראַשט מיט דעם אופן פון זיין רעדען און שמועסען. די תורה שבעל-פה פון מענדעלע האָט געהאַט אַ קולטור-ווערט. זי האָט געקענט געבען דעם צוהערער אַ שליסעל צו זיין גייסטיגען מעכאַניזם. דער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהערט מענדעל'ן רעדענדיג, קאָכענדיג, זידענדיג, קאָן ניט האָבען קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג פון איהם, ווען ער זאָל אפילו דורכלעזען אַלע זיינע שריפטען.

מענדעלע האָט גערעדט, דערצעהלט, געשמועסט מיט חשק, מיט געשמאַק. דאָס רעדען איז געווען אַ טייל פון זיין גייסטיג לעבען, און אַ חשוב'ער טייל. די געוואוינהייט פיעל צו רעדען איז ביי איהם געווען אויך אַ פילאָזאָפישע באַדערפעניש, די נויטיגקייט צו אויסלאָדען, צו עקספלאָדירען. ער האָט געהאַט אַ סקאָרבאָווען נוסח צו רעדען. איהר האָט אין זיין רעדען געהערט דעם אָפּקלאַנג פון אַ גאַנצער עפּאָכע. ער האָט געלעגט געוויכט, אַקצענט אויף יעדער פראַזע, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, געשטעלט דעם טראָפּ אויף יעדען וואָרט. עס איז געווען די שיחות-חולין פון אַ תלמוד-חכם, וואָס צריכין לימוד.

זיין געשפּרעך (ווען ער האָט אַפילו גערעדט וועגן ליטעראַטור אָדער יודישע פּראָבלעמען) האָט ניט געשפּרודעלט, ניט געבליצט, איז ניט געווען ספּאָנטאַן און ניט פּאַראַדאָקסאַל. עס האָט אָבער געהאַט אַ שווערן געוויכט. זיין געשפּרעך איז ניט געווען אַ מאָמענטאַלער איינפאַל, אַ פּלוצלינגדיגע אויפקלערונג. אַלעס, וואָס ער פלעגט אַרויסזאָגען איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער, רייפער, אינערליכער אַרבייט, נאָכדענקען און איבערלייגען. און דערום פלעגט ער ,זיך איבער'חזר'ען . זיין געשפּרעך האָט געהאַט עטוואָס סטערעאָטיפּישעס. מיט די זעלבע ווערטער, כמעט אות באות, פלעגט ער זיין אורטייל אַרויסזאָגען אין פאַרשידענע צייטען, ביי פערשיידענע אַנגעלעגענהייטען, ווי ער וואָלט דאָס איינמאָל פאַר אַלע מאָל איינגשטודירט. אויסגעלערנט בעל-פּה.

דער אימפּרעסיאָניזים איז איהם געווען פאַרהאַסט אין דער ליטעראַטור און אין רעדען. אויספיהרליך, גרינטליך פלעגט ער יעדע זאַך דערצעהלען אָדער שילדערן. ניט רייך אין צאָהל און ניט פיעל-פאַרביג זענען געווען זיינע איבערלעבונגען, אָבער טיעף איינגעוואָרצעלט אין איהם און גענעהרט מיט אַלע גייסטיגע זאַפטען פון זיין וועזען.

ווען איך האָב קענען געלערנט מענדעלי מוכר-ספרים, איז ער אַלט געווען זיבעציג יאָהר. ער איז נאָך פול געווען מיט יוגענטליכער קראַפט, און זיין טעמפּעראַמענט איז נאָך געווען היציג און ברויזענדיג. דאָך איז זיין אינערליכע וועלט געווען אָבגעשלאָסן, אָבגעצירקעלט און אָבגעגרעניצט. אַלעס אין איהם איז געווען אויסקריסטאַליזירט. אויסערע איינדרוקען, נייערע גייסטיגע, ליטעראַרישע שטרעמונגען, האָבען אויף איהם קיין שליטה ניט געהאַט. קיין אָפּקלאַנג אין איהם ניט געפונען. ער איז שוין געווען אין דער בחינה פון אַ פּוסק אחרון.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט געשאַפען דעם טיפּ פון מענדעלע מוכר-ספרים, און דער געשאַף האָט באַאיינפלוסט דעם שעפער. עס האָט גערעדט מענדעלע דער פּקח. דעם יוד-שביוד-מענדעלע האָט גערעדט מיט דעם לשון פון תחינות. פון

צאינה וראינה, געמישט מיט פיעל כאַראַקטעריסטישע העבראַאישע ווערטער און מיט דייטשע ווערטער און אויסדרוקען, וואָס ער האָט זיי געברויכט אויף אַ בעזונדערען, משונה'דיגען אופן. מעגליך, דאָס נאָר אין זיינע געשפּרעכען מיט מיר האָט ער געברויכט פיעל דייטשע ווערטער און דייטשע פּסוקים.

די גערעדטע ווערטער פון מענדעלע, זיין גאַנצער „פּאָרטראַג״, האָט געהאַט קלאַנג און געזאַנג. עס פלעגט מאַנכמאָל מאַכען דעם איינדרוק, ווי ער איז מעביר די סדרה. עס פלעגט זיך הערען אויך דער אָבקלאַנג פונ'ם גמרא-ניגון, אָדער דער געזאַנג-מאָטיוו פון געוויסע פּיוטים-געזאַנגען. זיין וואָרט פלעגט בעגלייט ווערען פון אַ רייכער מימיק. די נאָז און דאָס לינקע אויג האָבען אין דער מימיק גענומען דעם לעבעדיגסטען אַנטייל. די אינטעריעקציאָנען, די אויסרוף-ווערטער, ווי: נו! נו? עט! פּע! און ד. גל. האָבען פיעל בעדייטעט, בעזונדערס בעדייטעט, אין זיין געשפּרעך.

ער האָט געברויכט אין יעדען געשפּרעך ציטאַטען פון תלמוד, מדרש, אגדה און ד. גל. די מאמרי חז״ל האָט ער אַזוי איינגעטייטשט און אויסגעטייטשט, דאָס זיי האָבען זיך פולשטענדיג צוגעפּאַסט צום ענין פון זיין געשפּרעך.

ניט קוקענדיג, וואָס מענדעלע האָט אין אַלעס געזוכט און אויך געפונען דעם פּראָסטען פשט, פלעגט ער דאָך ליעב האָבען אַריינברענגען אין זיינע געשפּרעכען אַביסעל דרוש און פלפול. אין גרויסען וואָרט-קינסטלער האָט געלעבט אויך, אין אַ ווינקעל פון זיין נשמה, דער בעל-דרשן.

קיין געשפּרעך איז ביי איהם ניט געווען אָהן עפּעס אַ מעשה פון די „אַלטע גוטע צייטען״, אָהן אַ פאָלקס-ווערטעל און אָהן אַ בילד.

און אַלעס, וואָס מענדעלע פלעגט דערצעהלען, האָט פולשטענדיג געשטימט און האַרמאָניזירט מיט זיין גאַנצען וועזען. איבער אַלעס האָט ער געאורטיילט פון זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט, אין איינקלאַנג מיט זיין אינערליכער וועלט.

זיין געשפּרעך האָט עדות געזאָגט אויף אַ געזונטען מענשען-

פערשטאנד. אויף א קלאָרער לאָגיק, און צוגלייך אויף זיין קענטניש פון דער פאָלקס-נשמה.

די פאָלקס-נשמה אליין האָט פון איהם אַרויסגערעדט, ווען אפילו אין דעם לשון פון א תלמיד-חכם.

1927

ז. שניאור

פון דעם „זיידענס״ קוואַל*)

אָנשטאָט א הקדמה

פאַר מיינע אויגען שטייט עד היום, ווי לעבעדיג, דעם זיידענס כאראַקטער-קאָפּ מיט דער זילבערנער גריווע האָר, וועלכע שטעלט איהם אוועק אין איין פרעכטיגער שורה מיט: הוגאָ, איבסען, לאָנגפעלאָוו, טאָלסטאָי, טורגעניעוו, ביערנסאָן און זייער גלייכען.

איך זעה נאָך זיינע בעוועגליכע, פלאַסטישע קנייטשען איבער זיין ראָזיגען, פרישען געזיכט, זיין הויכען שטערן, זיין שמייכעלע, זיין קוק איבער די שפּאַקולען, די מינעס און גרי-מאַסען, וועלכע געהען איבער זיין ריהרעוודיגען שפּיץ נאָז, וואָס איז געווען פעהיג אויף צעהן פערענדערונגען אין איין מינוט. זיינע שטאַרע פּאָזעס, ווען ער האָט געזוכט נאָך א פּאַסענדיג וואָרט, נאָך א פּאַסענדיג בילד. און דערביי — דער ליידענ-

*) „פון דעם „זיידענס״ קוואל״ איז דורך ז. שניאור אנגעשריבען אין יאהר 1922 און ערשיענען אין בערלין אין „כלל-פערלאג״ (1922) 64 ז. מיר גיבען דא די זכרונות מיט אייניגע קיצורים. רעד.

שאַפּטליכער אויסדרוק אין די ווינקלען פון זיין מויל, דער בלאַנדזשענדער פייער אין זיינע קליינע שוואַרצע אויגען — איינגעראַמט אין שמייכעלדיגע קנייטשעלעך... דאָס איז ביי איהם שטענדיג געווען די ליידענשאַפט פון אַ געניאַלען סקולפּטאָר, וועלכער שטעהט מיט האַמער און דלאָטע פאַר אַ ווילדען בלאָק מאַרמאָר, מיט דעם שטאַרקסטען ווילען אַרויסצוהאַקען פון פאַר־שטיינערטען שטיק כאַאָס אַ נייע פאָרם, אַרויסצושיילען פון׳ם ווייסען און האַרטען תהו־ובהו אַ נייעם בילדליכען קערן...

אַ שאָד, וואָס אַלע זיינע נאָהענטע איילען זיך נישט צו פערצייכענען יעדען געדאַנק, יעדען אַפאָריזם, וואָס זיי האָבען געהערט פון׳ם זיידען׳ אַליין, פון אַנדערע, וואָס האָבען געלעבט מיט איהם צוזאַמען אָדער אין זיין סביבה. דאָס איז ביז אַהער געטהון געוואָרען נאָר אויפ׳ן שפּיץ מעסער. וואָלטען זיך אַלע זיינע מקורבים דערצו גענומען, וואָלטען מיר אפשר געהאַט נאָך שעהנע עטליכע געקליבענע בענד, אַ צוגאָב צו מענדעלע׳ס שריפטען; נישט וועניגער אינטערעסאַנטע, ווי די, וועלכע דער זיידע האָט מיט זיין אייגענער פעדער געשאַפען.

אָבער נישט אַלץ, ווייט נישט אַלץ, האָבען זיינע נאָהענטע פריינד בעהאַלטען אין זכרון! אַ סך, דאָס בעסטע פון׳ם זיידען, איז פערלוירען געגאַנגען, אויף אייביג פערלוירען.

אַ קעלבערנער און אַ מענשישער טאַלאַנט.

איינמאָל האָט אַ בעקאַנטער שריפטשטעלער געריהמט פאַר מענדעלע׳ן אַ נייעם יודישען שרייבער, וואָס לויט זיין מיינונג איז ער אַרויס אין דער ליטעראַטור אַ פאַרטיגער, אַ קיילעכיגער און שפּיציגער. מענדעלע האָט געמאַכט אַ מינע און געזאָגט:

—כ׳ווייס נישט. איך גלויב קיינמאָל נישט, אַז פון אַזעלכע „פאַרטיגע״ וועט עפּעס גרויסעס אַרויסוואַקסען. דאָס זענען תמיד קעלבערנע טאַלאַנטען. אַ קעלבעל שטעלט זיך גלייך אויף די

פיס, אינ׳ם זעלבען טאָג, ווען עס ווערט געבוירען... אַ מענש מוז אַרומקריכען חדשים לאַנג אויף אַלע פיער. פאַלען איבער די אייגענע פיס מוז ער... און טהוט ער זיך אָן אַ כח און שטעלט זיך אַוועק — שאָקעלט ער זיך אַ ווייַלע און האָך! אַנידערגעפאַלען... שרייט. און ב׳יז וואַנען אַ מענשישער וועזען לערענט זיך אויס געהען, דערנאָך לויפען, דערנאָך טאַנצען... אָה! יאָהרען געהען אַריבער! — פונקט דאָס זעלבע פאַסירט און מוז פאַסירען מיט אַנ׳אמת׳ען מיט „אַ מענשישען טאַלאַנט״...

קום, קליינער!

— אָפטמאָל, ווען איך זיץ און שרייב — האָט מיר איינמאָל מענדעלע דערצעהלט — ווען איך זיץ און שרייב און זוך אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, וואָס זאָל קורץ און שאַרף אַרומ־כאַפּען דאָס, וואָס איך וויל זאָגען, קומען צוגעהן אַ סך, אַ סך ווערטער, אַ סך, אַ סך אויסדריקען, סינאָנימען... און שטעלען זיך אויס אַנטקעגען מיר אין איין שערענגע.

עס שטעלען זיך אויס זאַטע, מיט זיך צופריעדענע ווערטער; רויע, גראָבע אָהן מאַנירען; שטיפערישע ווערטער, שקצים... רייך־בעפּוצטע, אָנגעפאַרבטע; שטאָלצע, יחוס׳דיגע, מיט אַלטע שטאַם־צעטלען אין די הענד; ווערטער ציגיינער, ווערטער מלכים... יעדער פון זיי וויל זיך מיר אַרויסווייזען פון דער שעהנסטער זייט. אַנדערע שמייכלען, אַנדערע בעטלען, אַנדערע, גיבען אָב טשעסט: „ראַד סטאַראַטסיאַ, מענדעלע!״ די יחוס׳דיגע, די זאַטע, די רייכע צעזעצען זיך בהרחבה, ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען: „מענדעלע, אָהן מיר קענסטו נישט אויסקומען!.. מענדעלע, אַז דו וועסט זיין מיט זיבען קעפּ, וועסטו זיך פון מיר נישט אַרויסדרייען!.. מענדעלע, כ׳קען רוהיג שלאָפען. אַז דו וועסט דאַרפען, וועסטו מוחל זיין, מיך אויפוועקען!״..

נאָר ערגיץ וואו הינטער דער פאַרביגער ראָטע, פאַרקוועטשט

הינטער די בייכיגע און רייכע ווערטער, שטעהט זיך, נעבעך א פערשעהמט ווערטעלע, א בעשיידענע, א קליינס, א צאַרטס, א ציטערדיגס. עס פיהלט זיך שלעכט צווישען אזא'ן עולם מיט גבירים. דאָס פינגערצל אין מיילעכעל... טרעהרען שטעהען איהם אין די אויגען.

דערזעה איך עס — לאָז איין שטעהן אלע זיינע קאָנקורענטען און גיב איהם א וואונק מיט איין אויג און מיט איין פינגער:

—א, קום נאָר אהער, קליינינקער! שעהם זיך נישט, נעהענטער, נעהענטער. אָט אזוי! נאָר דיך, טייערינקער, דאַרף איך האָבען. נאָר דיך!

זעליג דער קורצער און אלטער דער הויכער.

מענדעלע, אלס אן אמת'ער מייסטער מיט א שטאַרקען זעלבסטבעוואוסטזיין, האָט בטבע נישט געקענט איבערטראָגען די קריטיק פון אונזערע גריבלענדיגע, קרענקליכע נאַטורען, וואָס רק זיי קראַצען און רק זיי זוכען; קייען שטענדיג שאָלעכץ, און דאָס געזונדטע, קערניגע זעהען זיי איבערהויפט נישט.

צו אזעלכענע איז ער געוועזן זעהר האַרט, אָפטמאָל — אן אכזר.

דאַרף זיך איינמאָל אָפּזוכען א יוד פייטעלזאָן פון יעקאַטערינאָסלאַוו, וועלכער איז בעקאַנט געוואָרען אין דער העברעאישער ליטעראַטור מיט זיינע קריטישע, מ'שטיינס געזאָגט, אַרטיקלען וועגען יונגען דור שרייבער. א קרענקליכע פערזאָן איז עס געוועזן, מיט גריבלענדיגע נייגונגען. קורצזיכטיג און איינגעבויגען. פערקאַטשעט איינמאָל אָט דער זעלבער פייטעלזאָן די אַרבעל און שרייבט אָן ערגיץ וואו אן אַרטיקעל וועגען זיידענס ווערק.

קיינער פון מענדעלע'ס געטרייע לעזער האָבען דעם אַרטיקעל ערענסט נישט בעטראַכט. א סך האָבען איהם גאָרנישט בעמערקט. דעם זיידען האָט דאָס אָבער פערדראָסען. קומט אמאָל דער פערפאַסער פונ'ם דאָזיגען אַרטיקעל קיין אָדעס און פרעגט זיך נאָך דעם זיידענס אַדרעס. זאָגט מען פייטעלזאָנען: „געהט נישט! דער זיידע איז ברוגז"... מאַכט פייטעלזאָן: „ס'טייטש! פאַרוואָס ברוגז? אדרבא. ער האָט דאָס דאָך מחמת ליעבע געשריבען... די „קריטיק" קאָן זיך ערלויבען... אדרבא". זאָגט מען איהם נאָך אמאָל: „געהט נישט!" בלייבט עס דערביי.

אָבער מיט א פאָר טעג שפעטער זיצט דער פערשטאָרבענער שריפטשטעלער לעווינסקי און נאָך עטליכע ליטעראַטען ביים זיידען. מ'ראָגט מען אַריין א וויזיט-קאַרטע: פייטעלזאָן. גיט דער זיידע א ציה מיט דער נאָז און א פרעג פערוואונדערט: „וועלכער פייטעלזאָן, א שטייגער?" מאַכען צו איהם די געסט: „אפנים, דער ק ר י ט י ק ע ר פייטעלזאָן". קוקען זיך איבער. געהט צו איהם מענדעלע אַרויס אין פאָדער-צימער. קוקט איהם אָן פון אויבען אַראָב און פון אונטען אַרויף. א נידעריגער, א ביסעל דערשלאָגענער מענש איז פאַר איהם געשטאַנען: פייטעלזאָן. מענדעלע אַנטקעגען איהם א ריז מיט ברייטע פלייצעס, אַלט און שטאַרק ווי א דעמב.

— איהר ווייסט! — מאַכט צו איהם מענדעלע אָהן איבעריגע הקדמות — ביי אונז אמאָל אין קאַפוליע איז געוועזען א בעדער, זעליג דער קורצער האָט ער געהייסען, קורץ ווי א דייזשקע אויף קרומע פיסלעך. און א גביר אין שטעדטעל האָבען מיר געהאַט: עוג מלך הבשן! אַלטער דער הויכער האָט ער געהייסען. ערב יום-טוב פלעגט אַלטער דער הויכער קומען אין דער קאַפוליער באָד אַריין און זעליג דער קורצער פלעגט איהם וואַשען. מילא, אָנזייפען אַליין איז נאָך אַראָב ווי ניט איז. שטעלט אייך אָבער פאָר די סצענע, ווען נאָכ'ן פאַרען און אָנזייפען פלעגט זע-עליג דע-ער קו-ורצער דאַרפען אָב-

ניסען א־אלטער דע־עם הוי־יכען מיט א־א שע־עפעל זוא־אסער...

דערביי איז מענדעלע מיט איין פוס ארויפגעקלעטערט אויף א שטוהל, נאכמאכענדיג ווי א קורצער וויל נעביך ווערען הויך און קאָן נישט, ווי זעליג דער קורצער וויל דערלאנגען דעם גביר׳ס קאָפּ...

— צוליב וואָס דערצעהלט איהר מיר דאָס? — פרעגט פייטעלזאָן דערשראָקען.

דער זיידע האָט איהם אָהן הקדמות דערקלערט:

— ווילט איהר, הייסט עס, אָפּגיסען מענדעלע׳ן מיט א שע־עפעל קאלט וואַ־אסער?..

דערביי האָט זיך דער זיידע אויסגעדרעהט מיט׳ן רוקען און אוועק, איבערלאָזענדיג פייטעלזאָנען איינעם אליין אין פאָדערציממער.

די קריהע געהט!

מענדעלע׳ס זכרון איז אויף דער עלטער שוואך געוואָרן. וואָס שאַרפער א מעסער איז, אלץ לייכטער קאָן ער טעמפּ ווערען. זיין פאָרשטעלונג איז אָבער געבליבען שטארק, ריין אין בילדער און אין פארבען און כלעג לויפען פאָראויס זיין וואָרט. דערפאר פלעגען איהם אָפט מאָל אויספעהלען די געוויינליכסטע ווערטער, די איינפאכסטע טערמינאָלאָגיע אויף דעם אָדער יענעם געביט. רעדען פלעגט ער. כמעט שטענדיג, היציג, מיט פייער; און פלוצלינג אָנהויבען שטאמלען און בלייבען שטעהן ווי פערטראכט. די האנד אויפ׳ן הויכען שטערן. ער פלעגט פרובען אָנטאפּען דאָס ריכטיגע וואָרט, דעם פעלענדיגען נאָמען: נו, נו... אָפט מאָל בעטען, מען זאָל איהם העלפען דערמאָהנען זיך. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז ער פלעגט מיט פארדראָס א מאך טהון מיט דער האנד און א זאָג טהון מיט א שטילען שטאָלץ, מיט א פאר׳סוד׳עט שמייכעלע:

— די קריהע געהט!...

דערמיט האָט ער געמיינט געבען א בילד פון א טייך, ווען דאָס אייז ברעכט זיך און קריהעס לויפען אָן מיט האסט איינע אויף דער אנדערער, ביז זיי פערשפארען דעם שטראָם...

„די קריהע געהט!“ — ס׳הייסט, די בילדער און זכרונות זיינען אזוי אָנגעלאָפען אין זיין אלטען קאָפּ... און ניט מחמת שוואכקייט, נאָר מחמת גבורה מוז ער אָבווארטען, ביז די בילדער וועלען זיך אביסעל צענעמען און דער זכרון וועט זיך בעפרייען...

כ׳האָב שוין מורא!

אין מענדעלע׳ס אויגען איז זעהר ניט כשר געווען די קונצען־מאכעריי פון די קלאָמפּערשט יונגע געלערענטע. אז ער פלעגט לייענען זייערע וויסענשאפטליכע ארטיקלען העבראאיש אָדער יודיש, זייער שווערע שמאלציגע עברי מיט די לאטיינערישע האלבע און גאנצע פראזעס, מיט דעם רעש פון גרויסע נעמען און ציטאטעס, פלעגט ער ווערען אין כעס. סקעפּטיש פלעגט ער עס ציטירען, הויך אויפ׳ן קול, און דערביי זעהר קאָמיש פארקרימען די נאָז:

— זעהט נאָר, זעהט נאָר, פלעגט ער נאָכקרימען, „גאָ־וואָריט“, זאָגט ער, שאָפּענהויער, „גאָוואָריט“, מאכט ער, ניטשע, „גאָוואָריט“, הייסט עס, קאנט... אָבער וואָס „גאָוואָרעסט“ דו?— פלעגט ער זיך ווענדען צום מחבר, פונקט ווי יענער וואָלט איהם געשטאנען פאר די אויגען — אליין, ברוך השם, האָסטו ניט וואָס צו „גאָוואָרען“...

אָפט מאָל פלעגט ער נאָך דערביי צוגעבען אזא מין „זאָאָלאָגישען“ פערגלייך:

די שרייבער, וואָס האָבען ליעב צופיל אָנשפּארען זיך אויף פרעמדע ציטאטעס, דאָס זיינען אלע „וויין־טיהרע“, ס׳הייסט,

חיות אָהן ביינער. זיי האָבען גיט קיין אייגענעם חוט-השדרה. שפּאַרען זיי זיך אָן אָן אַזעלכע, וואָס האָבען יאָ.

אַ דריטען מאָל האָב איך דעם זיידען געפונען לייענענדיג אַן אַרטיקעל מיט זעהר קאָמישע גרימאַסען, אימפּראָוויזירענדיג דערביי דאָס געלייענטע, ווי אַן אַרטיסט אויף דער בינע.

— אַ—אַזוי !... פּלאַטאָן האָט געזאָגט, זאָגט ער... פּלאַטאָן?... אוי, איך בין שוין אומגליקליך ! (דערביי האָט ער זיך געהאַלטען מיטביידע הענד פאַר'ן קאָפּ) וואָס ווייטער ? קרע—עדאָקווי—יאַ אַבסורדום... לאַטיין ? כ'וועל אייך זאָגען דעם אמת, כ'האָב שוין מורא... (דערביי האָט ער זיך גענומען אָברוקען פון זשורנאַל אָן אַ זייט), כ'האָב שוין גאָר מורא אָנצוהויבען זיך מיט איהם...

דערביי האָט מענדעלע געמאַכט אַ געזיכט פון אַ מענשעלע, וואָס דערזעהט אַ לייב אין דער מדבר. ס'איז כדאי געווען צו זעהן דערביי זיינע שאַרפינקע, לאַכענדיגע שוואַרצע אויגעלאַך, וואָס האָבען יונג און שטיפעריש געפינקעלט פון זיין ראָזיג פנים מיט די שניי-ווייסע האָר און באָרד.

וועמען אָבגעבען אַ גרוס אין ארץ ישראל?

צווישען דער גרופּע „חובבי שפת עבר” אין אָדעס און צווישען מענדעלע'ן איז עפּעס פאָרגעקומען. אָנגעהויבען האָט זיך דאָס, ווי שטענדיג, פון אַ קלייניגקייט און געענדיגט האָט זיך עס מיט אַ שטאַרקען ברוגז. די פּרטים זענען מיר נישט בעקאַנט. איך ווייס נאָר, אַז עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז די „חובבים” האָבען נישט דערלאָזען אויסקלויבען מענדעלע'ן אַן ערען-פאָרזיצענדען פונ'ם העבּרעאישען פעריין. מענדעלע האָט דערפון קיינמאָל נישט גערעדט, נאָר פערגעסען האָט ער עס נישט. ער האָט זיין כעס אויסגענוצט, אַזוי צו זאָגען, אין אַ קינסטלערישער פאָרם.

איין מאָל איז צו מענדעלען געקומען זיינער אַ בעקאַנטער יונגערמאַן, וועלכער איז געפאָרען בעזעצען זיך אין ארץ ישראל. ביים געזעגענען זיך האָט ער ביים זיידען געפרעגט, וועמען ער זאָל דאָרטען אָבגעבען אַ גרוס.

— וועמען זאָלט איהר אָבגעבען אַ גרוס? — פרעגט מענדעלע איבער און טראַכט אַ ווייל. — איהר ווייסט דאָך, די וועלט איז איינגעטיילט אין דומם, צומח, חי ומדבר. ס'הייסט, זי בעשטעהט פון טויטע שטאָפען, פון שפּראָצענדיגע, פון לעבעדיגע און פון ריידענדיגע... איז אָט, אויב איהר וועט אין ארץ ישראל טרעפען אַ דומם... דוממים האָט איהר דאָרטען אַ סך... שטיינער, ביינער, חורבות... בערגליך זאַמד — זאָלט איהר זיי, למען השם, איבערגעבען אַ ברייטען גרוס אין מיין נאָמען. נו, טאָמער דערזעהט איהר דאָרטען וואו נישט וואו אַ צומח... אָט, אַ טייטעלבוים, אַ פרישען אתרוג-בוים, אַ מילגרוימיכע, אַ הדס... אַוודאי און אַוודאי דאַרפט איהר זיי פון מיר אָבגעבען אַ שלום-עליכם. נו, אפשר וועט איהר, אויסער דעם, בעגעגענען אַ חי, אַ יודישע בהמה אַ צנועה, אַ יודישע ציג מיט אַ באָרד, וואָס שטעהט און מעלה-גרהט איבער די באָקסערען, מיט וועלכע זי האָט זיך אָקאָרשט אָנגעגעסען... מהיכי תיתי... אַ בעל-חיים אין ארץ ישראל... גריסט זיי! פאַר וואָס נישט? נאָר טאָמער בעגעגענט איהר דאָרטען אַ מדבר... אַ מדבר-עברית איש, אַזעלכען קאָנט איהר דורכלאָזען אָהן אַ גרוס. איך וועל אויף אייך קיין פאַראיבעל נישט האָבען.

וואָס אַ ייד פּערגינט זיך

צווישען די, וואָס האָבען מענדעלען אויסגעשלאָסען פון דער אָדעסער גרופּע „חובבי שפת עבר", איז אויך גֶעווען דער בעקאַנטער ציוניסטישער עסקן פראַנקעֶלד. ער איז בשעת'ן קריג געשטאָרבען. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז פראַנק־פעלד געווען איינער פון די הויפּט־אָנפירער אין דער „קאַמ־פּאַניע" קעגען מענדעלען אינ'ם פעריין. געוויס איז דער גאַנ־צער קריג מיט מענדעלען געווען געשמאַקלאָזיג.

אין מאָל איז איינער אַ בעקאַנטער שריפטשטעלער אַריינגעקומען צו מענדעלען בעזוכען איהם. דאָס איז געווען דוד פרישמאַן.

געהט איהם מענדעלע אַרויס אַנטקעגען מיט אַ טענה, פונקט ווי זיי וואָלטען שוין פון פריהער אָן געהאַלטען אין שמועסען:

— ווי געפעלט אייך, פרישמאַן, אַזאַ מעשה? ראָטשילד... דוכט זיך, ראָטשילד. ווער קאָן זיך פערגלייכען מיט ראָטשיל־דען? איז ראָטשילד האָט קיין איינציגען פ' אין זיין פאַמיליע. פּאַריז!... אַזאַ שטאָדט ווי פּאַריז... איין פ'! און נישט אַ פּיי, נאָר אַ פ... מיט אַ דגוש... און אָט אַזאַ ייד ווי פּ פ ר אַ נ ק־ פּ פ ע ל ד האָט גאַנצע צוויי פּייען! וואָס זאָגט איהר, וואָס אַן אָדעסער ייד קאָן זיך פערגינען??

די אַמאָליגע און די מאָדערנע חוה

אין אַ שיינעם פאַרמיטאָג האָבען מיר שפּאַצירט צווישען די געדיכטע אַלייען אין פּאַרק מאָן־רעפּאָ אין זשענעווע (שווייץ). דערזעהען מיר דאָרטען צוויי אונטערגעשוירענע מיידליך פונ'ם

טיפּ קורסיסטקעס, וואָס שפּאַצירען בלומרשט אַרום אַ בוים מיט בליהענדען בעז, און אַ כוונה האָבען זיי גאָר אַראָבצופּליקען אַ בליהענדיג צווייגעל... ווי נאָר זיי האָבען אונז דערזעהען פון דערווייטענס, האָבען די מיידלאַך געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מיינען מיינען זיי גאָר אָנקוקען דאָס שעהנע בליהעכץ און מעהר גאָרנישט. מענדעלע מיט זיין שאַרפען בליק האָט פון דערווייטענס דערקענט אַלע העויות זייערע און האָט זיך געמאַכט כלא ידע. פּלוצלינג גיט ער מיך אַ פרעג:

— אפשר ווייסט איהר, וואָס מיינען דאָרטען די מייד־לאַך מיט זייער אָנקוקען די נאַטור, דער בוים הייסט עס?

— ווילען ווילען זיי אָפּפּליקען אַ פּאָר בלומען... און האָבען מורא.

— מורא? וואָסי? פאַר וועמען, אַ שטייגער, האָבען זיי מורא?

— מסתמא פאַר'ן שומר פון פּאַרק. כ'האָב געהערט, אַז זעקס פראַנק שטראָף מוז בעצאָלען דער, וועלכער פליקט דאָ אָפּ אפילו איין איינציג בלימעל.

— נו, איז וואָס? — גיט זיך מענדעלע אַ „בייזער" — און אַז זעקס פראַנק, און אַז זעכציג פראַנק? אויך מיר וויי־בער, אויך מיר חוה'ס טעכטער! — האָט ער אויף זיי צוגע־שאָקעלט רחמנותדיג מיט'ן קאָפּ — חוה זייער באָבע, אַ ליכ־טיגען גן עדן זאָל זי האָבען, איז שוין געווען העלדישער פאַר זיי. גאָט האָט איהר מתרה געווען: „אינ'ם טאָג, וואָס דו וועסט עסען פון בוים, וועסטו שטאַרבען"... און זי האָט פאָרט געגעסען און דעם מאַן איינגערעדט, ער זאָל אויך עסען, און גאָר כדי צו פערזוכען דעם טעם פון אַן עבירה, כדי צו פער־זוכען... און אָט יענע דאָרטען, אונזערע מאָדערנע חוה'ס מיט די אונטערגעשוירענע צעפּלען... אַז אָך און אַז וועה! זעקס פראַנק שטראָף! מ—נאַ.

די נאַטור אין לאַץ

די ליעבע פונ׳ם זיידען צו אַלץ, וואָס וואַקסט און בליהט, איז געוועזן אַן אומגעוויינטליכע. כמעט אַ פיזישע ליעבע איז עס געווען. מיט אויגען פון אַ ריידנדיגען אויף זיינע שטומע ברידער האָט ער געקוקט אויף גרינע בוימלאַך, אויף האַלב אויפגעפּענטע בלימלעך. מער פעלט אייך נישט, איר זאָלט פאַר איהם אין די אויגען אָפּרייסען אַ פריש צווייגעל, אָבשניידען אַ בלום און אַריינשטעקען אין קנאָפּ-לאָך! איהר וועט זיך איהם נישט אויסצאָלען.

— הם... איהר זענט, הייסט דאָס, אויך איינער פון די, וואָס שטעקען די „פּריראָדע״ אין לאַץ אַריין?... גיט ער אייך אַ פרעג אַזוי פון דער זייט און קוקט אַ ביסעלע אַריבער די שפּאַקולען און אַזוי, אַז איהר מוזט זיך פערשעמען.

איין מאָל בשעת אַ „באָטאַנישען״ שמועס זאָג איך צו איהם:

— איך רעכען, זיידע, אַז פלאַנצען האָבען עפּעס אויך אַ געפיהל פון ווייטאָג, ווען מען שניידט זיי, ווען מען ברעכט זיי אָב. פאַמעליך, פאַמעליך קומט אָן זייער ווייטאָג, אַ סך אַ סך לאַנגזאַמער, ווי ביי אַ בעשעפעניש מיט אַ נערווען-סיסטעם, אָבער קומען קומט ער אָן. נאָר מיר, לעבעדיגע, קאָנען דאָס דאָזיגע געפיהל נישט בעגרייפען. כדי צו בעגרייפען אַזעלכעס, מוזען מיר האָבען קרעכצען, קאָנוואולסיעס, בלוט...

— וואָס הייסט? — מאַכט צו מיר מענדעלע מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי איך וואָלט איהם אויפגעטהון אַ נייע און טיפע חכמה, ווי אַ שטייגער, שנעה איז ווייס און וואַסער איז נאַס... — פלאַנצען, דאָס זענען דאָך אָרגאַנישע בעשע-פענישען, וועלכע בעשטייען פון אָרגאַנישע קעמערלעך: אונזערע אָרגאַנישע ברידער!

דערביי האָט מענדעלעס פנים אויסגעדריקט עפּעס אַזוינס, פונקט ווי אין זיינע אָדערען וואָלט געראונען אַ קלאָרער, קילער זאַפט, און אויף זיין אַלטען, גלייכען און גרייז-גראָהען קאָפּ וואָלטען געוואַקסען יונגע צווייגען מיט רוישענדיגע בלעטער.

אַ מלך און אַ מלכה

— כי — כי — כי...

מענדעלע פלעגט זיך אָפט מאָל, אין מיט׳ן שווייגען, צעלאַכען מיט אַן איינגעהאַלטענעם דינינקען געלעכטערעל. אָדער ער גיט זיך אַ כאַפּ פאַר׳ן נאָז מיט צוויי פינגער, דרעהט זיך אויף איין אָרט ווי אַ דריידעל, גיך, גיך אויף וויפיל זיין עלטער האָט אים ערלויבט און לאַכט דערביי מיט אַ דערשטיקט קול׳עכעל. און אַז איהר קוקט איהם אָן פערוואונדערט און נייגעריג, בלייבט ער שטיין, גלייכט זיך אויס און פאַלט אייך אַריין מיט אַזאַ אָדער מיט אַן ענליך בילד:

— איהר ווייסט, אַ שטייגער, ווי אַ ליטווישער מגיד גיט אַ משל אין אַ דרשה און מאָלט אייך אויס אַ מלך מיט אַ מלכה? איהר ווייסט נישט?

זיצען זיך אַזוי דער מלך און די מלכה ביים טיש, איינער אַנטקעגען דער אַנדערער, די קרוינדלעך אויף די קעפּ, און... קייגעגען.

נעמט דער מלך די באָרד אין האַנד, גיט עס אַ גלעט און אַ ביס דעם שפּיץ, און ווענדעט זיך צו זיין מלכה:

— העָר נאָר, מיין ווייב, וואָס האָסטו היינט געקאָכט וואָרעמס?

ענטפערט די מלכה:

— וואָס זאָל מען קאָכען? טייגלעך מיט בעבלעך האָב איך געקאָכט!...

אַ וואָראָבייטשיקעל

אין זשענעווע, אין ענגלישען פּאַרק, בין איך איין מאָל געזעסען מיט מענדעלען אויף אַ באַנק און געוואָרעמט זיך אין דער ערשטער ווערסנע-זון.

מענדעלע איז געזעסען אין זיין געוואָנטענעם האַלבּ-צילינדער-הוט און עפּיס געטראַכט.

אַ וואָראָבייטשיקעל אַ קליינס, גראָהס איז צוגעפלויגען צו אונזערע פיס און גענומען באָדען זיך אין אָנגעוואָרעמטען זאַמד. דערנאָך איז עס אַ ווײַלע געבליבען זיצען, ווי אַ קינד אין וואַנע, און אָנגעקוקט אונז פון אונטען אַרויף מיט שפּיצע-כיגע פייגעלשע אויגעלאַך. אַזוי פיל קאָמישע קינדערשע גוט-מוטיגקייט איז געווען אין זיין קוקעלע, וואָס איז געווען דערצו נאָך פאַרשטשורעט פון דער זון. ער האָט, דוכט זיך, געוואָלט זאָגען :

— אייך, מענשען, איז גוט ; מיר, מ׳שטייענס געזאָגט, גאָט׳ס בעשעפעניש איז אייך גוט. לאָמיר לעבען בשלום !

מענדעלע׳ן האָבען פּלוצים גענומען רינען טרערען פון די אויגען. ער האָט אַרויסגעצויגען זיין שניי-ווייס טיכעלע און גענומען טריקענען זיך די טרערען אונטער די שפּאַקולן.

— וואָס איז, זיידע ?

ער האָט מיר אָנגעוויזען אויפ׳ן וואָראָבייטשיקעל און מיט אַ ווייכהאַרציגער, צעוואָרעמטער שטים גענומען ריידען :

— גיט נאָר אַ קוק... סע לעבט... סע וויל לעבען. ס׳בעט זיך... אַ יתומ׳ל אין גאָט׳ס וועלט... אַ פּיטשימאָנטשיקער... אַ ברעקעלע... טשעפּעט מיך ניט... טשעפּעט מיך קיינמאָל ניט... כ׳בין גאָט׳ס מיזיניקעל... ווימיעל דאַרף איך דען אויף דער ערד ?... אַ שטיין קאָן צעגיין... אַ צער בעל חיים !...

פּאָסטאַיאַלצע

מענדעלע איז געווען אַ זקן אַ יוד. ער האָט דערציילט, אַז ער איז איבער אַכציג. נאָר מענטשען, וואָס קענען איהם, האָבען געמאַכט אַ רעכענונג פון איבער ניינציג...

מענדעלע איז נאָך כמעט ביז עטליכע חדשים פאַר זיין פטירה געגאַנגען גלייך, מיט׳ן רוקען אויסגעבויגען אויף היג-טען. ח. נ. ביאַליק האָט אויף דעם געמאַכט אַ וויץ, אַז אינ׳ם זיידענס עלטער האָבען זיך איבערגעביטען די יוצרות. אַלע אַלטע לייט, וואָס עלטער זיי ווערען, אַלץ מער בויגען זיי זיך איבער נאָך פאָרנט, און מענדעלע — וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ מער בויגט ער זיך איבער אויף הינטען...

דער זיידע פלעגט אַלע אין דער פריה, סיי זומער, סיי ווינטער, נעהמען אַ קיהלע וואַנע און האָט זיך שטענדיג גע-פיהלט פריש. האַלב וויציג, האַלב ערנסט האָט ער זיך נישט איין מאָל אויסגעדריקט, אַז... אָהן הונדערט צוואַנציג גיט ער זיך נישט אונטער... ער האָט מיט דעם רבונו של עולם אַ קאָנטראַקט...

אַזוי האָט ער נאָר גערעדט. נאָר ערגיץ וואו, טיעף אין האַרצען האָט ער געגלויבט, אַז ער וועט לעבען און לעבען, און ס׳וועט זיך קיין מאָל נישט ענדיגען. ווי אַזוי דאָס וועט געשעהן, קאָן מען נישט וויסען. אַלע — יאָ, ער — נישט... דאָס האָט מען געפיהלט אין זיין גאַנצען האַלטען זיך, אין זיין בעהאַלטענעם שמייכעלע אין די אויגען-ווינקלען, ווען ער האָט געקוקט אויף יונגערע פון איהם, קרענקליכע...

קיין איינציגער צאָהן איז איהם שוין לאַנג נישט גע-בליבען. נאָר ווי ביי אַלטע לייט, האָבען זיך איהם די יאַס-לעס אַזוי ענטוויקעלט און פערהאַרטעוועט געוואָרען, אַז ער פלעגט מיט זיי קייען אַזוי גוט, ווי מיט ציינער. סיידען ער פלעגט רעדען. אַזוי איז נישט געווען קענטיג, ווייל די באַקען

זענען איהם געבליבען נאָרמאַל, אָהן איינגעפאַלענע פאַר-
קנייטשטע לעכער.

בקצור, ער האָט גענומען אַ פּנים, קוקען אויף צייהן,
ווי אויף אַן איבעריגער זאַך, ווי אויף אַן עפּיזאָד, וואָס קומט
אָהן און גייט אַוועק אין לעבען.

איין מאָל, ווען ס'איז אויסגעקומען רעדען מכּה צייהן,
מאַכט ער:

— צייהן, דאָס זענען דאָך „פּאַסטאַיאַלצעס", שטעהען
איין און געהען אַוועק. און אַז פּאַסטאַיאַלצעס געהען אַוועק,
ערשט דאַן ווערט גרוימיג אין שטוב. נישטאָ קיין אייגענשאַפט,
קיין ווערטאָג... אַ ליכט אין די אויגען!

„ער איז געקומען זיך געזעגענען!"

אַז מענדעלע פלעגט עפּעס קראַנק ווערען, פאַרקיהלען
זיך אָדער גלאַט פּיהלען זיך שלעכט, פלעגט ער זיך איינוויק-
לען אין דער באָבעס וואָלענער פאַטשיילע, אריינלעגען זיך
מיט זיין לאַנגען גוף אין בעט און פלעגט פאַר זיך שטילינ-
קערהייט קרעכצען. זיין בטחון, אַז ער, מענדעלע, וועט אומ-
גיין דאָס, וואָס וועט אַמאָל קומען, וואָס מוז אַ מאָל קומען,
האָט זיך, אַ פּנים, אַ שאָקל געטהון. ליגט ער זיך אַזוי מיט
פאַרמאַכטע אויגען און זיפצט מיט אָפּגעהאַקטע דערשראָקענע
זיפצעלעך:

— מאַמע, אוי, מאַמע, מאַמע, אוי, מאַמע...

דעם זעלבען געפיהל פון בעהאַלטענער מורא פאַר דעם,
וואָס מוז אַמאָל קומען, האָב איך איין מאָל דערשפּירט ביי
מענדעלען און דווקא אין אַ זומער טאָג און דווקא, ווען די
זון האָט געלויכטען, און דער זיידע איז געווען קערן-געזונט.
איך בין דאַן צו איהם אַרויפגעשפּרונגען אָבגעזעגענען זיך מיט

איהם, ווייל אין עטליכע שעה אַרום האָב איך געמוזט אַוועק-
פאָהרען קיין אויסלאַנד. דאָס איז געווען אין אָדעס.

געפונען האָב איך דעם זיידען אין זיין גרויסער ביבליאָ-
טעק, אויף דיעגטיאַרנע נומער 4, ביי אַ ספר און ביי אַן
אָפּגעקיהלטען גלאָז טהיי.

איך האָב איהם גלייך דערקלערט, אַז איך בין אַרויף
נאָר אויף אַ פּאָר מינוט.

מענדעלע האָט נישט ליעב געהאַט אַזעלכע געכאַפּטע
וויזיטען. ער האָט בכלל נישט ליעב געהאַט לעבען אין איילע-
ניש, שרייבען אין איילעניש, שמועסען אין איילעניש.

האָט ער מיר אַ ביסעל ברוגזדיג אַ זאָג געטהון:

— היינט צוליעב וואָס זענט איהר אַרויף?

— זיידע, איך בין אַרויף נאָר געזעגענען זיך מיט אייך,
ווייל אין אַ פּאָר שעה אַרום מוז איך אַוועקפאָהרען.

דער זיידע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָבגעמאָסטען מיך
מיט אַ דורכדרינגענדיגען בליק, און... פּלוצלינג געלאָזען זיך
לויפען איבער אַלע טהירען, איבער אַלע צימערען פון זיין וואוי-
נונג. לויפט און קלאַפּט מיט די טהירען און רופט דער באָבען
הויך אויפ'ן קול, דעמאָנסטראַטיוו:

— פּעסיניו, פּעסיניו! וואו ביסטו דאָרטען? נאַ, הערסט?
מען איז זיך געקומען „זעגענען", איז מען געקומען... קום גי-
כער, מען איז געקומען „זעגענען" זיך!...

פון זיידענס קול און פון זיידענס לויפען האָב איך פאַר-
שטאַנען, אַז מיין „געזעגענען זיך" האָט אַרויסגערופען נאָר אַן
אַנדער שטימונג, ווי איך האָב געוואָלט. עס האָט ביים זיידען
אַרויסגערופען אַ סיטואַציע מיט יעקב אבינו, בשעת ער געזע-
גענט זיך מיט זיינע קינדער; מיט משה רבנו, ווי ער געזע-
גענט זיך מיט יהושע בין נון.

זייט דעם, קומענדיג צו פאָהרען קיין אָדעס, בין איך
צום זיידען קיין מאָל מער נישט געגאַנגען אָפּזעגענען זיך.
איך פלעג עס אויסמיידען און פאַרשווינדען אָהן אַ „זייט גע-
זונד"! און דער זיידע האָט דערפאַר קיין מאָל קיין פאַריבעל

נישט געהאַט. פֿערקעהרט, דערזעהענדיג מיך פֿלוצלינג נאָך אַ סך חדשים ביי זיך אין שטוב, פֿלעגט ער מיך אויפֿנעהמען אַזוי, פּונקט ווי ערשט נעכטען זענען מיר זיך צעגאַנגען אין מיט׳ן אַן אינטערעסאַנטען און איבערגעריסענעם שמועס.

אָט דאָס איז שוין מיין קראַסאַוויצע!

מענדעלע האָט אין זיין לעבען צוויי מאָל חתונה געהאַט. דאָס ערשטע מאָל ערגיץ וואו אין וואָהלין מיט אַ גבירס אַ טאָכטער, מיט עפּיס אַ פֿעהלער. מיר דוכט: מיט אַ בעלמע אויף איין אויג. דאָס צווייטע מאָל מיט דער „באָבען", ווי מיר האָבען זי אַלע גערופֿען. אַ הויכע, אַ מאָגערע יודענע פֿון בערדיטשעוו מיט גרינליכע אויגען. זעהר אינטעליגענט און זעהר קאַרג. אויב זי איז אַ מאָל געווען שעהן, דאָס איז אונז יונגע, שווער געווען צו דערקענען, ווייל די באָבע איז געווען זעהר איינגעדאַרט ווי אַ מומיע. איך זעה נאָך עד היום פֿאַר די אויגען איהר הויכע, איינגעבויגענע פֿיגור, איהרע איינגעשנירטע שטאָלצע ליפּען, איהר אויסגעשטרעקטע מאָגערע האַנד, ווען זי דערלאַנגט טעה, מיט׳ן צוקער אין גלאָז און זאָגט אָב איהר פּסוק:

— נאַטיע טשאַיו, פּעיטיע! (נאַט אייך טעה, טרינקט).

לעבען האָבן דער זיידע און די באָבע געלעבט בשלום. הלואי אויף אַלע יודישע קינדער געזאָגט געוואָרען. מיט דעם גרעסטען דרך־ארץ איינער צום אַנדערען. קוקענדיג אויפ׳ן זיידען, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַ גליקליכערער אַלטיטשקער איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

איינמאָל אין זשענעווע, וואוהין דער זיידע איז אַנטלאָפֿען פֿון די פּאָגראָמען נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, זיצען מיר אַזוי ביי איהם אין אַרבייטס־צימער. אַ קליינע גרופּע יונגע לייט סטודענטען און שמועסען. די באָבע איז אַוועק מאַכען טעה פֿרעגט אונז מענדעלע, ווי מיר פֿאַרברייגען דאָ די צייט. ענט

פֿערס מען איהם: גאַנץ גוט, גאַנץ פֿרעהליך. מע מאַכט לאַנגע שפּאַצירגאַנגען אין די בערג. דער ווייַן אין די דערפֿלעך איז גוט... מען זינגט. שעהנע מיידלאַך איז אויך דאָ אַ סך.

מענדעלע האָט זיך שטאַרק פֿעראינטערעסירט און דוקא מיט׳ן „שעהנעם מין", ווער זיינען זיי, ווי זיי זעהען אויס. יעדער האָט אָפּגעהאַרציג דערצעהלט פֿון זיין „דולצינעע".

דער זיידע האָט זיך דערוואַרעמט, איין בעקעל האָט איהם גענומען פֿלאַמען, און פֿלוצלינג מאַכט ער, האַלב מיט געמאַכטען, האַלב מיט אמת׳ען פֿאַרדראָס:

— און איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז פֿאַר אַן אומגליק! וואו אַ פּאַסקודסטווע, איז זי דאָ ביי מיר...

אין דער רגע איז אָנגעקומען די באָבע מיט צוויי גלעזער טעה איןביידע הענט. ווי צוויי הבדלה־בעכער האָט זי עס געטראָגען.

האָט זיך מענדעלע אויפֿגעשטעלט איהר אַנטקעגען, געמאַכט אַ מין קאָמישען רעווערענס און אָנגעוויזען אונז אויף איהר מיט צוויי אויסגעשטרעקטע אָרעמס:

— אָט דאָס איז שוין מיין קראַסאַוויצע!...

— וואָ—אָס? וואָ—אָס?... האָט די באָבע אָנגעהויבען פֿערדעכטיג צו שטאַמלען.

דער זיידע איז גלייך רוהיג און בראַוו געוואָרען:

— גאָרנישט, פּעסיניו, גאָרנישט.

די באָבע האָט אַוועקגעשטעלט ביידע גלעזער אויפ׳ן טיש, מיט׳ן צוקער און טיי, און אָבגעזאָגט איהר פּסוק:

— נאַטיע טשאַיו! פּעיטיע!

קוקט מיך אָן!

מענדעלע פֿלעגט זיך נאָר ביסלעכווייז געוויינען צו נייע מענשען. פֿאַר אומבעקאַנטע איז ער געווען פֿערשלאָסען. מיט

נייע בעקאַנטע פלעגט ער זיך בענעמען העפליך, אָבער טרוקען. ווי יעדער קאַבינעט-מענטש, וואָס איז שטענדיג אַרייַנגעטהון אין זיין אינערליכער וועלט, האָט ער נישט ליעב געהאַט אומנצריכטע פאַמילערע אורחים. און הויפּטזאַכליך — ווען ער האָט געהאַלטען אין מיטען אַרבעט.

אין אַזאַ מאָמענט קלאַפּט מען איהם איין מאָל אין טהיר און מען זאָגט איהם אָן די בשורה: אַ יוד מוז איהם זעהר נויטיג זעהן.

מענדעלע איז צו איהם אַרויסגעגאַנגען:

— וואָס וועט איהר זאָגען גוטס?

— איך בין דאָ אין אָדעס אונטערוועגנס — האָט איהם דער גאַסט אָפּענהאַרציג דערקלערט — איך בין אייערער אַ טרייער לעזער, אַ חסיד אייערער, האָב איך זעהר געוואָלט אייך אָנקוקען...

— אַזוי! אָנקוקען?

מענדעלע האָט זיך פאַר זיין גאַסט גענומען דרעהען אַרום זיך אַליין:

— אָט, אָט, ביטע, קוקט מיך אָן פון פאָרענט... אַצינד, זייט מוחל, פון דער רעכטער זייט. פאַרטיג? און אָט האָט איהר מיך פון הינטען. שוין?.. איצטער, איך בעט אייך, די לינקע, די לינקע זייט. בעפריעדיגט?

און דער זיידע לאָזט שטעהן דעם אומגעבעטענעם אורח און געהט אַוועק גלייך צו זיך אין קאַבינעט אַריין.

גוואַלד... איהר לאָזט דאָך גאָר אַ וואָרט נישט אויסריידען

מענדעלע איז געווען אַ שטאַרקער פוס-געהער. לאַנגע שפּאַצירונגען האָט ער ליעב געהאַט דאָס חיות. אויף זיין אַלטען סוקעווצטען, אונטען אָפּגעריבענעם שטעקען פלעגט ער זיך

זעלטען אָנשפּאַרען. ער פלעגט איהם האַלטען גלאַט אַזוי אין דער לינקער האַנד. די רעכטע האַנד אין בוזעם. דעם שטעקען פלעגט ער נעמען אין דער רעכטער האַנד און אַראָבלאָזען אויף דער ערד נאָר דאַן, ווען ער פלעגט דערזעהען, גיכער דערשפּירען, נישט ווייט פון זיך אַ קאַנאַווקע, אַ פערדעכטיגען שטיין, אַ משופּעדיג בערגעל. אָפט מאָל פלעגט ער נאָך דערביי נעהמען זיין באַלייטער אונטער'ן אָרעם... נאָר כדי מען זאָל נישט מערקען, אַז דאָס טהוט ער מחמת מורא געשטרויכעלט צו ווערען, פלעגט ער דערביי אַריינפּאַלען מיט אַ פּאָר ווערטער, ווי איינער, וואָס בינדט אָן אַן איבערגעריסענעם שמועס:

—יאָ, איז וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען דערמיט...

— מיט וואָס?

—אָט מיט דעם... מכּה וואָס האָבען מיר אָקאָרשט גערעדט?

אָבער ווי נאָר די קאַנאַווקע אָדער דאָס פערדעכטיגע בערגעל איז אַריבער, פלעגט שוין מענדעלע ווידער אָבלאָזען דעם בעלייטערס אָרעם, פלעגט שפּרייזען פראַנק און פריי, איין האַנד אין בוזעם-קעשענע און מיט דער צווייטער געצוויגט דעם סוקעווצטען שטעקען אָדער געקלאַפּט צום טאַקט אויף די שטיינדלאַך אין וועג.

ריידען האָט מענדעלע געקענט שעה'ן-לאַנג, ווי אַלע עלטערע קינסטלער און דענקער, וועלכע קענען נאָך געבען און נישט מעהר נעמען. זיי ווייסען צופיעל, זיי האָבען דערלעבט צופיעל — ווילען זיי זיך נאָר אַרויסזאָגען. אויסצוהערען דעם צווייטען, דעם יונגען דור, האָבען זיי מעהר קיין שום געדולד און קיין שום אינטערעס. זייער וועלט איז שוין אָבגעשלאָסען, אויסגעפּולט. אויך דער גרעסטער רעזערוואואַר איז בעגרעניצט. נאָר די יוגענד איז עלאַסטיש און קען אויפנעהמען מעהר, וויפיעל זי בעדאַרף.

מאַכען מיר איינמאָל אַ לאַנגען שפּאַציערגאַנג צום פּטיסאַלעוו (אַ באַרג אין זשענעווע). ביז'ן סאַלעוו איז אַ וועלכע אַכט קילאָמעטער, צוריק — אַכט קילאָמעטער. האָבען מיר אַ קימא-לן פון זעכצעהן קילאָמעטער. אַרויסגעגאַנגען זיינען מיר

נאָך פריהשטיק אַ זייגער עלף. און געקומען צוריק אין שטאָדט אַ זייגער פיער — פינף נאָכמיטאָג. כּמעט די גאַנצע צייט האָט מענדעלע דערצעהלט. איך בין געגאַנגען און זיך צוגעהערט און שוויגענדיגערהייט בעוואונדערט דעם זיידענס פיזישע קראַפט און אויסדויער. פאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך מענדעלע נאָר צוויי מאָל צוגעזעצט אויסרוהען. די געשיכטעס פון זיין לעבען, זיינע ביבלישע, גראַמאַטישע, זאָאָלאָגישע, און באָטאַנישע בעטראַכטונגען זיינען געווען אַזוי אינטערעסאַנט און אַזוי פאַרבענרייך, אַז איך האָב קיין שום חשק נישט געהאַט איבערשלאָגען איהם אין מיטען. ס'האָבען זיך ביים זיידען, אַזוי צו זאָגען, מיט איין מאָל אויפגעשפּאָלטען אַלע קוואַלען און פאַרשפּרודעלט מיט זייער שום דעם שליאַך, יעדען בוים און שטיין און פויגעל — אַלץ, וואָס מיר האָבען באַגעגענט אויף אונזער שפּאַציר.

נאָר פאַרנאַכטליך, ווען איך האָב דעם זיידען צוגעפיהרט צו זיין הויז, האָב איך מיך דערפיהלט מיד און גענומען זוכען אַ מיטעל ווי אָבצושטעלען דעם זיידענס ברויזענדיגען געשפּרעך. מאַך איך:

— זיידע, ענטשולדיגט, וואָס איך פאַל אייך אַריין אין די רייד. כ'האָב אייך טאַקע געוואָלט זאָגען, אַז...

שלאָגט מיר איבער מענדעלע מיט בעהאַלטענער קפּידה:

— געוואַלד, ס'פּראַ מאָדנער מענטש איהר זייט! איהר לאָזט דאָך גאָר אַ וואָרט נישט אויסריידען...

נישט ווילענדיג האָב איך אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער:

— עי, זיידע, דאָס איז שוין נישט ריכטיג, איך בעט אייך איבער, אָבער איהר רעדט דאָך שוין, קיין עין הרע, אַ שעה פינף. איך האָב דאָך די גאַנצע צייט געשוויגען.

דער זיידע איז אַ ווײלע שטעהן געבליבען פאַרפּלעפט. עפּיס ווי אויפגעכאַפּט זיך פון טיפען טרוים. ער האָט זיך אַ רייב געטהון דעם שטערן:

— יאָ, מאַכט ער, כ'בין שוין אַ—לט!

דאָס איז געווען דאָס איין איינציגע מאָל פאַר דער

גאַנצער צייט, וואָס איך האָב מענדעלע'ן געקענט, ער זאָל זיין מודה זיין, ער איז שוין אַלט.

ווי אַזוי עס וואַקסט אַן אוגערקע

בשעת'ן שפּאַצירען פלעגט מענדעלע קיין איין זאַך נישט דורכלאָזען אומבאַמערקט. אַ בוים: אַהאַ! אָט אַזוי וואַקסט ער, אָט אַזוי בליהט ער! אַ פויגעל דורכגעפלויגען: אַהאַ! אָט דאָס איז ער, אָט אַזוי לעבט ער, אָט אַזאַ נעסט בויט ער; אַ זשוק גראַבעלט זיך אין גראָז: אַ זשוק? ס'קאָצעל קומט! אַ גאַסט! און באַלד אַ פּרעס צו דעם האַלז, אַ מאַך מיט ביידע אָרעמס. און מענדעלע ווערט אַ זשוק, אַן אמת'ער זשוק, נאָר אין גרויסען פאָרמאַט.

מענדעלע פלעגט מערקווירדיג קאָפּירען אַלע חיות און עופות און אינסעקטען, וואָס ער האָט געקענט פון זעהן אָדער וואָס ער האָט אַמאָל שטודירט, בעאַרבייטענדיג אין העברעאיש זיין נאַטור-געשיכטע: „תולדות הטבע". וויל ער, ווערט ער אַ לייב מיט ברענענדיגע אויגען, וועלכער געהט אַרום אומרוהיג און קייזערליך אין שטייג; אַן אָדלער מיט אַ קרומען בלוט-דורשטיגען שנאָבעל און מיט אָנגעצילטע, שאַרפע נעגעל, בשעת ער פאַלט אַרויף אויף זיין קרבן; אַ ברילען-שלאַנג, אַ ווילדע קאַטשקע; אַ שטאָרך אויף איין פיסעל, וועלכער קוקט לאַנג-נאָזיג און רב'ניש אין וואַסער אַריין, מיט זיין פליכעוואַטען קאָפּ „אָהן אַ יאַרמעלקע"...

די פיינסטע, האָר-דינע עפעקטען, ביים קאָפּירען, האָט מענדעלע דערגרייכט מיט'ן שפּיץ-נאָז. אַזאַ מין בעוועגליכען שפּיץ-נאָז האָט שוין דער זיידע געהאַט. דאָס מיטעל-ווענטעל פון זיין נאָז איז געווען עטוואָס לענגער פון די נאָזלעכער. דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַן אויסדרוק פון סאַרקאַזם, פון „צולהכעיס". דערויף איז געזעסען אַ ווייכער טעמפּער שפּיץ, אַ

בצוועגליכס, אַ צאַפּעלדיגס, פול מיט געפיעל און מיט נערוועז. אַ מין אויסגאַנגס-פונקט פון אַלע זיינע גרימאַסען.

— איהר ווילט זעהן — מאַכט איינמאָל דער זיידע — ווי לייב מאַכט אַ ברכה אויפ'ן שטיק פלייש, איידער ער נעמט זיך עסען?

מענדעלע'ס שפּיץ-נאָז גיט זיך איין ציה. די נאָז ווערט טעמפּ און פאַרשוואומען מיט דער אויבערשטער ליפּ, ווי ביי אַ גרויסער קאַץ. די אויגען ווערען שמאָר און גרויס און צינדען זיך אָן. די הענד קרימען זיך אויס ווי מורא'דיגע לאַפּעס און רוקען זיך אריין טיעף אין אַ ווייכער זאַפטיגער מאַסע.

— אַצינד קומט די ברכה! — זאָגט מענדעלע, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און לאָזט אַרויס אַ ברייטען, ווייכען און טיף-דונערענדיגען ריטש:

—ר—ר—ר—ה—ה!

ערשט דערנאָך נעמט ער זיך צום „רייסען" און „פרעסען".

— אָהן אָט דער דאָזיגער צערעמאָניע — דערקלערט נאָכ-דעם מענדעלע, ווען ער ווערט צוריק אַ מענש — אָהן פאַר-וואַרפן די גריוועס אָן אַ זייט, אָהן צודעקען דאָס שטיק פלייש מיט די לאַפּעס, ווי אַ פרומער יוד, להבדיל, די חלות... און אָהן אַ ריטשע טהון זיי'ן „ה-ה-מוציא" קען רבי לייב נישט עסען. אז מען שמועסט... אַ-אַ פרומע זאַך!

— איהר ווילט זעהן — גיט מיך מענדעלע אַ פרעג אַ צווייט מאָל — ווי עס וואַקסט אַן אוגערקע?

מענדעלע'ס שפּיץ-נאָז גיט זיך אַ ציה, נאָך איהם דער גאַנצער פּנים, דער האַלז, דער גאַנצער גוף — אַלץ ווערט עפּיס אַזוי שמאָל און ציהט זיך קאָפּ-אַראָב, און אַלץ אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אין איין געקרימטער ליניע, וועלכע בלאָזט זיך אָן און גלייכט זיך דערנאָך אויס... און איהר זעהט פאַר זיך בעשיימפערליך ווי אַ יונגע אוגערקע פול מיט בלאָטירלאָך קריכט געבויגען מיט דעם געלינקען, בליהענדיגען בעכערעל איבער'ן בייט, ווערט אַלץ לענגער און קרימער, גיסט זיך אָן

מיט זאַפט, שטופּט אָב מיט'ן נאָז די בלעטער, גלייכט זיך אויס און בלייבט ליגען בייכיג און צייטיג אויף דער זאַפטיגער ערד.

אַ גביר און אַ דאָקטאָר

מענדעלע מוכר ספרים, דער חכם, דער טיעפער קינסטלער, דער סאַרקאַסט, דער ערשטער קעמפער פאַר'ן יודישען אַרבייטער און אָרימאַן, האָט אָבער אין זיין פריוואַטען לעבען מיטגעבראַכט פון זיין קאַפּוליע דעם איינגעוואָרצעלטען, כמעט אינסטינקטיוועו יראת-הכבוד פאַר'ן גביר און פאַר'ן דאָקטאָר. ער האָט זיך דער-פון נישט געקאָנט בעפרייען דאָס גאַנצע לעבען.

אָפט מאָל אין געשפּרעך, ווען ער פלעגט דערמאָנען די גרויסקייט פון פערגאַנגענעם דור, איבערצעהלען זיינע מעלות און דערגעהן צו... גביריש'קייט, פלעגט ער מיט איין מאָל נעמען שאָקלען מיט'ן אַלטען קאָפּ, ווי נאָכ'ן פערזוכען אַ גוטען ווייז, און מיט האַלב-געשלאָסענע אויגען, מיט אַפּעטיט און מיט אַ טיעפען ברוסט-קול אַרויסריידען:

—געוועזען אַ-אַ גביר-ר-ר אַ-אַ יוד, אַ-אַן אדיר-ר-ר!..

איך פלעג בלייבען זיצען פאַרגאַפט און אָנקוקען מענ-דעלע'ן מיט חשד: מיינט ער עס ערענסט, אָדער טרייבט ער קאַטאָוועס? רעדט עס אַ יוד מיט השגות פון אַמאָליגער קאַ-פּוליע, אָדער — דער דיכטער פון דער „קליאַטשע"?

מענדעלע האָט עס געמיינט זעהר ערענסט.

נאָך שטאַרקער פלעגט זיך, פון צייט צו צייט, אַרויסריי-סען זיין בעהאַלטענער קאַפּוליער דרך ארץ פאַר'ן „דאָקטאָר": נישט פאַר'ן מענטש, נאָר פאַר'ן טיטעל „דאָקטאָר", מעג ער אויך זיין אַ ליאַדי דאָקטאָרעל פון בערנער דאָקטוירים.

איך האָב אין זשענעווע געקענט אַן אַנטיפּאַטישען נפש מיט צוויי קליינינקע, כיטרע אויגלעך. ער איז אָבער געוועזן באַטיטעלט. „דאָקטאָר" האָט מען איהם גערופען. מיר דוכט

מעדיצינער איז ער געוועזן. ער האָט, אפנים, גוט געוואוסט מענדעלעס שוואכע סטרונע און געשפּיעלט אויף איהר. ער פּלעגט אַרויפגעהען צום זיידען מיט דער אַראַגאַנץ און מיט דער בריי טקייט פון אַ תכשיט, וואָס אַלץ איז איהם ערלויבט:

— גאָספּאָדין אַבּראַמאָוויץ דאָמאַ? יאַ באַמערען ווישאַש־טשיט יעוואָ פּאַגוליאַט! (הער אַבּראַמאָוויטש איז אין דער היים? איך האָב בדעה אַרויסשלעפּען איהם שפּאַצירען!)

ווי נאָר מענדעלע פּלעגט דערהערען זיין קול אין קאָרידאָר, פּלעגט ער אָבּברעכען אין מיטען שמועס. אויפגעהויבען זיך און עפּיס געוואָרען נישט מיט אַלעמען. „אַה... דער דאָקטאָר איז געקומען!" — פּלעגט ער אַרויסרעדען מיט חשיבות און באַטאָנען דאָס וואָרט „דאָקטאָר". שמועסענדיג מיט'ן דאָקטאר אויף אָדעסער רוסיש, פּלעגען זיך ביים זיידען רויטלען די קנייטשען אויף די באַקען, ווי ביי אַ פערליעבטען, בשעת ער רעדט פאַר עדות מיט זיין שטאָלצער געליעבטער, וועלכע ערלויבט, מען זאָל זי ליעבען...

און דאָס איז געווען מענדעלע דער גרויסער יודישער שרייבער, דער שעפער פון צוויי נייע סטילען, אייגענטליך — צוויי ליטעראַטורען: ניי־יודיש און ניי־העבּרעאיש, וועמענס טיפע קענטעניש אין געשיכטע, זאָאָלאָגיע און באָטאַניק אַליין האָט מען געקאָנט פערטיילען אויף פינף אַזעלכע ליאַדי דאָקטוירימלאַך, ווי זיין גאַסט. אָבער זיין גאַסט איז געווען אַ „דאָקטאָר" און מענדעלע — נישט. און דאָס איז שוין געווען גענוג, מענדעלע זאָל פאַר איהם בטל ווערען.

כדי צו ערקלערען אַזאַ רעטעניש און גרינגער צו מאַכען מיין אַנטוישונג, פּלעג איך נעמען צו הילף מענדעלעס דאָפּעלטען „איך", ווי ער אַליין האָט עס אין זיינע ווערק בעשריבען. מענדעלעס „איך", וואָס האָט זיך געטיילט אין „חכם" און אין „שוטה"...

און אַזעלכענע מאָמענטען פון ליידענשאַפטליכער אויפרעגונג ביים זיידען, בשעת רעדען מיט אַ „דאָקטאָר" און מיט אַ „גביר", איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט געוועזן, אַז דאָס

איז אַרויסגעשפּרונגען „מענדעלע דער שוטה", דער פערלעגענער קאַפּוליער אָרים־בחור, און מענדעלע דער חכם האָט קיין כח נישט געהאַט אָבצוהאַלטען איהם.

דער שטעקען

מענדעלע האָט ליב געהאַט פערטיפען זיך נישט נאָר אינ'ם לעבען פון מענטשען, חיות און פלאַנצען, נאָר אויך אין שטיל־לעבען פון טויטע פערגליווערטע זאַכען, אין דער „טויטער נאַטור".

ער האָט מיר אַליין עטליכע מאָל דערצעהלט, ווי ער רעדט מיט שטיינער און ביינער, מיט טעלער און טישען, מיט שפּאַלטען אויפ'ן וואַנט... און קריגט אַן ענטפער. יעדער געגענשטאַנד האָט ביי איהם, ווי ביי יעדען קינסטלער מיט אַ שטאַרקער פאַנטאַזיע, געהאַט אַ פיזיאָנאָמיע. און די פיזיאָנאָמיע איז נישט געווען אַ בעשטימטע. זי האָט זיך געקאָנט בייטען ווי אַ שטימונג, ווי די קאַפּריזען פון ליכט און שאָטען.

מענדעלע האָט געהאַט אַ שטעקען. אַ סוקעוואַטער ליבער שטעקען איז עס געווען, מיט אַן אויסגעגלעט קעפּעל, נישט הונט, נישט פערד, מיט אַ ריהמענדעל דורך די אויערען דורכגעצויגען. אויף דעם דאָזיגען שטעקען פלעגט זיך מענדעלע כמעט ווי נישט אָנשפּאַרען. נאָר גלאַט אַזוי, כדי צו האָבען עפּיס אין האַנד. דער שטעקען אַליין איז צו קורץ געווען, אַז מענדעלע מיט זיין הויכען וואוקס זאָל קאָנען, ווי געהעריג, בענוצען זיך מיט איהם. כמעט אַ דריטעל פון שטעקען האָט זיך אויסגעריבען. אַ סך יאָהרען האָט איהם דער זיידע מיטגעטראָגען, מיטגעשלעפּט אויף פעלדער און וועגען און טראָטואַרען. מענדעלע איז געבליבען ביי זיין שלאַנקען הויכען וואוקס און זיין שטעקען איז נעבעך קירצער געוואָרען.

— קוקט איהם נאָר אָן — האָט מיר מענדעלע איין מאָל

אַנגעוויזען אויף זיין סוקעוואַטען „פריינד" — אַז ער וואָלט געווען אַ מענטש, וואָלט ער שוין געהאַט אור-אור-אייניקלעך. איך האָב איהם ליעב. ער האָט מיך ליעב. מיר קענען זיך פון די קינדער יאָהרען אָן. מיר פערשטעהען זיך ביידע זעהר גוט. איך אַליין האָב איהם בעקומען אַ מתנה פון איינעם אַן אַלטען מאַן. מיר דוכט זיך, אַז ער האָט שוין אַ נשמה. נישט אומזיסט טראָגען איהם אַרום מענשישע הענד שוין וואָסערע הונדערט יאָהר! ער ברוגזט זיך אויף מיר, ווען איך האַלט איהם נישט אַ שטיקעל צייט אין האַנד. שטעהט אין ווינקעל און גלאָוט זיך, איז אייפערזיכטיג. קאָן איך נישט זעהן זיין צער. נעם איך איהם, אָפט מאָל אין מיטען דער אַרבעט, און גיב איהם אַ גלעט איבער'ן קעפעל:

— שאַ — שאַ, זיי נישט אין כעס. איך האָב דיך נישט פערגעסען. דו זעהסט דאָך, אַז איך בין פערנומען...

— איהר זעהט, וואָס פאַר אַ גלאַט קעפעל ער האָט?...

איין מאָל האָט זיך מיר געחלומט אַ וויסטער חלום, נישט היינט געדאַכט. ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז מיין שטעקען איז פערפאַלען געוואָרען. נישטאָ מעהר קיין שטעקען! האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין, כמעט מיט ספּאַזמעס... גלייך אַראָבגעשפּרונגען פון בעט און געלאָפען צום ווינקעל, וואו ער שטעהט, אָנגעטאַפּט איהם אין דער פינסטער, געפונען. האַ — האַ! ער איז דאָ. טפו — טפו... אויף וויסטע פעלדער אַזאַ חלום! מיין שטעקען איז דאָ. —

דער אַלטער און דער נייער קאַם

אַן ענליכע מעשה האָט מיר מענדעלע דערצעהלט פון זיינע צוויי האָר-קאַמען.

— אַ צייט מיט יאָהרען האָב איך בענוצט אַ קאַם. דער קאַם איז אַפילו געווען אַביסעלע אַלטמאָדיש, אָבער סאָליד.

אמת טאַקי, עטליכע צייהן האָבען איהם שוין געפעהלט, און די איבעריגע צייהן זענען שוין געווען אַביסעלע אויסגעקרומט, אַ קאַפּעלע אָנגעשפּאָלטען, אָבער איך בין איהם געבליבען טריי. איהר זאָלט מיר בריינגען אַ גאָלדענעם קאַם אָנשטאָט איהם, וואָלט איך איהם נישט פערביטען. אין דערפריה, ווי נאָר איך האָב בענעצט דעם קאָפּ, האָט ער מיר שוין צוגעשמייכעלט פון טואַלעט-טישעל אונטערטעניג און פריינדליך, ווי אַן אַלטער דינער אָהן ציין אין מויל:

— אַ גוט מאָרגען, וואַשע סיאַטעלסטוואָ! איך בין גרייט אייך צו בעדיענען!

— ויהי היום, ברענגט מיר מיין טאָכטער אַ מתנה אַ נייעם שעהנעם קאַם פון העלפאַנט-צאָהן. אַ פיינער קאַם. געזאָקט. ציין ווייסע, גלאַנצעדיגע, ווי ביי אַ יונג ווייבעל. בין איך געבליבען אין פערלעגענהייט, וואָס זאָל איך דאָ טהון? צוריק געבען אָדער בעהאַלטען דער טאָכטערס מתנה, וועט זיך די טאָכטער בעליידיגען. אַוועקלעגען אין שלאָף-צימער אויפ'ן וואַש-טיש דעם נייעם קאַם — וועט זיך דער אַלטער קאַם בעליידיגען... וואָס זאָל איך אייך זאָגען, אברהם אבינו איז געווען גרינגער איינצופיהרען די יונגע דינסטמויד הגר'ן אַנטקעגען דער אַלטער עקרה, שרה אונזער מוטער, ווי מיר, להבדיל, דעם נייעם קאַם אין שכנות מיט'ן אַלטען... פון אַרויסוואַרפען דעם אַלטען קאַם אינגאַנצען האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. איך וואָלט בשום אופן נישט דערלאָזען, אָנטהון מיין אינוואַליד אַזעלכע בזיונות אויף די עלטערע יאָהרען. בקצור, דער אַלטער האָרענער קאַם איז געבליבען אויף זיין פּאָסטען, אויפ'ן רעכטען זייט פון וואַש-טיש, און דער נייער — אויפ'ן לינקען זייט. די ערשטע צייט האָב איך זיך נאָך אַלץ געקעמט מיט'ן אַלטען קאַם, און נאָר אַביסעלע, פון צייט צו צייט, דערקעמט זיך מיט'ן נייעם. נאָר ביסלעכווייז האָט דער יונגער קאַם פון העלפאַנט-ביין, מיט די לאַכעדיגע ווייסע ציין, גענומען די אויבערהאַנד. ער איז טאַקע געווען בעקוועמער, גלאַטיגער און אָנגענעהמער פאַר'ן קאָפּ. כ'האָב זיך לסוף צוגעוועהנט צום נייעם

איז קנאפּ געוואָרען, האָט ער געבעטען, מען זאָל איהם טהון אַ חסד און פערשאַפען אַ שטיקעל געהאַקט הערינגעל.

די בארעמהערציגע שוועסטער אין שפּיטאָל האָט עס איהם געטהון. געקראָגען אַ גוטען הערינג, איינגעהאַקט מיט איי, מיט ציבעלעס, מיט עסיג; אויסגעלעגט אין דער פאָרם פון אַ גאַנצען הערינג צוריק אויפ'ן טעלער, און כדי עס צו פערשענערען האָט זי דאָס נישט-צוהאַקטע קעפּעל צוגעפּאַסט פון איין זייט, דאָס עקעל — צו דער צווייטער זייט, און אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש, בשעת מענדעלע האָט געכאַפּט אַ דרעמעל.

אַז מענדעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער צו זיין גרויסען פערגעניגען דערזעהן פאַר זיך זיין געווינשט מאכל. ער איז אָבער געבליבען ליגען און לאַנג בעטראַכט איהם פון בעט אַרויס. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען ח. נ. ביאַליק, וועלכער האָט זיך דאַן אויך געהיילט אינ'ם זעלבען שפּיטאָל.

מענדעלע האָט איהם געבעטען זעצען זיך נעבען זיך, אָנגעוויזען איהם אויפ'ן הערינגעל און געזאָגט:

— איהר זעהט... מיר ביידע קוקען זיך שוין איבער אַ רעכטע וויי.ע און מיר שמועסען זיך דורך... איך האָב זיך דאָ נישט לאַנג אויפגעכאַפּט און דערזעהן, ווי ער קוקט אויף מיר מיט זיין פערזאַלצען אויגעל. אַז איך האָב זיך אויסגע־שטשוכעט און גענומען קוקען אויף איהם מיט אַפּעטיט, האָט ער זיך דערשראָקען:

— זעה... מענדעלע... וואָס קוקסטו אַזוי?

— וואָס אַהרט דיך, זאָג איך, נאַרעלע, וואָס איך קוק? נאָר ווי איך האָב געמאַכט אַ בעוועגונג, האָט ער זיך נאָך מעהר דערשראָקען:

— זעה... זיידע... וואָס ווילסטו טהון?

מאַך איך שוין צו אים מיט רציחה:

— איך... איך וועל דיך טאַקי אויפעסען!

בעט זיך אַלץ ביי מיר דאָס הערינגעל, רחמים-תחנונים בעט ער זיך:

— זעה... מענדעלע... טשעפּע מיך ניט... אָט, זעה... דו

און „געפּעלשט אַ פעלשונג" אין אַלטען מאָכרעסדיגען קאָם... און דער אַלטער ליגט נעביך עד היום דערביי און קוקט צו, אַ צוקרימטער, אַ פערטריקענטער, אַ „סקאַלעזובער", ווי איך פליר־טעווע פאַר'ן שפּיגעל מיט'ן נייעם קאָנקורענט זיינעם... אָפּט מאָל הער איך פּשוט, ווי ער וויינט שטילערהייד, שאַמקעט ווי אַן אַלטיטשקער מיט אויסגעפאַלענע ציין:

— „אָט דאָס האָט מען אויף דער עלטער... אָט דאָס איז די דאַנקבאַרקייט, אַז מען ווערט אַלט!"

— טהו איך אויף איהם בייז אַ קוק און גיב אַ מורמעל מיט הארץ: גענוג צו נודיען, פּאַרא טשעסט זנאַט! וועסט מיר אַזוי ווייטער פערביטערען מיינע פריהמאָרגענם, וועל איך דיך לאָזען אַרויסוואַרפען אין מיסטקאַסטען, דו הערסט, דו אַלטער תרח דו!..

נאָר באַלד כאַפּט עס מיך ביים הארצען: אַן אינוואַליד נעבעך, אַזאַ אַלטיטשקער דינער... אַ געטרייער... גיב איך אַ וואָרף דעם נייעם, ווייסען קאָם און נעהם זיך קעמען מיט'ן אַלטיטשקען. איך קעם זיך און טרייסט איהם:

נו, שאַ — שאַ... וויין נישט! אָט זעהסטו, אָט קעם איך זיך מיט דיר ווידער. איך רייס מיר די האָר פון פּאַטילניצע... נאָר פערקלאָג מיר נישט מיין קאָפּ, פערקלאָג מיר נישט מיינע יאָהרען!..

דאָס הערינגעל

מענדעלע האָט ליעב געהאַט ספּעציפיש יודישע מאכלים. געהאַקטען הערינג מיט איי און עסיג האָט ער ליעב געהאַט דאָס חיות.

נאָך עטליכע וואָכען פאַר זיין פּטירה, ווען ער איז גע־לעגען האַלב פּאַראַליזירט אין אָדעסער שפּיטאָל, און עסעןוואַרב

ליגסט זיך אזוי אויסגעצויגען... קראנק... און קוקסט... איך ליג אזוי אויפ׳ן טעלערל מיט צוהאקטע זייטען און קוק... לאמיר זיך אזוי ווייטער ביידע ליגען און קוקען... איטליכער אויף זיין ארט.. יואס ארט דיך? טשעפע ניט...

ס׳לעקעכל

די באבע, ווי שוין פריהער דערמאנט, איז געווען אביסעל קארגליך. פאר געוועהנליכע געסט האט זי דערלאנגט נאר טיי, מיט צוקער אין גלאז. פאר אויסערגעוויינליכע געסט — פארא־יאריגע מצה אדער פארא־יאריגע קעקס. איינמאל, אין שבת, האט זי מכבד געווען דעם עולם מיט מצה צום טיי. האט איר איינער געמאכט א קאמפלימענט:

— אוי, באבע, איהר זענט דאך עפיס גאר א בריה! איהר האט נאך מצה פון פסח.

רופט זיך אפ די באבע מיט שטאלץ:

— ס׳איז דען פון ד ע ם פסח? ס׳איז דאך מצה פון פאר צוויי יאהרען פסח...

משמעות, אז די רייה פון היי־יאריגע מצה איז נאך ניט דערגאנגען.

מען קאן ניט זאגען, אז דער זיידע איז זעהר צופרידען געווען פון דער באבעס עקאנאמיע. נאר ער איז צופיל געווען אריינגעטאהן אין זיין אייגענער וועלט, האט ליעב געהאט זיין רוה און האט איהר דעריבער וועגען איהר בעלי־בתיש׳קייט קיינמאל קיין ווארט ניט געזאגט. האט אפט מאל, ווי אן עכטער סטאאיקער, מיטגעמאכט דאס איבערגעטריבענע שפארעניש. איך וויל דא ברייגען נאר איין קליינע אילוסטראציע:

איינמאל אין אדעס — שוין נאך זשענעווע — האבען מיר זאלבעצוויט באזוכט דעם זיידען. מיר דוכט, י. ד. בערקאוויץ

איז געווען דער צווייטער. די באבע האט דערלאנגט טיי, פון א בעהאלטען קעמערל ארויסגעטראגען, אויף א טעלערל, עטליכע לעקעכלאך. די לעקעכלאך זיינען אבער געווען אזוי פארדארט, אז זיי האבען געקלונגען ווי גוטער ענגלישער שטאל. איינער פון די צוויי געסט האט עס א פרוב געטאן ברעכען, האט ער זיך שיר ניט צובראכען א פינגער. דער צווייטער האט געפרובט א ביס טהון — האט ער זיך שיר ניט צעבראכען א צאן. האבען מיר זיך בענוגנט מיט טיי, און די לעקעכלאך געלאזען שטיין.

מענדעלע האט, ווי זיין שטייגער איז, דערציילט און דער־ביי אונטערגעגעבען אונז חשק, מיר זאלען זיך נעהמען, מיר זאלען ניט פערשעמען די לעקעכלאך.

מיר האבען זיך אבער געמאכט ניט הערענדיג.

כדי צו געבען אונז א מוסטער פון מוטיגקייט און כדי דערוויזען אונז, אז קיין זאך אויף דער וועלט איז ניט שטארקער פון א מענשישען רצון, האט דער זיידע גענומען איין קליין לעקעכעל אין מויל ארייין און געוואלט עס צוקייען. נאר געה קיי א שטיין! און נאך מיט גאלע יאסלעס...

האט עס דער זיידע ריידענדיג גענומען אריבערווארפען מיט דער צונג אהער און אהין, שווינקען מיט הייסען טעה, אפשר וועט גאט העלפען, דאס הארץ פון לעקעכעל וועט ווייכער ווערען און עס וועט זיך אונטערגעבען. נאר דאס לעקעכעל האט זיך איינגעשפארט איין מאל פאר א״ע מאל: „ניין!״ און א סוף, אן עק.

און מיר העלפען מענדעלע׳ן ריידען און קוקען בגנבה, וואס דא וועט ווערען פון דועל צווישען זיידען און דעם פייגעק, דעם לעקעכעל, ווער פון ביידען וועט מנצח זיין.

מענדעלע האט באלד דערכאפט אונזער קוק; אין די אויגען זיינע האט זיך בעוויזען א שטיפעריש־יינגליש פייערל, און א ווינק טהוענדיג אויפ׳ן לעקעכעל אין מויל, האקט ער איבער זיין געשפרעך און זאגט:

— איז דאס דאך הארט. א־א?

מיר האבען צוגעגעבען, אז ווי עס שיינט. „לויט דער

אָרימקייט פון אונזער וויסען"... מוז דאָס לעקעכעל רעכט האַרט זיין.

— נאָר אַז מען וויל, קאָן מען עס בייקומען! — האָט מענדעלע בעשלאָסען, א זופּ געטהון טעה און אַראָפּגעשלונגען דאָס פער'עקשנ'ט האַלב-צעגאַנגען לעקעכעל, ווי מען שלינגט אַראָב א מעדיצינישע אָבלאַטקע.

דער לעצטער מאָהיקאַן

איינמאָל, אין זשענעווע איז עס נאָך געווען, אין 1907, איז מיר אויסגעקומען צו שמועסען מיט מענדעלע'ן וועגען די געשעהענישען אין רוסלאַנד זייט דעם קישינעווער פּאָגראָם פון 1903, וועגען דער רעוואָלוציע, וועגען דעם בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסען אין וואַרשא נאָך דעם בעקאַנטען 9-טען יאַנואַר, ווען די קאָזאַקען זיינען אָנגעקומען „מאַכען אָרדענונג", וועגען דער העלדישקייט, אָפט מאָל קינדערשער העלדישקייט, פון יודישע יונגע-לייט, וואָס זיינען דעמאָנסטראַטיוו געפאַלען אין די גאַסען פאַר גאָרנישט מיט נישט. איך האָב איהם דערצעהלט פון א בלוטיגער סצענע אין וואַרשא אויף דזיקא גאַס, פון וועלכער איך בין געווען צופעליג אַן עדות. ווי דריי יונגען, 17—18 יאָהריגע יינגלעך, האָבען זיך עפּעס אין א מין עקסטאַז צונויפגערעדט: לאָמיר אַרויסוואַרפען א רויטע פאָן און פאַלען א קרבן פאַר דער פרייהייט! געזאָגט — געטהון: אַרויס אין מיטען גאַס, אַרויסגעוואָרפען א רויט פענדעל און עפּעס אויסגעשריען אַנטקעגען עטליכע קאָזאַקען, וואָס זיינען אויף זיי אָנגעלאָפען מיט די פערד און מיט די ביקסען. אין אַ מינוט זיינען שוין די דריי יונגען געלעגען טויט אויפ'ן שטיין-ברוק אין א טייך בלוט און מאַרך. די קאָזאַקען האָבען די קערפּערס

צוגעשטופּט צו א טויער, מיטגענומען די פאָהן און אַוועקגעריטען.

דערנאָך... דער מאַניפעסט פון 17-טען אָקטאָבער, די רעאַקציע, די פּאָגראָמען, פּאָגראָמען און פּאָגראָמען... ביטערע איינצעלהייטען, מיאוסע פרטים...

מענדעלע האָט נישט ליעב געהאַט אָפּעסען זיך דאָס האַרץ, גלאַט אַזוי, אין מיטען מיטוואָך נאָך האַלבען טאָג... האָט ער א מאַך געטהון מיט ביידע הענד, ווי מיט פער'חלש'טע פליגלען און א זאָג געטהון אין באָרד אַריין:

— נו, וואָס זאָל מען טהון, וואָס זאָל מען טהון!

מיך האָט עס אַביסעל פערדראָסען. וואָס הייסט — „וואָס זאָל מען טהון? אָפּלייענען קריאת-שמע און זיך לייגען שלאָפען? אָט אַזוי רעאַגירט מען דאָס אויף אַזעלכע זאַכען? און כדי איהם צעוואַרעמען, האָב איך איהם דערצעהלט פון א נאַכט, ווי מען וואַרט אויף א פּאָגראָם... יונגע לייט געהען אום אין די פינסטערע גאַסען פּאָרוויז אין „אָבכאָד" און היטען די שלאָפענדיגע... דער רעוואָלווער אין קעשענע... דאָס האַרץ דריקט... סע גלויבט זיך נישט, אַז מיר יונגע וועלען באַלד שיסען מענשען... שלאָגען זיך אויף טויט און לעבען... דאָס וואַרטען איז פיעל, פיעל ערגער ווי דער פּאָגראָם אַליין... גייען מיר דורך די גאַס איינמאָל. טויט. קיינער נישטאָ. געהען מיר צוריק. זעהען מיר מיט שרעק, אַז דער גאַנצער טראָטואַר איז פערשאָטען מיט פרישע פּאָגראָם-אויפרופען „אויסצושלאַכטען אַלע זשידעס"! די זעלבע שוואַרץ-מאהדיגע פּראָקלאַמאַציעס אויסגעקלעבט אויף די ווענט... א שוידער געהט דורך דורך די ביינער. אַלזאָ, דער שונא שלייכט זיך דאָ אַרום אונז און מיר זעהען איהם נישט!.. דער שרעק נעמט אָן עפּעס מיסטישע פאָרמען... און דאָ פערנעמט זיך אויף טאָג... גראָה ווערט דער הימעל, די בנים'ער — געלב, די אומבעהאָלפענקייט אַנטפּלעקט זיך... וואָס וועט דער טאָג ברייגנען?

— אַזאַ שלעכטע צייט, ווי די צייט — האָב איך פער-

ענדיגט — איי נאָר פאַר יודען אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט געווען.

— איהר האָט אַ טעות — מאַכט מענדעלע און קיקט אין דער לופטען אַביסעלע העכער איבער די שפּאַקולען, דאָס טהוט ער שטענדיג, ווען ער דיינקט נאָך.

— וואָס הייסט?

— געווען אַמאָל ערגער, אַ סך אַ סך ערגער!

און פונקט ווי אַ פייערל האָט זיך אָנגעצונדען אין מענדעלע'ס רוהיגקייט. די אויגען האָבען זיך איהם צעפלאַמט, די ווייסע גריווע האָר האָט זיך איהם צעשויבערט. ער האָט גענומען דערצעהלען פון אַמאָליגען יודישען לעבען, אין ניקאָלאַיעם ו-טנס צייטען... פון יודישע בעלי-טובות און טאַקסע-לייט און מוסרים. פון דער בהלה-צייט, ווען מען האָט חתונה געמאַכט אַכט-יאָהריגע קינדער, כּדי צו ראַטעווען זיי פון דער פינסטערער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטשינע... נאָר נישט תמיד האָט עס געהאָלפען. די „כאַפּערס" (אַ רוח אין זייער טאַטענס טאַטען אריין!) זיינען ווי די וועלף ארומגעלאָפען איבער די שטעדטלאַך, איבער וועגען און בתי-מדרשים, ארויסגעריסען די קינדער ביי די מאַמעס פון אונטער די פאַרטוכער, אָפּגעריסען אין די תלמוד-תורה'ס פון חומש מיט רש"י און פערקויפט זיי, ווי מען פערקויפט שעפּסען, אין די פריסוטסטוויעס... נישקשה, די יודישע גבירים האָבען דערפאַר געצאָהלט גוט געלט, אויסלייזענדיג דערביי די אייגענע „בנים"... קליינע קינדער, שוואַכינקע בני-יחידים, איין-איינציגע ביי מאַמעס-אַלמנות האָט מען נישט געשאַנעוועט... געבראַכט זיי אַ קרבן די גביר'ישע משפחות... היינט די רציחות, די מסירות... דער שמוץ... דער שרעק... געווען אַ סכנה ארויסצופאָהרען אַ יונגען מאַן אין וועג אריין... איהם אַליין האָט מען שוין איינמאָל אין וועג געכאַפּט און געבונדען... מען האָט איהם אָבער אָבגעראַטעוועט... עפּעס אַ נס האָט איהם געטראָפען...

די בילדער פון זיין „ווינשפינגערל", פון זיין „טאַקסע" פון דער „קליאַטשע" האָבען אויפגעפלאַמט פאַר מיינע אויגען

מיט אַ נייער פרישקייט, מיט נייע פאַרבען. אַ שרעקליכע פינסטערע מגילה האָט זיך פונאַנדער געקייקעלט. און מענדעלע שטעהט איבער דער דאָזיגער מגילה און טייטעלט מיר מיט אַ מין אכזריות פון אַ גרויסען מאָלער:

— נאַ, זעה, שייגעץ איינער, נאַ, לייען!

איך האָב מיר געמוזט מודה זיין אין הארצען, אַז אַזוי פינסטער איז ביי אונז אינ'ם איצטיגען (1907) רוסלאַנד נישט. מען קעמפט דאָך. מען האָט מוט צו קעמפען. עס איז דאָ אַן עפענטליכע מיינונג. —

מענדעלע האָט אַ ווילע געשוויגען, דערנאָך פאַמעליך ארויסגערעדט:

— איך בין שוין דער לעצטער, דוכט מיר... דער לעצטער מאָהיקאַן פון יענע איבערלעבונגען... אַלע מיינע חברים פון יענער צייט... נישטאָ. אויסגעשטאָרבען. נישט פאַר קיין יודען געדאַכט אַזאַ צייט. קיין גוטער יוד זאָל פון אַזאַ צייט נישט וויסען!

און נאָך אַצינד, ווען איך דערמאָן זיך אָן זיידען, אָן זיין גאַנצקייט, אָן זיין אויסגעהאַלטענקייט, אָן זיין גראַדען כאַראַקטער, אָן דער גרויסער פאַרבענרייכער וועלט, וואָס ער האָט מיט זיך אין קבר אַוועקגעטראָגען, זאָג איך נאָך אין געדאַנק זיינע אייגענע ווערטער:

— „דער לעצטער מאָהיקאַן"... י. אַ.

גערליץ, 1922.

מ. קיטאי

מענדעלע אין לעבען

עס ווילט זיך גאָר נישט גלויבען, אַז עס איז שוין אַוועק אַ יאָהר, און דאָרט, אין אָדעס, אין די גרויסע צימערען פון דער תלמוד-תורה-געביידע, אין דער דאַטשע אויפ'ן גרויסען פאָנטאַן איז שוין מעהר נישטאָ־דער זיידע.

שוין אַ גאַנץ יאָהר אַוועק, ווי עס איז נישטאָ דער גרויסער דעמב פון אונזער ליטעראַרישען גאָרטען, נאָר זיין גייסט שוועבט נאָך אַוודאי אַרום ווינטער אין זיין קאַבינעט, אויף דעכטיאַרנאַ גאַס אין אָדעס, אינ'ם גרויסען צימער, וואָס אַרומגעשטעלט מיט אַלט-מאָדישע פאָטעלען, וואו אויפ'ן שרייבטיש ליגט דער אביסעל-שוין-פערשמאָלצענער תנכ"ל (אַ ירושה פון גאָטלאָבער'ן) און נעבען איהם ליגט אַ נומער פון העברעאישען „העם", וואָס דער זיידע האָט אין שפּאַס געשטעלט דעם כגל אונטערען עין און איהם גערופען „דעם העם", און וויטער אינ'ם ספרים-שענקעל שטעהען פינקטליך אויסגעשטעלט פאַרשיידענע אַלטע יודישע ספרים צוזאַמען מיט דעם זיידענס אַלע ווערק פון „מענדעלע-פערלאַג", און אויף דער עטאַזשערקע ליגען אַ פּאָר ביכלעך פונ'ם ווילנער „לעבען און וויסענשאַפט" און אַ חבור'ל פון עפּיס אַן אַלטען רב, אַ נומער „יודישע וועלט" און

אַ יודישע דראַמע אויף רוסיש, ספעציעל געשריבען און געווידמעט פון אַ פּראָווינציאָנעלען אינטעליגענט דעם זיידען, און נאָך און נאָך ספרים, ביכלעך און זשורנאַלען, וואָס פלעגען אָנקומען דעם זיידען פון גאָר דער וועלט...

זומער אויפ׳ן „גרויסען פאָנטאַן" (אַ דאַטשע-אָרט אין אָדעס), אינ׳ם נידעריגען הייזעל מיט די קליינע צימערלעך — נאָר ווער דאַרף דאָס הייזעל מיט די צימערען, דער עיקר איז דער אַרומיגער גאָרטען, און דערנעבען איז דער ים און פעלדער, פעלדער אָהן אַ שיעור, וואו מען קאָן אַרומגעהן און ליגען און קוקען אויף די פויגעלעך, וואָס פליהען צוים אין הימעל, און אויף די ווערעמלעך, וואָס קריכען אַרום אויף דער ערד, אויף די זומער-פליגעלעך, וואָס שוועבען אַרום אויף די חיה׳לעך, שרצים ורמשים, וואָס ווידמענען זיך, פרוכטפערען און מערען זיך אויף דער שענער ליכטיגער, מיט זוהן-בעגאָסענער ערד. און דער זיידע לעבט-מיט מיט די דאָזיגע אַלע בּרואים, קאָן זיך איבער זיי נישט אָפּוואונדערען און קוקט אויף יעדער זאַך מיט דער גרעסטער התפעלות: — אַ קליינינקייט עפּעס מעשי-בראשית — ווי ער וואָלט ערשט היינט דאָס ערשטע מאָל דערזעהען די גרויסע וועלט, ערשט נאָר-וואָס געבוירען געוואָרען. זעלטען-זעלטען, אַז ביי יודען זאָל מען אַזוי ליעב האָבען די נאַטור, ווי דער זיידע האָט זי ליעב געהאַט. די שטאָדט איז דעם זיידען פרעמד געווען, ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכען מיט איהר. איהם האָט תמיד געצויגען צום פעלד, צום לאַנד, צו די בוימער, גראָזען און גרינסען, ער האָט תמיד גערעדט וועגען דעם און געבענקט נאָך דעם. אַפילו ליגענדיג שוין אויפ׳ן טויטען-בעט, האָט ער גע׳חלומ׳ט וועגען דעם קומענדיגען זומער, ווען ער וועט זיך ווידער אַרויסציהען אויף דער דאַטשע...

נישטאָ שוין דער דאָזיגער אַלטינקער, וואָס איז תמיד געווען יום-טובדיג, האָט תמיד געהאַט אַסך צו דערצעהלען, בּרענגען צו יעדער זאַך אַ פּאַסיגען משל, פערגלייך און דערביי אויסדריקען די נויטיגע מימיק און זשעסטען, שאַפען

לעבעדיגע טיפען, ווי אַ טאַלאַנט-פולער אַרטיסט, זאַמאַלען און ריכטיג דאָס בילד מיט אַ מינע: נאַט, זעהט און קוועלט!

געזעהען האָב איך איהם דאָס ערשטע כאָל מיט איבער פינף יאָהר צוריק אין אַ רעדאַקציע פון א יודישער צייטונג אין אָדעס. דער זיידע איז אַריין שטאָלץ, מיט גיכע טריט, ווי אַ אַלטער גענעראַל אויף אַ סמאָטער, האָט זיך מיט אַלעמען בעקענט און האָט באַלד אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דעם, וואָס איז אַזוינס אַ צייטונג:

— מען יאָגט, מען פליהט, נישטאָ קיין צייט, מען דאַרף יעדען טאָג געבען אַ פרישען נומער, דער קונה האָט קיין צייט נישט צו וואַרטען, ער וויל פון גאָרנישט נישט וויסען. אַ מאָל ווען מען פלעגט אָנהויבען אַרויסגעבען אַ בוך אָדער אַ זשורנאַל, זענען צוועקגעגאַנגען חדשים ביז מען האָט זיך צוגעגרייט, בעאַרבייט אָדער צוזאַמענגעקליבען מאַטעריאַלען און קוים מיט צרות זוכה געווען צו דערזעהען אַן אָבגעדרוקט ווערק, איצט איז עס גאַנץ אַנדערש, אַלס געהט מיט דאַמף, מיט פּאַרע, עס פליהט...

און באַלד האָט שוין דער זיידע אַ משל:

— אַמאָל האָט מען זיך געשלעפּט פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער מיט פערד און וואָגען, מען איז אַריינגעקראָכען אין אַ בלאָטע און אַרויסגעקראָכען פון אַ בלאָטע, און אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט גאַנצע טעג און וואָכען און אָפטמאָל חדשים ביז מען איז געקומען אויף אָן אָרט. נאָכדעם זענען געוואָרען אייזענבאַהנען. עס האָבען אָנגעהויבען לויפען קוריער-צוגען, און אין עטליכע טעג צייט פאָרט מען אויס אַ וועלט. איצט זענען שוין פאַראַן גאָר עראָפּלאַנען, מען זעצט זיך אַוועק און מען פליהט...

אין אַ ווײַלע אַרום רעדט שוין דער זיידע וועגען דער שפּראַך-פראַגע:

— זיי ליגען, ס׳איז ניט אמת, אַ שפּראַך קען ניט זיין קיין הייליגע. צי קען איך דען זאָגען, אַז מיין בגד, וואָס איך טראָג איז הייליג אָדער נישט הייליג, אין דער צייט, ווען ער איז ביי מיר אַ לעבענס-פראַגע. איך מוז איהם טראָגען און זיך בעווייזען

אין איהם פאַר מענשען, איך קען זיך אָהן איהם נישט בעגעהן.

דער זיידע רעדט גיך און הייס. און מיר אַלע שטעהען אַרום און הערען אויס מיט גרויס דרך-ארץ זיינע רייד. נאָר באַלד גיט ער זיך אַ כאַפּ, אַז ער שטערט אונז און מיר זענען אַוודאי פערנומען. ער הויבט זיך אָן צו געזעגענען, עמיצער פון אונז טוט זיך אַ כאַפּ. דער זיידע איז אַודאי געקומען מיט אַ שטעקען? דער זיידע וואַרפט אויף איהם אַ שטרענגען בליק און טוט אַ זאָג:

— איך דאַרף נים קיין שטעקענעס...

דער זיידע איז ביז מיט צוויי יאָהר פאַר זיין טויט, ווען ער האָט בעקומען דעם ערשטען שלאַק, נישט געגאַנגען מיט קיין שטעקען, האָט אַ סך אַרומשפּאַצירט, האָט שאַרף און דייטליך גערעדט און האָט זיך בכלל געהאַלטען אַ סך יונגער, ווי ער איז געווען. ער פלעגט אָפטמאָל לאַכען פון די יונגע, וואָס קענען איהם נים נאָכגעהן.

אין די ווינטערדיגע שבתים איז מען געקומען צום זיידען אין דער פריה. דער זיידע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבען אָן ביי זיין שרייבטיש, און די בעזוכער אַרום איהם, און דער ראש-המדברים, פערבלעהט זיך, איז ער געווען. און וואָס צו רעדען און דערצעהלען האָט דער זיידע געהאַט גאַנצע פעק, אַ ים... ער דערצעהלט פערשיידענע מעשיות, אַנעקדאָטען, זכרונות, אָט דאָס, וואָס האָט פּאַסירט דאָ נים לאַנג, מיט אַ יאָהר זיכציג זיבעציג צוריק... דערביי פערטראַכט זיך דער זיידע, פערקנייטשט זיין הויכען קלוגען שטערען און דערמאָנט זיך בעת-מעשה נאָך אַ זאַך, וואָס האָט אויך דענסמאָל פּאַסירט, און אין דער מעשה פערפלעכט זיך שוין אַ דריטע ביז דער זיידע שטעלט זיך פלוצלינג אָב און טוט א פרעג באַ די אַרומיגע: „הא, איז וואו האַלטען מיר, וועגען וואָס האָבען מיר אָנגעהויבען?". עמיצער פון די אַרומיגע דערמאָנט איהם, און דער זיידע צעלאַכט זיך הויך אויף אַ קול: „אָווא, וואו איך בין פערקראָכען"...

געווען איז ער אַ גרויסער בעל-חלומות, האָט זיך תמיד

אַרומגעטראָגען מיט גרויסע פראָיעקטען און פּלענער. אַמאָל האָט דער זיידע אַ סך גערעדט וועגען אַרויסגעבען אַ גרויסען זשורנאַל, אַרום וועלכען מען דאַרף זעהען אַרומצוקלייבען אַלע יונגע און דרייסטע, וואָס מען פערטוישט זיי פון דער יודישער ליטעראַטור. מיר דאַרפען טאַלאַנטפולע מענשען, וואָס זאָלען שאַפען אַ ליטעראַטור און זאָגען אַ דרייסט וואָרט, נישט בעהאַלטען זיך מיט אַ מיינונג און אַ געדאַנק. ביי אונז איז אַלץ געוואָרען משפחה'דיג. „ביסטו פון מיין חדר, ביסטו אַ ליטעראַט, אויב נישט, געה זיך דיר"... „מען דאַרף רייניגען דעם ליטעראַרישען גאָרטען, אַרויסוואַרפען די פסולת און דערנער, אויפציהען אַלץ, וואָס איז פריש און בליהענדיג"...

דער זיידע האָט זיך וואָס-ווייטער אַלץ מעהר צעהיצט וועגן דעם און זיך שטאַרק פערטיפט אינם דאָזיגען ענין. דערביי איז געזעסען דוד פרישמאַן וועלכער האָט זיך אויך געלאָזען מיטריי-סען פון דער דאָזיגער זאַך, וואָס האָט אין יענער צייט (דאָס איז געווען פאַר דער רוסלענדישער רעוואָלוציע) געקלונגען ווי אַ פאַנטאַזיע. אַ לאַנגע צייט זענען זיי ביידע געזעסען און געמאַכט פּלענער וועגען דעם דאָזיגען גרויסען זשורנאַל, וואָס מוז געשאַפען ווערען... און ביים געזעגענען זיך איז דער זיידע געווען שטאַרק צופרידען פונ'ם פּלאַן און האָט גערעדט וועגען דעם, ווי וועגען אַ בעשטימטער זאַך.

אַמאָל האָט דער זיידע געמאַכט אַ פּלאַן צו קויפען ערגעץ ביים ים אַ שטיקעל ערד, אויסבויען דאָרט אַ הויז, וואו ער זאָל וואוינען, אויך זאָל דאָרטען זיין אַן אָרט פאַר יודישע שרייבער. עמיצער זיך וועלען דאָרטען באַזעצען, זאָל ער זיצען און אַרבעטען, ער וועט מיט אַלץ זיין פערזאָרגט און וועט קענען לעבען רוהיג. דער זיידע האָט שוין געהאַט געבעטען, מען זאָל איהם צושיקען אַ צייכנער, וועלכער האָט געמאַכט דעם פּלאַן פון הויז מיט אַ ביבליאָטעק, אַ לעזע-זאַל און אַלץ, וואָס נויטיג איז, נאָר דער זיידע האָט געשטעלט אַ בעדינגונג: אַרום הויז מוז, למען-השם, זיין אַ גאָרטען...

דער געצייכענטער פלאַן פון דעם דאָזיגען „ליטעראַטען־היים" מוז זיך נאָך איצט געפינען ביי עמיצען אין אָדעס.

דער זיידע האָט זיך אין דער לעצטער צייט געהאַט אַרומגעטראָגען מיט אַ פלאַן וועגען אָנשרייבען אַ גרויסע דראַמע, וועלכע ער האָט פערטראַכט. בעאַרבעטען די דראַמע האָט איהם צוגעזאָגט מיטצוהעלפען אַ יודישער דראַמאַטורג. דער זיידע האָט זיך אָבער געקלאָגט, אַז יענער האָט קיין וואָרט נישט געהאַלטען. דער זיידע האָט דערצעהלט, אַז דערדאָזיגער דראַמאַטורג האָט וועגען דער דראַמע דערצעהלט מאַקסים גאָרקין, וועלכען דער געדאַנק איז זייער געפעלען געוואָרען.

II

דער זיידע האָט די לעצטע 35 יאָהר געלעבט אין אָדעס, און מען קען זאָגען, אַז דאָס איז געווען אַ שטיק טראַגעדיע פון זיין לעבען. אָדעס מיט איהר צוויי־הונדערט טויזענטדיגער יודישער בעפעלקערונג, וואָס צייכענט זיך אויס מיט דער הפקרות, לייכטזיניגקייט און עם־הארצות, מיט'ן בערימטען אָדעסער „קוגעל־רוסיש" און אומגעלומפערטקייט, — האָט דער זיידע, פערשטעהט זיך נישט געקענט לעבען אין גרויס נחת אין דער דאָזיגער שטאָדט. פיעל מאָל איז דעם זיידענס מקורבים אויסגעקומען צו הערען פון איהם וועגען זיין נישטצופרידענקייט מיט אָדעס. אַ מאָל אויף אַ באַנקעט פון אַ יודישען שריפטשטעלער, האָט דער זיידע געזאָגט, אַז אָדעס קאָן נוט בעגראָבען, ווייל בעת עס שטאַרבט דאָרט אַ יודישער שריפטשטעלער, קומט איהם בעגלייטען אַ גרויסער עולם, נאָר בעת דער שריפטשטעלער לעבט און שאַפט, קען איהם אין אָדעס קיינער נישט...

אַ מאָל, אין סוף יאָהר 1916, זענען זיך ביים זיידען צוזאַמענגעקומען אויף אַ בעראַטונג ביאַליק, פרישמאַן, ראַווניצקי און ספעקטאָר, צוזאַמען מיט יונגע יודישע ליטעראַטען, כדי צו געפינען אַן עצה פאַר די יונגע, וועלכע האָבען זיך אין יענער צייט געפונען אין אַ שרעקליכער לאַגע...

איינער פון די יונגע האָט אָנגעהויבען „אויסצורעדען דאָס הארץ", האָט דערצעהלט וועגען דער טרויעריגער לאַגע, אין וועלכער די יונגע געפינען זיך, האָט אָנגעוויזען, ווי אָבגעריסען זיי זענען פון נאָהענטע און אייגענע און אַז עס איז נישטאָ פון וועמען צו דערוואַרטען קיין הילף, האָט מען בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו אונזערע רביים, צו די עלטערע שריפטשטעלער. דער זיידע האָט זיך דעמאָלסט אויפגעהויבען און האָט מיט גרויס צער גערעדט וועגען דעם, אַז וואָס, משטיינס געזאָגט, פאַר אַ ראָלע שפיעלט אַ יודישער שריפטשטעלער אין אָדעס. און אַ סך טרויעריגע זאַכען האָט דער זיידע דערצעהלט וועגען דער דאָזיגער ראָלע...

די לעצטע צייט פאַר זיין טויט האָט דער זיידע גערעדט וועגען דעם, אַז ער פאָרט צוריק אַריבער קיין בערדיטשעוו, פון וואַנען די דאָרטיגע קהל'שע רעדעלפיהרער האָבען איהם פערטריבען מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק פאַר זיינע ביכער, אין וועלכע זיי האָבען דערזעהען זייער אמת'ן פנים...

די יודישע שריפטשטעלער אין אָדעס בראש מיט'ן זיידען האָבען געבילדעט אַ מין אָאַזיס אויף דער גרויסער וויסטעניש פונ'ם אָדעסער יודישען לעבען. יעדערער האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב איהם צו בעזוכען.

זיצט אַמאָל דער זיידע אין זיין סביבה און דערצעהלט וועגען אַ פאַרצייטיגען רב, וואָס האָט געדאַרפט געהן אין געריכט זאָגען עדות. איז וואָס טהוט מען מיט'ן היטעל? הגלוי ראש!

איז ער זיך מיישב און טהוט אָן אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ, כּלומר'שט פערבונדען די ציין, נאָר דער גאַנצער קאָפּ איז פערדעקט. דער זיידע נעהמט דאָס באַלד אויפ'ן אָרט אַרויס אַ טיכעל פון קעשענע, טהוט עס אָן אויפ'ן קאָפּ און מאַכט נאָך, ווי יענער האָט גערעדט און:

— „האַ, ווי געפעהלט אייך״?..

הויבט מען אָן צו רעדען וועגען גנבים, האָט אייך דער זיידע צו דערצעהלען פעק מיט מעשיות, האָט אַמאָל אין בערדיטשעוו דער „רבי״ פון די גנבים התונה געמאַכט אַ טאָכטער. האָט ער, פערשטעהט זיך, גענומען דעם סאַמע לייטישען גנב, און כּדי צו וויסען, אויב ער וועט קענען פערזאָרגען דעם „רבי'ס״ טאָכטער מיט ברויט, טהוט צו דער חופּה-וועטשערע אַ זאָג דער שווער צום איידעם: „אַנו, אפשר וועסטו מכבּד זיין די געסט מיט טיי?״ אין אַ האַלבע שעה אַרום, דערצעהלט דער זיידע, זענען אויפ'ן טיש געשטאַנען אַרום אַ טוץ סאַמאָוואַרען, וואָס דער געראָטענער איידעם האָט צוזאַמענגעשלעפּט פון די אַרומיגע גאַסען. אַנדערע האָט ער געבראַכט הייסע, קאָכעדיגע, ערשט צוגענומענע פון ביי די שוועלען, וואו מען האָט זיי געהאַט אויפגעשטעלט... און חוץ דעם האָט ער נאָך געבראַכט צום פערבייסען אויך...

און נאָך אַ מעשה:

„ביינאַכט האָבען גנבים ערגיץ אָבגערייניגט אַ בוידים מיט וועש. האָבען זיי אין איילעניש איבערגעלאָזען דאָרט די שיך. קומט אויף מאָרגען דער „רבי״ זייערער צו דער בע'גנב'עטער בעל-הבית'טע און בעט ביי איהר די שליסלען פונ'ם בוידים. „אויף וואָס דאַרפט איהר די שליסלען פונ'ם בוידעם?״ וואונדערט זיך די בעל-הבית'טע, „די קינדער האָבען די נאַכט געאַרבעט אויפ'ן בוידעם, האָבען זיי דאָרטען פערגעסען זייערע שיכלעך — ענטפערט דער „רבי״.

אַמאָל רעדט מען וועגען אַ יונגען שריפטשטעלער אַז אויטאָדידאַקט, וואָס שטאַמט פון די יודישע קאָלאָניעס. דערצעהלט

דער זיידע, ווי אַזוי יענער איז צו איהם געקומען דעם ערשטען מאָל.

—„איך געה אַרויס פון שטוב, ערשט אין קאָרידאָר שטעהט אַ געזונטער הויכער יונג מיט ברייטע פּלייצעס און אַ פּאָר געזונטע שטיוועל. „איהר זענט מענדעלע מוכר ספרים״ — פרעגט ער מיט אַ גראָב קול. איך טהו אַ קוק אויף איהם, מעסט איהם אָב מיט די אויגען פון אויבען אַראָב און ענטפער: „און אַז יאָ, איז וואָס איז?״ „איך האָב אייך צו לייענען מיינעם אַ כתב יד, ווען קען איך צו אייך צוגעהן?״ „אויב איהר ווילט — שוין!״ זאָג איך, און מיר קערען זיך באַלד אום צוריק אין שטוב אַריין. איך הייס זיך איהם זעצען און זאָג איהם: „נו, איך האָב צוגענויגט מיין אויער און בין גרייט אייך אויסצוהערען״. דער יונגערמאַן הויבט מיר אָן צו לייענען אַ מעשה מיט אַ דאַך און מיט פויגעלעך, איך טהו איהם אַ פרעג: „איהר האָט ווען עס איז געזעהען פויגעלעך?״ „יאָ״, — ענטפערט ער. „איך הער, — זאָג איך, — אַז איהר האָט די פויגעלעך געזעהן. נו, וואָס האָט איהר עפּעס גזאָך?״ ער שלעפּט מיר אַרויס פון בוזעם קעשענע אַ נייע מעשה און לייענט ווייטער „נו, דאָס — זאָג איך — האָט איהר שוין נישט געזעהען, זייט מוחל און צערייסט עס״...

און עס געהט אַוועק אַ רייהע מעשיות פון יונגע לייט, בחורים, מיידלעך, וואָס קומען צום זיידען לייענען איהם זייערס און נודיען, אַז עס איז שווער פון זיי זיך אָבצוטשעפּען...

— אָט דאָ נישט לאַנג, — דערצעהלט ווייטער דער זיידע — קומט צו מיר אַריין אַ בחור און לייענט מיר לידער, מעשיות, ערצעהלונגען און וואָס נאָר איהר ווילט. „וואָס האָט איהר געטהון, יונגער מאַן, טהו איך איהם אַ פרעג, ביז איהר האָט זיך גענומען פאַרן שרייבען,״. „איך בין געוועזען אַ שניידער״. „מיר דוכט, ענטפער איך איהם, אַז (און רוף דערביי אָן נעמען פון עטליכע רייכע שניידער אין אָדעס) זיי לעבט זיך גאָר נישט שלעכט. כ'לעבען אַ סך בעסער, ווי יודישע ליטעראַטען. אפשר

וואלט געוועזן א פלאן איהר זאלט בלייבען ביי אייער מלאכה, צו וועלכער איהר האט, מיין איך, מעהר טאלענט?"

ס'איז בעוואוסט, אז דער זיידע האט געהאט א זעלטען שעהנעם כתב, די אותיות זענען געוועזן ממש געפערלט, קליינע אותיותלעך, וואס האבען זיך אויסגעשטעלט אין א גלייכע רייהע און זענען געוועזן קלאר און דייטליך. „יעדער ליטעראט, האט דער זיידע אמאל געזאגט, איז מחויב צו האבען א ריינעם און קלארען כתב. די יעניגע, וואס האבען נישט קיין קלארען כתב זיינען מחויב צו געהן זיך לערנען קאליגראפיע, ווארום עס איז פשוט א פערברעך צו מוטשען מענטשען מיט א שלעכטען כתב"...

אין לעבען איז דער זיידע געוועזן נישט קיין קלענערער קינסטלער, איידער אין דער ליטעראטור, אין זיין יעדען געשפרעך, אין זיין יעדער ערצעהלונג און משל איז געוועזן א שטיק שאפונג. פון זיינע געשפרעכען קען מען אנשרייבען ביכער, וועלכע וואלטען אודאי געהאט א קינסטלעריש-ליטערארישען ווערט און וואלטען ענטדעקט און קלארער געמאכט די גרויסע קינסטלערישע און רייכע פערזענליכקייט פונ'ם זיידען פון דער יודישער ליטעראטור.

III

דער טאג איז א שענער, די זון שיינט און וואַרעמט. עס דוכט זיך, אז נישט הערבסט איז איצט, נאר ארום פאר-פסח, פריהלינג. אט באלד וועלען די בוימער צוריק אנהויבען בליהען. די ערד וועט זיך מיט גרינס בעדעקען, די נאטור וועט זיך בענייען, און דער זומער וועט זיך דערנעהנטערען...

דער זיידע איז שטארק קראנק. איצט איז ער געפערליך.

גאר אין יענעם טאג, ווען איך בין ביי איהם געוועזן דאס לעצטע מאל האט ער נאך דערקענט מענשען און גערעדט.

אט דער דאזיגער ליעבער אלט'נקער איז נאך מיט קנאפע צוויי יאהר צוריק געגאנגען מיט א הויך אויפגעהויבענעם קאפ, שטאלץ אהן א שטעקען. געלאכט האט ער דעמאלט פון די יונגע, וואס קאנען איהם נישט נאכגעהן. פאר דער לעצטער צייט האט ער זיך שטארק פערענדערט. פאר צוויי יאהר ווינטער האט ער בעקומען א שלאק, איז קראנק געוועזן און פון דעמאלסט אן ווערט איהם אלץ ערגער. די לעצטע פאר וואכען האט זיך זיין געזונד-צושטאנד אויף אזוי פיעל פערערגערט, אז ער האט געמוזט אוועק אין שפיטאל.

איך זיץ ביי זיין בעט. דער זיידע האלט איין אויג פערמאכט און דערצעהלט וועגען זיינע געדאנקען און איבערלעבונגען. דער זיידע איז תמיד געוועזן די צענטראלע פיגור אין דער יודישער ליטערארישער וועלט און דעריבער פערדריסט איהם, וואס א געוויסער צווייג פון אונזער ליטעראטור איז געווארען אן ענין פאר מעצענאטען, וואס לעגען ארויף זייער האנט אויף דער ליטעראטור, דעם שטעמפעל פון פילאנטראפיע.

— „קינסטליך, — זאגט דער זיידע, — קאן מען קיין ליטעראטור נישט שאפען, די ליטעראטור מוז אויסוואקסען ארגאניש. מיט קיין רעצעפטען וועט מען נישט העלפען און נישט בויען".

און דער זיידע גיט אן אייגענארטיגען משל:

— א קראנקער, וואס די דאקטוירים פעראָרדנען איהם, ער זאל שוויצען. וואס טהוט מען אבער, אז ער שוויצט נישט? פיהרט מען איהם אין מרחץ אויף דער אויבערשטער באנק און דעמאלט שוויצט ער, אבער צי איז דאס נארמאל? צי דאס מיינען די דאקטוירים?...

— מען דארף קענען דאס לעבען, מען דארף קענען די נאטור. ביי אונז איז מען ווייט סיי פון דעם, סיי פון יענעם.

לאָמיך, למשל, נעמען בעשרייבען אַ שעהן געדעקטען טיש, אַז איך האָב איהם אין מיין לעבען נישט געזעהען...

— איך האָב געשריבען מיין אויטאָביאָגראַפיע „שלמה רבי חיימס“. ס'איז מיר זער שווער אָנגעקומען, ווייל ס'איז שווער צו שרייבען וועגען איין מענשען, וועגען זיך.

און באַלד געהט דער זיידע איבער צו אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען און צו דער אָבגעשטאַנענקייט, וואָס הערשט ביי אונז:

— איך ליג אָפּט ביינאַכט און טראַכט וועגען דעם עלעמען. איך רוף צו דעם מענשען, וואָס שלאָפט ביי מיר אין צימער און בעט איהם: „העלפט מיר אַרויסראָמען אָט די אַלע שמאַטעס, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט. ס'איז מיר ענג פון דעם אַלעמען. העלפט בויען דעם היכל פון קונסט, דעם אמת'ן קונסט-היכל“. ער פערשטעהט מיך נישט און מיינט, אַז איך בין אַ פאַנטאַזיאָר.

— „מיר איז זעהר שווער צו רעדען וועגען דעם, איך רעג מיך אויף און עס טהוט וועה דאָס הארץ“...

מיט עטליכע וואָכען צוריק איז מען מיך געקומען איינלאַדען אַלס עהרען-גאַסט צום יובילעי פון „בונד“. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין גאַסט ביי דער יודישער דעמאָקראַטיע, נאָר אַ מחותן. געזאָגט האָב איך דאָס דערפאַר, ווייל ביי זיי, ביי דער ציוניסטישער קאָמפּאַניע, האָט מען אונז, יודישע שרייבער פאָרגעוואָרפען, אַז מיר זענען עם-הארצים פון שלום אש קאָמפּאַניע. האָב איך געהייסען איבערגעבען אַ גרוס פונ'ם גרעסטען עם-הארץ, וואָס שרייבט יודיש. מען איז שוין דערפאַר אַרויסגעטראָטען קעגען מיר אין דער העברעאישער פרעסע, נאָר איך אינטערעסיר זיך אפילו נישט מיט דעם...

דער זיידע איז אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון דער נאַטור. שוין אַ משך פון 35 יאָהר זינט דער זיידע וואוינט אין אָדעס, האָט ער נאָך כמעט איין זומער נישט פערפעלט צו וואוינען אויף אַ דאַטשע. ביי איהם איז די דאַטשע אַ שטיק פון זיין לעבען, פון זיין „איך“. דאָרט רוהט ער זיך אָב, פיהלט דעם

אמת'ן טעם פון דער נאַטור. יעדעס בלימעלע, יעדעס בוימעלע און גרעזעלע איז איהם ליעב און טייער, און ער קאָן וועגען דעם דערצעהלען אָהן אַ שיעור. די שטאָדט האָט ער נישט ליעב און זיך געפינענדיג אין איהר רעדט ער תמיד וועגען דער דאַטשע און וועגען זומער.

אויך דאָס מאָל האָט דער זיידע גערעדט וועגען דער דאַטשע. בעת ער האָט זיך פון מיר דערוואוסט, אַז אין דרויסען איז אַ שעהן וועטער און די זון שיינט, האָט ער גענומען רעדען מיט אַ בעזונדער בענקשאַפט וועגען דעם, אַז ער וואָלט שוין וועלען אַראָבגעהן פון בעט, דערוואַרטען זיך דעם זומער און אַרויספאָהרען אויף דאַטשע.

ביי געזעגענען זיך זאָגט מיר אָן דער זיידע, איך זאָל למען השם אַריינקוקען אין דער ענציקלאָפּעדיע און זעהען, ווי האָט געהייסען דער יוד, וואָס איז געווען שטאַרק בעפריינדעט מיט ביסמאַרקען, ווייל ער דאַרף דאָס האָבען צו זיין דראַמע...

1918

משה כץ

צו גאַסט ביי מענדעלען

אַ פּאָר מאָל האָב איך זיך מיט איהם בעגעגענט און וועגען די בעגעגענישען דערמאָן איך זיך איצט ביי זיין פרישען קבר.

דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען זומער 1904. איך בין דעמאָלט צוערשט געקומען קיין אָדעס, געווען נאָך פּאַקטיש אַ „רוסיש שפּרעכענדער" און האָב נאָר על פּי שכל און על פּי פּראָגראַם פערשטאַנען, אַז „צו די מאַסען" דאַרף מען רעדען און שרייבען „זשאַרגאָן".

איך געדענק שוין נישט ביי וואָס פאַר אַ געלעגענהייט, נאָר איך האָב בעשלאָסען צו בעזוכען „דעם זיידען", מענדעלע מוכר ספרים. געקומען צו איהם, האָט ער מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך, אונגעפער ווי אַן עלטער לעהרער נעמט אויף זיינעם אַ געוועזענעם תלמיד, צערעדט זיך, צעפרעגט זיך וועגען דער שטאָדט ניקאָלאַיעוו, פון וואַנען איך בין געקומען, אינטערעסירט זיך מיט דעם, ווי דער „פריינד" — דעמאָלט נאָך די איינציגע יודישע טעגליכע צייטונג — געהט דאָרט א. אַ וו.

און אין געשפּרעך האָב איך איהם צופעליג בעמערקט:

— יאָ, איהר ווייסט, די זשאַרגאָנע ליטעראַטור און די זשאַרגאָנע שפּראַך וואָלטען געהאַט אַ סך שאַנסען צו ענטוויקלען זיך...

מענדעלע איז אַנטשוויגען געוואָרען, אַ מינוט געקוקט אויף מיר ווי פון דערווייטענס און דערנאָך זיך שטיל אָבער אַ ביסעל ברוגז אָנגערופען:

— יונגערמאַן, אויב איהר ווילט זיך מיט מיר ניט צוקריגען ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט, בעט איך אייך, רעדט מיר נישט וועגען „זשאַרגאָן". עס דאַרף דאָך אַמאָל נעמען אַן עק: פערציג יאָהר, אַז איך שרייב שוין, ביכער אַרויסגעגעבען, נאָך שרייבער זענען געקומען, און איך, קומט ביי אייך אויס, שרייב נאָך אַלץ נישט אויף קיין מענשליכען יודישען לשון, נאָר אויף עפּעס אַ „זשאַרגאָן"? איהר ווייסט, וואָס „זשאַרגאָן" בעדייט?

און ער האָט מיר לאַנג געניי גענומען ערקלערען, אַז דאָס וואָרט „זשאַרגאָן" בעדייט אַ גנבים־שפּראַך, אַ שפּראַך פון ווילדע עם־הארצים.

און אַז כאַר דער יודישער שפּראַך און פאַר יודישע שרייבער איז אַ בעליידיגונג, ווען מען רופט אונזער לשון זשאַרגאָן...

— אָט פרעגט אויף אַ טשיקאַוועס ביי אַ פשוטען יודען און ביי אַ פשוטער יודענע, וואָס רעדט מאַמע לשון, ווי גאָט האָט געבאָטען, פרעגט זיי צי זיי ווייסען גאָר, וואָס „זשאַר־גאָן" איז...

איך האָב, פערשטעהט זיך, גאָר אין דעה נישט געהאַט צו בעליידיגען דעם זיידען און אונזער שפּראַך. האָב איך זיך פאַר איהם שטאַרק ענטשולדיקט, און פון זיין אויסרייד זענען צוויי פעולות פערבליבען:

ערשטענס האָב איך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגע־שלאָסען דאָס וואָרט „זשאַרגאָן" פון מיין ווערטער־בוך און צווייטענס בין איך עפּעס נאַטירליכערווייז פון דעמאָלט אָן גע־וואָרען אויס „רוסיש־שפּרעכענדיג".

צו מאַמע־לשון איז פאָרט גרינגער געווען איבערצו־געהן, ווי צו זשאַרגאָן.

* *
*

מיין צווייטע בעגעגעניש מיט מענדעלע'ן איז פאָרגעקו־מען סוף 1912. ווען איך האָב זיך געקליבען פערלאָזען רוסלאַנד און געפיהלט, אַז איך מוז זעהען דעם „זיידען" צום לעצטען מאָל.

געקומען בין איך צו איהם מיט אַ גרוס פון וואַרשע, פון „פריינד", וואו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט און פון די וואַרשע־ווער יודישע ליטעראַרישע קרייזען.

ער האָט מיך אויפגענומען זעהר וואַרים, און עפּיס אַ נערוועזקייט האָט זיך געפיהלט אין דעם אויפנאַם פון דעם אַלטען. ער האָט זיך געפיהלט איינזאַם — האָט דעמאָלט גע־האַט סכסוכים מיט די אָדעסער העבראַיסטישע קרייזען — און איז דעריבער געווען שטאַרק צופרידען מיט דעם גרוס, וואָס איך האָב געבראַכט:

— אָ, אַן איניקעל געקומען. נו זעצט זיך, זעצט זיך, דערצעהלט, וואָס הערט זיך ביי יודען אויף דער וועלט. גע־דענקען מיך נאָך די יודען אין אייערע מקומות?

אָבער דערצעהלען איהם האָב איך נישט געהאַט קיין מעגליכקייט, ווייל אָנשטאָט אויסצוהערען מיך און צעפרעגען זיך ביי מיר, האָט ער מיר אַליין גענומען דערצעהלען. גערעדט וועגען די ציוניסטען, אויף וועלכע ער איז שטאַרק ברוגז, מיט עפּעס אַ קינדיש־זיידישער ברוגז'קייט, — גערעדט וועגען זיינע ליטעראַרישע פּלענער, וועגען דעם, אַז ער וואָלט זיך נאָך וועלען דורכפאָהרען קיין אַמעריקע, און צי וועל איך נישט קענען דאָרט אין אַמעריקע, וואוהין איך קלייב זיך צו פאָהרען, דערוויסען זיך ווי אַזוי ער וואָלט אַהין קענען קומען; לאַנג גערעדט וועגען דעם, אַז די ציוניסטען פערשוועכען די משיח־בענקשאַפט פון דעם יודישען פאָלק, מאַכען פון דעם הייליגען

לשון א פארטיי-פאן, אונטער וועלכע ער קען זיך נישט שטעלען; איבערגעגאנגען אויף די פוס-באַל-שפּילען און „פּאַטיעשנע ראַטעס", וועלכע האָבן זיך דעמאָלט שטאַרק פערשפּרייט אין רוסלאַנד צווישען די שוהל-קינדער און צווישען יודישע בתוכם,— גערעדט מיט אזא מאָדנער היץ, מיט א פייער, וועלכען מען וואָלט בשום אופן נישט געקענט ערוואַרטען פון א מאַן פון 77 יאָהר און האָט אזוי אָפּגערעדט אפשר א דריי-פיער שעה, נישט לאָזענדיג מיך „קומען צום פסוק".

ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט.

— הא, — האָט ער פערענדיגט מיט א קלוגען שמייכעל, — איך האָב זיך, דאַכט זיך, א ביסעל פעררעדט. נו, ס'מאַכט נישט אויס, ס'מאַכט נישט אויס, איך ווייס דאָך, איהר אַליין האָט דאָך מסתמא בעסער געוואָלט אויסהערען מיך איידער מיר דערצעהלען... איך ווייס, ס'איז דאָך שוין אפשר דאָס לעצטע מאָל, ווי מיר זעהען זיך, — ווי מיינט איהר?

ער איז געווען גערעכט. מיר איז געוויס אינטערעסאַנטער געווען אויסצוהערען איהם, ווי אַליין דערצעהלען און געזעהן האָבען מיר זיך ווירקליך דאָס לעצטע מאָל...

בעגלייטענדיג מיך צום טיר רופט ער זיך פלוצלינג אָב מיט א שטיל שמייכעל:

— נו, און וואָס הערט זיך ביי אייך איצט וועגען „זשאַרגאָן"?

איך בין נשתומם געוואָרען:

— וואָס איז, איהר געדענקט דען?

— א שאלה צי איך געדענק, אָבער איך האָב פריהער קיין צייט נישט געהאַט צו פרעגען אייך...

1917

יעקב פיכמאַן

ביי'ם אָוועגד-שיין

I

מיט מענדעלען האָב איך מיך בעקאַנט פערזענליך אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען. עס איז קיין ספק נישט, אז אין דער עלטער איז ער שוין געווען גאָר אַנ'אַנדער מענש. די הארטע כאַראַקטער-שטריכען זיינע, די שטריכען פון דעם רויהען קעמפער און מוסר-זאָגער אין די יונגע יאָהרען זיינע, זענען אַלץ בלאַסער און ווייכער געוואָרען. בשעת דער פרעכטיגער שקיעה, די שקיעה פונ'ם קינסטלערס לאַנגען טאָג, זענען זיך ווי צולאָפען די אַלע שווערע שאָטענס, וואָס האָבען איהם פערפאָלגט, און דער פאַרנאַכטיגער הימעל האָט זיך א לויטערער און צאַרטער אויסגעשפּרייט איבער'ן קאָפּ פונ'ם גרויסמוטיגען, וואָס האָט זיך נישט איינגעבויגען אונטער דער משא פון די לאַנגע לאַנגע יאָהרען זיינע. אין דעם אָבשיין פון דערדאָזיגער שקיעה האָב איך איהם געזעהען א געלייטערטען, א געזעצטען, ווי א פערענדיגטען מאָנומענט, — ווי א בוים, וואָס איז געשטאַנען אין אייביגער בליהונג. כ'האָב זיך צוגעקוקט צו איהם בשעת

זיין ארבייט און בשעת׳ן אָברוהען, אין מאָמענט פון התעוררות האָב איך איהם געזעהען און אין מאָמענטען פון אידילישען הומאָר — און ער איז פאַר מיר געווען ווי אַ סימבאָל פון אייביגער באַנייאונג און פון אייביגען וואַקסען — ווי אַ סימבאָל פון דעם נייעם מענש און יוד, וואָס וועט קומען. אָט דער דאָזיגער הויך-געוואַקסענער און גלייך-געוואַקסענער מאַן מיט די ליכטיגע אויגען און געזונדער נשמה, איז שטענדיג געשטאַנען פאַר מיר, ווי פערקערפּערענדיג מיט זיך דאָס אומקערען פונ׳ם יודען צו דער נאַטור, צו די טייערע קוואַלען פונ׳ם לעבען. איך האָב ליעב געהאַט קומען צו איהם אין שטוב, זיצען לאַנגע שעה׳ן, און צו זעטיגען מיינע אויגען מיט דעם ליכט פון זיין פּנים, זיצען און הערען זיינע געשפּרעכען — הערען פּשוט דעם קלאַנג פון זיין קאָלאָריטנע שטים און זיין זאַפטיגען געלעכטער, דאָס געלעכטער פון דעם זיידען, דעם פּקח און טיילמאָל קפדן, וואָס קיין זאַך איז פאַר איהם נישט פערבאָרגען און פונדעסטוועגען קאָן ער אַלץ פערגעבען. און זעהענדיג דאָס דאָזיגע ליכטיגע לעבען, וואָס האָט זאָרגלאָז געשטראָמט פון טאָג אויף טאָג און פון יאָהר אויף יאָהר, האָב איך עס שטיל געבענטשט און געבעטען פאַר דעם דאָזיגען לעבען, וואָס האָט ווי בעשיצט אונז, אונזער ליטעראַטור, מיט זיין גרויען ליכטיגען קאָפּ, מיט דער זיכערקייט פון אַ גייסט, וואָס הערט נישט אויף צו טראָגען זיין פּרוכט.

פון זיינע שאַרפזיניגע מימרות, מיט וועלכע ער פלעגט אונז אַזוי אָפט מכבד זיין, ווען מיר פלעגען קומען צו איהם — געדענק איך וועניג.

פון מענדעלע׳ס געשפּרעכען וואָלט טאַקע געדאַרפט בלייבען אַ זכר אין אונזער ליטעראַטור, הגם פון זייער ווערט ווערד פיל געמינערט, ווען זיי האָבען נישט זיין לעבעדיגע אַרטיסטישע אויסמימיק, ווען מ׳האָט נישט פאַר זיך דעם פאַרבענרייכען אויסדרוק פון זיין געזיכט און מ׳הערט נישט די דראָבנע, חוזק-פולע שטים זיינע, וואָס איז געווען דער בעסטער פּירוש צו זיינע חריפות׳דיגע פּשט׳לעך און קאַלאַמבורען. אָהן דעם דאָזיגען קאָלאָריט, אָהן דעם אייגענאַרטיגען סטיל איז נישט צו פערשטעהען דעם אומגעהוירען צויבער פון מענדעלע׳ס תורה שבעל-פה. מענדעלע איז נישט נאָר אין זיינע געשריבענע ווערק, נאָר אין אַלצדינג געווען אַ מענש, וואָס איז געווען אין גאַנצען סטיל. דער קלענסטער שטריך אין אים איז געשטעמפּעלט מיט אַנ׳אייגענאַרטיגען שטעמפּעל: אין זיין אַרט רעדען, אין זיינע בעוועגונגען, אין אַלץ איז ער געווען טריי זיין אייגענעם מהות, זיין סוביעקטיווען ריטם, וואָס לאָזט זיך כמעט נישט איבערגעבען. דאָס מעפיסטאָפעלישע מיטן אידילישען זענען געווען אַזוי מאָדנע איבערגעקרייצט אין זיין וועזען, אַז אַלע קינסטלער, וואָס האָבען אים געמאָלט אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, האָבען נישט געקאָנט אויפכאַפּען דעם סינטעז. מענדעלע האָט זיך אַליין סטיליזירט, און זייענדיג אַנ׳אַרטיסט בטבע, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שפּילען עפּיס אַ שפּיעל, וואָס איז נישט נאָר געווען שפּיעל — ווייל ער האָט דאָך געשפּיעלט זיך אַליין, זיין קינסטלערישען העלד. און אין דעם דאָזיגען שפּיעלען איז געווען אַזוי פיעל גוטמוטיגקייט מיט חוזק, אַזוי פיעל סאַטירע מיט הומאָר, אַזוי פיעל הכמה מיט נאַאיוויטעט צוזאַמען, אַז הערען אים איז געווען דער גרעסטער תענוג. עס האָט גערייצט און בערוהיגט אין דער זעלבער צייט. עס איז געווען נאַטור מיט קונסט. אַ מאָדנע אויסמיש, פון וועלכען עס לאָזט זיך קוים געבען אַ בעגריף יענע, וואָס האָבען עס אַליין נישט מיטגעמאַכט.

ער האָט גערעדט ווי ער האָט געשריבען. עס האָט געהאַט פּשט מיט רמז, ערנסט מיט וויץ, און אַזוי געווען יודיש באַפאַרבט, אַזוי מדרש׳דיג, אַזוי שאַרף אָנגעצויגען, אַזוי געקניפּט מיט אַ פּסוק מיט אַ מאמר חז״ל, אַזוי צונויפגעפיהרט ווייטע בעגריפען, און אַזוי איינגעפלאָכטען דאָס נייע אין אַלטען, און דאָס אַלטע אין נייעם, גלייך ווי גאַנצע דורות האָבען זיך פערקערפּערט פאַר אונז אין איין פּערזאָן, וואָס טראָגט אין זיך דאָס גאַנצע אָנגעפּראַטעוועטע רייכטום פון זיי אַלע. ער האָט אַלץ געזעהען, ער האָט אַלץ פערהיט פון פערגעסונג. וואָס ער האָט

נאָר אַרויסגעלאָזט פון מויל, האָט ער באַלד געהאַט דערצו אַן אַנאַלאָגיע אויפ׳ן אָרט אין דער צאַלטער ליטעראַטור צו דער פאָרם און אינהאַלט, און אַלץ איז פאַר איהם געווען אַ חומר פאַר אַ פיינעם דרוש, פאַר אַ חקירה, און אַ פּלפּול, וואָס האָט געגלאַנצט מיט עמוקות פון אַ תּלמיד־חכם אַ חקרן און צו דער זעלבער צייט, מיט דער גאַנצער פאָלקס־תמימות און פאָלקס־שאַרפזיניגקייט. רעדען מיט מענדעלען האָט געהייסען פאַר מיר שטודירען איהם, דערקענען איהם, זעהען איהם, ווי ער שטעהט אַ אויסגעלייכטער און בליצט מיט די געשליפענע ברילען, און „פיילט" זיינע מימרות און בייזערט זיך מיט אַ געלעכטערעל און שטיפט אין סאַמע ערענסט און שיט מיט פערל פון חכמה, איז געווען אַזאַ אָריגינעלע ערשיינונג, ווי אַ בלעטעל מענדעלע, אויב נישט נאָך מעהר.

II

מענדעלען האָב איך דעם ערשטען מאָל געזעהען אין יאָהר 1909. איך געדענק אַ סיון־פאַרנאַכט, ווען די אַקאַציעס פון די אָדעסער גאַסען זענען געשטאַנען מיט זייער רייכער פריהלינג־בליהעכץ, און די טונקעלע דרומ׳דיגע הימלען האָבען זיך ווייך און וואַרים געשפּרייט איבער דער שטאָט; איך בין אַריין אין דעם פערלאָזטען הויפעל פון דער „תּלמוד תּורה" אויף דער דיעכטאַרנער גאַס, און איך האָב אין ערשטען מאָמענט זיך אָנגעהויבען וואַקלען, צי זאָל איך אַריינגעהען צום זיידען אָדער אָבלעגען מיין וויזיט אויף אַ צווייטען מאָל, ווי איך האָב שוין געטהון נישט איין מאָל פאַר דעם. צו וואָס טויג דאָ די בעהעלטענישען? — מען האָט מיר געזאָגט, אַז נישט אַלע מאָל איז דער זיידע צופרידען פון די פיעל געסט, און

איך בין נישט געווען זיכער, אַז מיין קומען אין זיין שטוב וועט איהם זיין אָנגעלעגט. מען האָט מיר געזאָגט: דער זיידע האָט זיך זיינע קאַפּריזען. מען האָט אויף איהם אַרויסגעלאָזט אַ שם־רע, אַז ער איז אַ קפדן און צייטענווייז אַ שוועער־מענש.

נישט אָהן אַ לייכטער האַרץ־קלאַפּעניש בין איך געשטאַגען ביי דער טהיר, געוואַרט זי זאָל זיך עפענען, און דער, וועמענס געשטאַלט איך האָב אַזוי פיל יאָרען געטראָגען ביי מיר אין האַרצען, וועט ערשיינען פאַר מיינע אויגען. דער דיכטער, ווי ער בעווייזט זיך אין זיינע ווערק, אין די געצעהלטע מינוטען פון דערהויבונג, ווען דער גייסט שטאַרקט זיך איבער׳ן חומר, און דער דיכטער אין דער ראַם פון טאָג־טעגליכען לעבען, ווען ער טראָגט, ווי אַלע, די שווערע לאַסט פון לעבען — איז דען מעגליך, אַז זיי זאָלען זיך ענליך איינער צום צווייטען, אַז די האַרמאָניע פון דעם שעפער און זיין שאַפונג, ווען זיי זענען צושיידט, זאָל נישט צושטערט ווערען? אָט דער שווערער מאָמענט, וואָס איז בא אונז, גלייך ווי דער פאָרהאַנג פון דער חלומות־וועלט וואָלט אַראָבגעפאַלען, איז שטענדיג פון די געפערליכסטע.

נאָר אָט האָט זיך געעפענט די טיר, און דער זיידע אַליין האָט זיך בעוויזען אין טיר און האָט מיך געבעטען אַריינגעהען. דעם ערשטען מאָמענט, ווען ער האָט זיך פאַר מיר בעוויזען, וועל איך אייביג נישט פערגעסען. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס איז פּלוצלינג געוואָרען ליכטיג אַרום־און־אַרום. אַ הויכער, אויסגעצויגענער זקן איז געשטאַנען פאַר מיר, אַ גלייכע, געשטרעקטע פיגור, מיט אַ פּנים, וואָס לויכט און שמייכעלט — משכמו ומעלה העכער פון אַלעמען. יאָ, ד אָ ס א י ז ע ר! — האָב איך אַ טראַכט געטהון בערוהיגט. יעדע בעוועגונג פון זיין קאָפּ איז געווען פול מיט אויסדרוק און מלא־חן. אַ מלכות׳דיגער גלאַנץ האָט אַראָבגעשיינט פון זיין שעהנעם קאָפּ, פון די ווייסע קורצע לאָקען. אין זיין קין, עטוואָס אַ אויפגעהויבענעם אַ קאַמף־פאַרטיגען, און אין די דינע צונויפגעדריקטע

ליפּען איז נאָך געבליבּען פון דעם אייגגעהאַלטענעם חוזק׳ פונ׳ם אַמאָליגען „מחמיר״, נאָר אָט גיט ער זיך אַ בויג, לייט־ זעליג אַ בויג איבּער מיר, לייכט מיט זיין דראָבּנע געלעכטערל, און עס שטעהט אַ ליבּער, אַלטיטשקער זיידע. איך פיהל מיט פרייד, אַז א י ך ה אָ ב א י ם ל י ע ב. ווירקליך, און וואָס מעהר איך קוק מיך איין אין אים, אַלץ מעהר פיל איך: יאָ, אַזוי זעהען אויס די אויסדערוועהלטע, די, וואָס גאָט האָט זיי ליעבּ!

אַ וואונדערליכער אָוועגד. אין די גרויסע הויכע צימערן איז אַלצדינג זויבּער, ציכטיג. און עס איז שטיל. איך זיץ פאַרן אַלטען רבּי׳ן און זאַפּ איין אין זיך די דאָזיגע שטילע פייער־ ליכקייט. מיר שמועסען, דאָס הייסט: ער רעדט, און איך הער. און דעמאָלט שוין האָט דער זיידע קיין אַנדערן נישט געלאָזט אַ וואָרט אויסרעדען.. .דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָבּ געהערט זיין געשפרעך, און איך האָבּ נישט געגלויבּט מיינע אויערן; כ׳האָבּ נישט געגלויבּט, אַז עס איז דאָ אַ מענש, וואָס איז אַזוי לויטער קינסטלער, ווי ער, זיין גאַנצער געשפּרעך איז געווען עפּעס אַן אימפּראוויזאציע. און נישט נאָר דער אינהאַלט איז געווען אַזוי וואונדערבּאַר, נאָר די אָרגאַנישע איי־ ניגקייט פון דער פאָרם מיט׳ן אינהאַלט. יעדעס וואָרט, יעדער אויסדרוק איז געווען אַ פּסוק פון מענדעלע׳ס ווערק, און עס איז געווען צו גלויבּען, אַז דאָס רעדט ער נישט סתם, נאָר ער לייענט גאַנצע זייטלעך פון זיינע ביכער...

צווישען די שורות נאָר האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען אַ שטילע אָנקלאַגע פונ׳ם זיידען אויף דער יונגער ליטעראַטור. עס איז געווען קענטיג, אַז אַפילו צווישען דער גרויסער חברה פון זיינע אייניקלעך האָט ער זיך געפיהלט דאַן אַזוי איינזאַם, ווי אין די גאָר אַמאָליגע צייטען. געווען צו זעהען דעם קלאַ־ סיקער, דעם זקן, וואָס קוקט אַראָבּ פון זיין הויך, די הויך פון שלימות׳דיגער קונסט צו דעם תהו־ובהו פון דער יונגער שאַפונג, די פערלווירענע, וואָס טאַפּט אין דער פינסטערניש. דער זיידע איז נישט געווען קאָנטענט פון אַ סך ערשיינונגען אין דער ליטעראַרישער וועלט.

אַכט יאָהר זענען ערשט אַדורך פון מיין ערשטען בעזוך ביי מענדעלע׳ן אין שטוב, נאָר אַז איך נעם אויפ׳ן מוח יענעם אָוועגד, זעה איך אַלץ ווי דורך אַ נעץ פון ליכ־ טיגע שאָטענס. איך געדענק די הויכע רוימיקע צימערן, פול מיט אַ גרויס שטילשווייגען, און איך הער די לויטערע קלאַנ־ גען פון דעם זיידענ׳ס שטים, זיי זענען פול געווען מיט אַ שטילען טרויער. דאָס ווידערקול פון גרויסער איינזאַמקייט, די איינזאַמקייט פון אַ גרויסען קינסטלער, וואָס האָט זיך שטענדיג צו שטיצן נאָר אויף זיך אַליין, האָט נאָך אָפּגעקלונגען שטיל פון מענדעלע׳ס רייד, און נאָר די רוהיקייט פון דעם געניטען, און לאַנג־געפּרואבטען, וואָס האָט שוין פיעל געזעהען אויף זיין וועלט, האָט אויף זיין טרויער אויסגעגאָסען אַ שיין פון הומאָר און טרייסט, עס איז שווער, נאָר עס איז אַ פרייד צו טראָגען איינער אַליין און געהן אַנטקעגען דעם נייעם טאָג, דעם נייעם לעבּען. דער שווערער שטורעם איז שוין געווען פאַרבּיי, און די שיף, וואָס האָט זיך שטיל געהוידעט אויף די כוואַליעס פון דער שטילער בוכטע, האָט נאָר צומאָל אַ לייכטען ציטער געטהון, ווי דערמאָנענדיג זיך די וויכטיגקייט פון יענע טעג, וואָס זענען ווייט הינטער איהר געבּליבּען...

III

גאָר אַנ׳אַנדער שטימונג איז ביים זיידען געווען, ווען איך האָבּ איהם בּעזוכט אין עטליכע יאָהר אַרום אויף דער זומער־וואוינונג אונטער אָדעס. עס איז געווען אַ זומער־טאָג, אַ זוניגער און, אַז די היץ האָט זיך געשטאַרקט, איז דער

אראָמאַט פון די גראָזען און בלומען געשטאַנען אַ שאַרפער — אַ פאַר׳שבועות׳דיגער. פערטו׳כט פון ליכט, וואַרימקייט און וואוילגערוך זענען מיר אָנגעקומען פערמאַטערטע צו זיין וואוינונג. דעם זיידען האָבען מיר געטראָפען אין גאָרטען. אַז ער האָט אונז דערזעהען, איז ער אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבען אונז צו בעטראַכטען, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט זיין געלאַסענעם פקחות׳דיגען בליק, ווי אויספראובענדיג אונז. צווישען אונז איז דעמאָלט געווען ביאַליק, וואָס איז דאַן געקומען צום זיידען נאָך אַ קורצער הפסקה איבער עפּעס אַ שטיקל ברוגז, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זיי. די סיבה פון דעם ברוגז געדענק איך שוין נישט. ווער עס איז געווען באַהענט צום זיידען אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, געדענקט אודאי, ווי דער זיידע פלעגט זיך זייער לייכט בעליידיגען. מיר פלעגען זיך שוין זעהר היטען מ׳זאָל איהם נישט אָנטרעטען מיט דער קלענסטער זאַך. און ביאַליק, למשל, אַז ער פלעגט זיך דערמאָהנען, אַז מ׳האָט שוין אַ לענגערע צייט נישט בעזוכט דעם זיידען, פלעגט ער ווערען אַ אויפגעקאָכטער: אוי וועה, דעם זיידען פערגעסען! ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער זיידע פיהרט חשבון, און איהם איז נישט לייכט אָבצונאַרען. באַלד ברוגז, פלעגט ער זיך אויך באַלד לאָזען איבערבעטען; און אויך דאָס מאָל, אַז זיינע שאַרפע אויגען האָבען ביאַליקען דורכגענומען דורך און דורך, האָט זיין פנים אָנגעהויבען לייכטען, דערנעהנטערענדיג זיך, האָבען זיי זיך צוקושט, און דער זיידע איז אַ קליינע ווײַלע געווען אַ ביסעל צורודערט און גליקליך.

אין יענעם טאָג איז פאַר מיר ענטפּלעקט געוואָרען גאָר אַ נייער מין מענדעלע — דעם מענדעלע פון „מחוץ לחומות“. דעמאָלט האָב איך איהם געזעהען אין דער ליבליכער פראַכט פון דער גרויער עלטער. ערשט דעמאָלט האָב איך תופס געווען, וואָס איז אַזוינס די ברכה פון לאַנג-לעבען און די „שעהנקייט פון עלטער, זעהענדיג איהם, האָב איך געגלויבט, אַז איך זעה פאַר מיר אַ פערצייטיגען זקן, איינעם פון יענע אַלטע אַמאָלי-

גע צייטען, ווען דער מענטשליכער גייסט האָט געבליהט ביז אין דער טיעפער עלטער; ווען דער סימבאָל פון גליק און לעבען איז געווען די עלטער, און די מענטשליכע גרויסקייט רעכענט זיך נישט ביי די פריהסטע טעג פון לעבען, נאָר ביי זייער פראַכטפולער נעילה.

די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט עפּעס אַ גוטמוטיגקייט. עס האָט אַ פנים געהאַט, ווי מיר אַלע וואָלטען ביי דער זייט פון דעם געבענטשטען זקן געפיהלט די טריט פון דעם נייעם לעבען, דאָס לעבען פון פּאָעזיע און שעהנקייט, וואָס קומט אָן. גלייך ווי די קללה פון די טעג, וואָס דער זיידע איז אַמאָל אַן עדות געווען, וואָלטען זיך פלוצים אָבגעטהון פון אונז. ער איז פאַר אונז געווען ווי אַנ׳אַלטער סאָלדאַט, וואָס קערט זיך אום זיגרייך פון שלאַכט, און ווייסט, אַז ער האָט רעכט אויף רוה, — אַז ער האָט זיינס געטהון. און נישט נאָר אין דעם אַרט רעדען זייגעם, נאָר פיעל מעהר נאָך — אין זיין שטים, אין זיין געלעכטער איז געווען אַזוינס, וואָס האָט דערמאָהנט דאָס פאָלקסטימליכע געשטאַלט פון די אַמאָליגע „בעלי-אגדה“...

איך האָב דערצעהלט וועגען לעבען אין ארץ-ישראל. ביאַליק, ווי זיין שטייגער, האָט זיך דערוואַרימט און שוין אָנגעוואָרפען אַ פּלאַן פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער ליטעראַרישער אַרבעט אין ארץ-ישראל, וואו עס זאָלען נעהמען אַנטייל אַלע אונזערע שרייבער. און דער זיידע האָט געטרוימט וועגען אַ שטיבעל מיט אַ גאָרטען אין איינער פון די ארץ-ישראל קאָלאָניעס, און האָט זיך שוין געפרייט מיט די קליינע גרינע אוגערקעס, וועלכע ער וועט אַרויסגעהען קלייבען יעדען פריה-מאָרגען אין זיין גאָרטען, אויף די קליינע צופה׳לעך, וואָס ער וועט האָדעווען פון זיין האַנד... מענדעלע איז געווען אַזוי טריי זיין אייגענער פאַנטאַזיע — אויך אין ארץ-ישראל האָט איהם געלאָקט נישט דאָס עקזאָטישע, נאָר דער היימישער פּייזאַש פון אַ בעשיידענעם גאָרטען — די ברכה פון דער פשוטער אידיליע. אָט דאָס פרידליכע, אידילישע, וואָס האָט אַלץ מעהר בעהערשט זיין שאַפונג אין דער לעצטער תקופה; די געליי-

טערט׳ז אידיליע, וואָס האָט אַזוי מילד בעלויכטען דעם אָווענט פון זיין אייגענעם לעבען.

IV

איך ווייס נישט, ווי מענדעלע האָט געלעבט אין די פריערדיגע צייטען, נאָר אין יענער צייט, וואָס איך האָב איהם געקענט, האָט געהערשט אַ וואונדערבאַרע אָרדענונג אין זיין שטוב, אין זיין טאָג-אַרבעט, אין זיין עסען און טרינקען, אין זיין שפּאַציר און אָברוה-צייט. און אַלץ האָט געהערשט דאָס געפיהל פון מאָס, פון קלוגער בעגרענעצטקייט. ער איז געווען שטאַרק אָבגעהיט אין הולכת-היגיענע, אַ פּנים, נאָך פון דער יוגענד אָן, און דאָס האָט איהם, ווי עס שיינט, אַזוי וואונדערבאַר דערהאַלטען אין דער עלטער. אַ געזונדער מיט אַ קלאָרען געדאַנק, פריש און גוט געשטימט אין אַזאַ טיפער עלטער, האָט נישט געקאָנט נישט אַרויסרופען אַ שטאַרקע בעוואונדערונג, ביי אַלע, וואָס האָבען איהם געזעהען. יעדען האָט אינטערעסירט צו וויסען דעם סוד פון דער דאָזיגער האַרמאָניע און שלימות, וואָס דער גרויסער זקן האָט דורכגעפיהרט אין זיין לאַנגען לעבענס-וועג, אַזוי, אַז די צייט האָט איבער איהם קיין שליטה נישט געהאַט.

ער פלעגט זיך נאָר קלאָגען צייטענווייז אויף שלאָפלאָזיקייט. „אַ זייגער צוויי-דריי אין מיט׳ן נאַכט — פלעגט ער מיר אָפט זאָגען — דערפיהל איך פלוצים, ווי אַלצדינג אין מיר ווערט מיט אַ מאָל וואַך, קלאָר. פערגעסענע זכרונות טויכען אויף מיט אַ מאָדנע לויטערקייט. עס שטעהען אויף די יוגענד-יאָהרען, און איך קאָן שוין מעהר נישט שלאָפען... דעמאָלט שטעה איך אויף פון מיין געלעגער, שפּאַציר מיר אַרום

דעם גרויסען ביכער-צימער אָדער קוק אַריין אין אַ ספר ביז׳ן ליכטיגען טאָג״...

דאָס לעצטע מאָל האָב איך איהם געזעהען אין זיין גאַנצער „הדרת שיבה״ אים ווינטער תרע״ה, בשעת מיר האָבען געפייערט זיין אַכציג-יעהריגען געבורטס-טאָג. מיר האָבען זיך דעמאָלט פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם אַזוי, אַז אַלע צימערען פון זיין רחבות׳דיגער דירה זענען געווען פול. און אַז ער האָט זיך בעוויזען צווישען די געסט מיט זיין לויכטענדיגען פּנים און שמייכלענדיגע אויגען, מיט וועלכע ער האָט ליעב געהאַט צו פינטלען מעשה-קונדס דורך די ברילען, — איז נישט געווען קיין האַרץ, וואָס זאָל זיך נישט פרעהען מיט איהם, וואָס זאָל זיך מיט איהם נישט גרויסען. עס האָט אויסגעזעהען, ווי אין איהם וואָלט זיך פערקערפּערט אייביגע פרישקייט פון אונזער פּאָעזיע — דער גלאַנץ פון עלטער און יוגענד אין איר.

ער איז דורכגעגאַנגען דורך אונז מאַיעסטעטיש מיט זיין גאַנצער אויסגעצויגענער, געשטרעקטער געשטאַלט, גנעדיג געשמייכעלט צו יעדען בעזונדער, און דרך-אגב. נישט פערגעסען אַ ביס צו טהון דעם אָדער יענעם פון די אייניקלעך, די עזות-פּניב׳ער וואָס האָבען אַזוי פיעל צייט איהם נישט בעזוכט, דראָהענדיג צו זיי מיט׳ן פינגער... מיר האָבען איהם אַרומגערינגעלט אין געקוואָלען פון איהם. מיידלעך, פרויען, יונג און אַלט האָבען איהם געגריסט, זיך געקושט מיט איהם. אַזאַ וואַרימע האַרציגקייט און צערטליכקייט האָט אָנגעפיהלט די גאַנצע שטוב. דאָ, נעבען זיידען. איז אַלץ געוואָרען ניהא, און אַפילו מיר, יודישע שרייבער, האָבען זיך אויך דערפיהלט ווי מיטגלידער פון איין משפחה...

אַ מין זעלטענע לייכטקייט האָט זיך געפיהלט צווישען אונז, ווען מיר האָבען געהאַט דעם זיידען נעבען אונז. ער פלעגט רעדען, און מיר אַלע פלעגען איינזאַפּען אין זיך זיינע רייד — ריכטיגער, זיין שטים. ער האָט פערמאָגט דעם כּח אַלצדינג צו מאַכען היימיש, פאָלקסטימליך און אייגענאַרטיג

צוזאַמען, און יעדעס וואָרט זיינס איז געווען דער פולצר-זאטער אָבקלאַנג פון אַ לאַנג וואונדערליך לעבען, וואָס איז געבליבען אָבגעהיט, ניט-געפעלשט אין זיין שאַפען און אין זיין הארצען. פון זיין אַרט רעדען האָט מען געקענט לערנען, ווי אַ יודישער שרייבער מוז זיין נאָהענט צום פאָלק, צו זיין לעבען, צו זיין שפּראַך, אויב ער וויל, אַז זיין שאַפען זאָל נישט ליידען מיט קיין אַנעמיע פון אויסטראַכטעניש...

V

יענער אָווענד איז געווען דער לעצטער, וואָס איך האָב מענדעלע׳ן געזעהען אין גלאַנץ פון זיין עלטער, אויב מען קען אַזוי זאָגען — מיט זיין גאַנצען זיעג איבער איהר... עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און עס האָבען אָנגעהויבען דער-געהן צו אונז ידיעות וועגען זיין שווערער קראַנקהייט. אַרויס-געהענדיג איינמאָל אינדערפריה פון דער וואַנע, האָט ער זיך צוגעקיהלט און בעקומען אַנ׳אָנפאַל. דאָס איז געווען דער ערשטער דונער, וואָס האָט דערלאַנגט אין אָט דעם וואונדער-באַרען בוים, און מיר אַלע זענען פון דער ידיעה אַרומגע-גאַנגען מיט אַ צעבראָכען האַרץ. מיר האָבען געוואוסט, אַז דער מענטש איז אַלט, און אַז דאָס גרעזעץ פון אַלע לעבעדיגע וועט איהם נישט אויסמיידען. נאָר זיין טיעפע עלטער האָט אונז געהאַלטען אין אַ מאָדנעם מין בטחון, אַז דער זיידע וועט, אַזוי ווי ער איז, נאָך לאַנג-לאַנג פערבלייבען, אַז מ׳קאָן קיינעם נישט פערגלייכען צום זיידען — דער זיידע איז גאָר עפּעס אַנדערש...

מיר איז געווען שווער צו זעהן מענדעלע׳ן אַזוינעם, — איך האָב נישט געקאָנט קוקען אין זיין ערשטער ירידה. און

מעשיות הענען מענדעלען.

ווען אַפילו עס איז איהם אַ ביסעל בעסער געוואָרען, פלעג איך אַ צייט אויסמיידען זיין הויז. און ערשט אין אַ פּאָר מאָנאַטען אַרום, אַז ער איז אָבגעפאָהרען אויף אַ זומער-וואוינונג, און מען האָט מיר איבערגעגעבען, אַז די זון און די גוטע ים-לופט האָבען אויף איהם נאָך איצט אויך געהאַט די שטענ-דיגע ווירקונג, בין איך אין איינעם אַ סיון-טאָג געפאָהרען זיך זעהען מיט איהם.

און עס איז ווידער געווען אַ זוניגער זומער-טאָג, ווי מיט אַ יאָהר צוריק. פון איבער דעם ים האָבען זיך געטראָגען גאַנצע מחנות ווייסע ליטערע וואָלקענס, וואָס האָבען פערהאָנגען דאָס הויז, וואו דער זיידע האָט געוואוינט, ווי מיט לייכטע פאָרהאַנגען. אַ פרישע פייכטקייט האָט זיך געטראָגען פונ׳ם נאָהענטען ים, און די גאַנצע צערטליכקייט פונ׳ם יונגען דרום׳דיגען זומער איז געווען אויסגעגאָסען אין דער לופט. נישט אומזיסט האָט דער זיידע אַ גאַנצען ווינטער אַזוי געבענקט נאָך די זומער-חדשים, און נאָך פּאַר פורים אונז שוין אָנגעהויבען מאַטערען מיר זאָל ן פאָהרען דינגען פּאַר איהם אַ זומער-וואוינונג. דאָס רעדען אַליין וועגען פרישע לופט און וועגען פעלד אין דאָרף איז געווען גענוג עס זאָל איהם אויפמונטערען, אַריינגיסען אַ יוגענדליכע פרישקייט אין זיינע וועלקענדיגע אָדערען.

דאָס מאָל האָב איך דעם זיידען געטראָפען זיצען אויף אַ באַנק אין שאָטען פון אַ ברייט בלעטערדיגען קאַשטאַנען-בוים, אָנגעשפאַרט מיט ביידע הענד אויף זיין שטעקען. ער האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך דערפרעהט מיט׳ן גאַסט, זיך אויפגעשטעלט און מיך אָבגעמאָסטען מיט זיין גע-לאַסענעם בליק איבער די ברילען, פערוואַרפענדיג אַ ביסעל דעם קאָפּ אויף הינטען (אַ סימן איז דאָס תמיד געווען, אַז דער זיידע איז אַ ביסעלע ברוגז, פאַרוואָס מ׳האָט איהם נישט בעזוכט אַ לענגערע צייט), נאָר פון זיין גאַנצען אויסזעהן און זיין האַלטען זיך האָט דאָך שוין אַרויסגעקוקט אַ שטאַרקע מידקייט. דאָס ערשטע מאָל האָט מען דערזעהן דעם לאַסט פון לאַנג-לעבען, וואָס דער זיידע האָט געטראָגען אויף זיינע

אַקסלען. אויך די קראַנקהייט זיינע האָט איבערגעלאָזט אין זיין געזיכט און אין זיין רעדען קליינע שפּורען. דער זיידע האָט נאָך געקעמפט געגען דעם אָנגריף פון דער עלטער, — האָט זיך איר נאָך נישט אונטערגעגעבען, נאָר די ערשטע שכאַלטען זענען שוין געווען קענטיג אין דעם קרעפטיגען בוים, — עס איז געווען צו דערקענען, אַז דער לעצטער זיעג, דער אמת'ער זיעג, וועט על-כל-פּנים זיין אויף דער זייט פון דער עלטער...

און איך בין ווידער געזעסען נעבען איהם און געהערט איהם רעדען. אויך דאָס מאָל האָט ער נישט געקאָנט פער־ציכטען אויפ'ן רעדען, וואָס איז איהם אָנגעקומען שווער, אַ דאַנק די רעשטלעך פון זיין קראַנקהייט. דאָס רעדן — דאָס איז נאָך געווען דאָס איינציגע טרעפּעל צום שאַפען, ווען די איבעריגע מיטלען זענען ביי איהם צוגענומען געוואָרען... איך געדענק, אַז צווישען אַנדערע האָט ער מיר דעמאָלט דערצעהלט וועגען זיין בעציהונג צו ליליענבלומען עליו-השלום... ער פלעגט איהם שעצען פאַר זיין אָרענטלעכקייט און ריינהאַרציגקייט. אין גאַנצען אָבער האָט ער, קענטיג, נישט סובל געווען דעם באַגרענעצטען אין זיין טיפער ערנסטקייט שעפער פון „חטאת נעורים": רבונו־של-עולם, ווי קען דאָס אַ מענש דערצעהלען פון לעבען, אַז ער האָט אפילו דעם גערוך פון לעבען נישט געקענט? ווען אַ מענטש וואָלט געווען בכוח איהם דעם סוד פון לעבען צו ענ־דעקען, וואָלט ער דאָך מויל און אויערען געעפענט פון פער־וואונדערונגען...

בשעת אונזער געשפּרעך האָט זיך דער ים-ווינט געשטאַרקט, און די ביימער האָבען אָנגעהויבען רוישען אונטער די שוואַרצע וואָלקענס, וואָס זענען געהאָנגען איבער אונזערע קעפּ. איך האָב זיך געאיילט צוועקצופאָהרען, און דער זיידע האָט זיך איינגעשפּאַרט ער וויל מיך אַ ביסעל בעגלייטען. נעבען זיין וואוינונג איז געווען אַ גרויסער פרייער פלאַץ, איינגאַנצען בע־וואָקסען מיט ווילדע גראָזען, וואָס האָבען זיך געהוידעט אויפ'ן ווינד. אַרויסגעהענדיג און דערשפּירענדיג דעם ווינד, איז מענ־דעלע געוואָרען שטיפעריש, ווי אַ קינד. ער האָט אויסגעטהון

זיין הוט, און די ווייסע לאָקאָנעס פון זיין קאָפּ האָבען גע־פלאַטערט אויפ'ן ווינד, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר מינוט ביי אַ קוה, וואָס איז געשטאַנען מיט אַנ'אָראָפּגעלאָזטען קאָפּ און הילכיג מיט גרויס פלייס געגריזשעט דאָס גראָז, ער האָט נישט געקענט אָפּרייסען די אויגען פון דעם דאָזיגען בילד. און ער האָט ווידער פערריסען די אויגען צו די מחנות בעוועגליכע וואָלקענס און איינגעאָטעמט אין זיך די שאַרפע ים-לופט... און זיין גאַנץ וועזען האָט ווי געבעטען צו גאָט פון דער ערד: „בעשיץ מיך אייביג אין שאָטען פון דיינע פליגעל!"...

VI

מענדעלע דער דיכטער פון נגלה, דער נביא פון איינ־פאַכען, ערדישען, איז געווען, וואָס רייפער ער איז געוואָרען, אלץ מעהר צוגעשמידט צו דער שעהנקייט פון נאָהענטען פרידען; און אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבען און שאַפען האָט ער זיך אינגאַנצען בעהאָפטען צו דער ערד, צו דער ערד פון זיין ווייטען געלייטערטען פריהלינג, פון זיין פאַר־בען-רייכער קינדהייד. נישט קוקענדיג אויף זיין טיעפער עלטער, האָט ער, ווי אַ קינד, נישט אויפגעהערט חלום'ען וועגען אַ דאָרפס־לעבען, וועגען אַ נחלה מיט פעלד און מיט גאָרטען, וואָס זאָל בענייען זיין יוגענד. קיינער פון אונז האָט אזוי נישט ליעב געהאַט די ערד, די פרייד פון אַרבייט, האָט אזוי נישט טייער געהאַלטען דעם לאַנגזאַמען אויפבוי פון לעבען און קולטור — דעם פאָדעם פונ'ם לוסטיגען לעבען, וואָס רייסט זיך נישט איבער, — ווי ער. אַז „דער פאָדעם זאָל ווען-עס-איז איבערגעריסען ווערען"—

דאָס איז גאָר אויף זיין רעיון נישט אַרויף... דאָס אייביגקייט-פּראָבלעם האָט, אַפּנים, איהם קיינמאָל נישט פערנומען. אויך אין זיין שאַפען האָט ער זעהר זעלטען צוגעטראָטען אויף אויפצוהויבען דעם „לעצטען פאָרהאַנג"...

דער עפּיזאָד, פון וועלכען איך בין אַן עדות געווען און וואָס מיר איז נישט אַזוי לייכט פאָרצושטעלען מיט אַלע פּרטים, איז פאָרגעקומען אין לעצטען יאָהר פון זיין לעבען. דערפון קאָן מען, געוועהנטליך, קיין ראיה נישט ברענגען אויף מענדעלען בכלל, וואָס איז, ווי קיינער פון אונז, זיך שטענדיג געבליבען טריי, נאָר דוקא אַלס אויסנאַהם האָט ער מיך טיעף טיעף בעוועגט און איבערגעלאָזט מיט זיך דעם שטאַרקסטען אָנדענק וועגען אונזער דיכטער.

דאָס איז אויך געווען אויף דער זומער-וואוינונג, אויפ'ן „גרויסען פאָנטאַן", וואו ער האָט געוואוינט דעם לעצטען זומער פון זיין לעבען אין אַ פאַרנאַכט-שעה. די אַנדערע געסט זענען זיך שוין געהאַט צוגאַנגען און איך בין איבערגעבליבען מיט איהם אַליין. דער אַלטער איז שוין געווען שטאַרק שוואַך. דער הומאָר זיינער איז נאָך געבליבען, און אין די שעה'ן, ווען ער האָט זיך געשפּירט גוט, פלעגט ער אונז נאָך אונטערהאַלטען מיט זיינע זכרונות און רעזאָנערע געשפּרעכען, נאָר עס פלעגט טרעפען, ער פלעגט זיך פערפּלאָנטערן אין די לאַנגע שילדערונגען און האָבען אָבוואַכונגען פון דעם עיקר, און מיט האַרץ-קלעמעניש פלעגט ער דערפיהלען, אַז עס רייסט זיך איבער אין מיטען, און ער קאָן נישט פערענדיגען זיין געשפּרעך. די עלטער האָט שוין אַלץ מעהר אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען איר מאַכט אויך אויף דעם דאָזיגען שטאַרקען גייסט.

אין יענעם אָווענד איז ער עפּעס געווען שטאַרק אומעטיג און ער האָט מיך לאַנג נישט געלאָזט אַוועקגעהן אַהיים. און בשעת קיינער פון די שטוב-מענשען זענען נישט געווען, האָט ער זיך נעהענטער צוגערוקט צו מיר און שטיל אָנגעהויבען רעדען, און אין זיין שטים איז געווען אַ מאָדנע צערטליכקייט. ער האָט נישט צו מיר גערעדט, נאָר צו זיך אַליין-

צו עפּיס איינעם, פאַר וועמען ער האָט געוואָלט אַרויסזאָגען דאָס, וואָס האָט איהם שטאַרק געדריקט.

— דו מיינסט — האָט ער אָנגעהויבען נאָך אַ לענגערען שווייגען — אַז מיר איז שטאַרק צום האַרצען אָט די אַלע פּאַרטייאישע עסקים מיט זייערע חלוקי-דעות און אָט דאָס אַלץ, וואָס מ'האָט דאָ גערעדט אַ גאַנצען אָווענד? איך בין שוין אַזוי ווייט איצט פון אָט די אַלע זאַכען און קאָן נישט בעגרייפען, ווי טהוט מען זיך עס אַזוי אַריין מיט לייב און לעבען אין די אַלע קליינינקייטען, ווי איז מען עס מסיח-דעת פון דעם גרעסטען עיקר — פון גאָט... אָט בעטראַכט איך איצט נאָך אַמאָל מיין גאַנץ לעבען און וואָס איך האָב אָבגעטהון, און וואָס מיר איז געבליבען. איך וויל אַרויסגעפינען דאָס אַלץ, וואָס האָט מיך דערנעהנטערט און אַריינגעבראַכט אונטער די פליגעל פון גאָט, און אַלץ, וואָס האָט מיך פון איהר דערווייטערט... ביינאַכט אין די שעה'ן פון פערוואָגעלטען שלאָף הויב איך אויף די אויגען צום גרויסען גאָט און פאַרטרוי איהם מיין נשמה... איך קוק זיך איין אין אונזער לעבען און אין די מעשים אונזערע, און איך וויל אין זיי געפינען דאָס, וואָס האָט אַ שייכות צום אייביגען און מיר איז שווער פון דעם דאָזיגען גאַנצען טומעל נישט אויסצובעהאַלטען זיך פון איהם. און איך פרעג: וואָס טומלען זיי אַזוי, און פון וואַנען נעמט זיך ביי זיי די זיכערקייט, אַז ביי זיי איז דער גאַנצער אמת?... אוי, אָט דער דאָזיגער אמת...

און וואָס מעהר ער האָט גערעדט, אַלץ גרעסער איז געווען זיין אויפרעגונג, און זיין שעפּטשען איז געוואָרען אַלץ אינטימער. ער האָט מיר ממש איינגערוימט אין אויער, ווי שעמענדיג זיך, ווי מורא-האָבענדיג, מען זאָל אונז נישט אונטערהערען... אין אַלע זיינע רייד האָט זיך שוין געהערט אַן אַנדער אָבקלאַנג, אַ ווידערקול פון „נישט קיין היגען" לעבען... אין דעם בענקענדיגען וידוי צו גאָט, וואָס איך האָב דעם ערשטען מאָהל דערהערט פון דעם זיידען, האָט שוין געקלונגען דער רוף פון אַ אַנדער מאַכט, וועלכע מענדעלע האָט אין לעבען אַזוי זעלטען אַנערקענט. דער „פּרוזדור" איז שוין געווען

איינגעזונקען אין אַ פינטטערניש, און די שיינען פון דעם „טרקלין”, האָבען אָנגעהויבען אַלץ שטאַרקער צו ציהען דעם. וועלכער איז אַלע זיינע יאָהרען געווען אַזוי צוגעבונדען צו דער איינציגער שעהנקייט פון דעם ערדישען...

י״ב שבט, תרע״ו.

צום צענטן יאָרצייט פון
מענדעלע מוכר-ספרים
(שלום יעקב אַבּראַמאָוויטש)

צום צענטן יאָרצייט האָט דער פאַרלאַג „מענדעלע” אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס אין אַ נייער, באַאַרבעטער און קאָנטראָלירטער אויסגאַבע. פאַר יעדן באַנד קומט אַן אַריינפיר און אויך אַ גענעריקע אָפּהאַנדלונג-כאַראַקטעריסטיק פון די ווערק.

אויסער די פריערדיקע צוואַנציק בענדער, האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן צום יאָרצייט נייע צוויי בענדער: באַנד XXI „מעשיות וועגן מענדעלען” און באַנד XXII „דער מענדעלע-טורעם”.

באַנד 1 מענדעלע מוכר-ספרים (זיין לעבן און שאַפן)
באַנד 2 דאָס קליינע מענטשעלע
באַנד 3 פישקע דער קרומער
באַנד 4 די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט-בעלי-טובות.
באַנד 5 די קליאַטשע
באַנד 6 לופט באַלאָן. דער פיש
באַנד 7 יודעל
באַנד 8 שבתדיקע זמירות. פּרק-שירה
באַנד 9 מסעות בנימין השלישי
באַנד 10 דער פריזיוו
באַנד 11 דאָס ווינשפינגערל, I טייל
באַנד 12 דאָס ווינשפינגערל, II טייל
באַנד 13 צוריק אַהיים. אַלטע מעשה. שם און יפת אין וואַגאָן
באַנד 14 אין אַ שטורעם-צייט. אין דער ישיבה של מעלה. אַ סגולה צו יידישע צרות
באַנד 15 די נשרפים. ספר הבהמות. ספר הגלגולים. דאָס קעלבל
באַנד 16 שבת און יום-טוב. חג האָסיף. דער חילוף. שבת. וואָס הייסט חנוכה. אויף אַסיפות. אַ שטאָט אין מזרח-וואַנט. די אַנטדעקונג פון וואָלין.
באַנד 17 עלטערן און קינדער
באַנד 18 שלמה ר׳ חיימס (1 בוך)
באַנד 19 שלמה ר׳ חיימס (2 בוך)
באַנד 20 זכרונות וועגן מענדעלען

נייע צוויי בענדער

באַנד 21 מעשיות וועגן מענדעלען
מעשיות, זכרונות, עפּיזאָדן און קוריאָזן דערציילט פון שלום-עליכם, ציטראָן, אַנ — סקי, ראַווניצקי, קלויזנער, שניאור, פיכמאַן א. א.
באַנד 22 מענדעלע-טורעם
אַרטיקלען פון ש. ק. בערדיטשעווסקי, גינזבורג, דובנאָוו, דינעזאָן, בערקאָוויטש, ספּעקטאָר, ווייטער, נאָרעליק, פּריליצקי, ניגער, נאַדיר, אויסלענדער, דאַברושין, מייזיל, גראָס א. א.

די ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים זענען די גרונט-שטיינער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז איר אָנהייב, איר ערשטער אויסדרוק פון קראַפט, פון פאָרם, פון שפּראַכלעכער און קינסטלערישער פאַרווירקלעכונג.

מענדעלע איז ביז היינט דער גרעסטער קינסטלער פון יידישן וואָרט. זיין ווערק איז צום לערנען, צום שטודירן און צום געניסן צוגלייך. מענדעלעס ווערק דאַרפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז!

פאַרלאַג געזעלשאַפט „צענטראַל” וואַרשע, נאַוואַליפּקי 7.